STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03991

FUN ALEF BIZ TOF

Arn Vergelis

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארן ווערגעליס



פון אלעף ביז טאָף

לידער און פאעמעס

„סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע • 1970

וואָרצלען

1

צווישן בירע און בידזשאן

אונדזער געבאָט

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען היצן און טײַפונען
מיט א געבאָט — געמאָלדן אין דער וועלט:
ווילסט טרינקען וואסער — גראָב אליין דעם ברונעם,
ווילסט עסן ברויט — פארזיי אליין דאָס פעלד!

און דאָס געבאָט — מיט הארבער מי געלײַטערט —
מיר האָבן אויסגעהאקט אף זיך, ווי אף א שטיין:
ווילסט ליכט און ווארעמקײַט — צינד אָן אליין דעם שײַטער,
און ווילסטו היימלעכקײַט, איז בוי אליין דײַן היים!

1934

פרילינג אין מײַן קאנט

באַ יעדן טײַך, אַף יעדן ברעג,
אין יעדער שטאָט, אַף יעדן ראָג
טרעפט, אַז עס קומט צו גיין דער טאָג,
ווען ס'איז די נאכט נאָך ניט אוועק.
דאַן ווערט די וועלט צעטיילט אַף צוויי:
איין טייל נאָך שלאָפט, די צווייטע וואכט,
ס'איז אַפן מײַרעוו שטיל און נאכט,
און ווי אַ פאַקעל אינעם שניי
גייט אוף די זון אַפן כינגאַן —
ס'איז פרילינג אין ביראָבידזשאַן.

עס כאַפּט אין וואַלד אַ וואָלף זיך אוף.
ער ציט זיך אויס מיט שלאַנקן גוף,
ער גיט אַ יאָג זיך צו דעם טאָל —
די לופט איז דאָרטן ווי קרישטאָל,
דער שניי מישט אויס זיך מיטן רוים,
אין פלאַם פון זון ברענט יעדער בוים...
סע הייבט דער וואָלף דאַן אָן צו וואָיען,
דערהערט די גאָרע וועלט זײַן רוף,
און אינעם הימל אינעם בלויען
דער ערשטער פויגל הייבט זיך אוף.
מיט שטילן פלאַטער פון די פליגל
ער לעשט די לעצטע שטערן אויס,

און כּיַיעס קאָנען מער ניט ליגן
און קריכן אַף דער שײַן ארוים.

סע שטארבט דאָס אײַז, און טראָפּנס פאלן...
א האָז מאכט גריבלעך מיט די פּיס —
זיי פּילן אָן זיך גלײַך מיט שטראלן,
און ס'גיט דער שניי זיך א צעגיס,
און ריטשקעלעך אָן אָרט זיך מאכן,
פון צווײַגן טריפט, פון שטאמען טריפט,
א פויגל אינעם הימל שטיפט,
א וועווערקע נעמט שנעל זיך דרייען,
א ווילדע ציג זוכט אָפּ א קוואל,
וואָס איז געווען פארדעקט מיט שנייען,
א סויבל שפּילט זיך מיט א שטראל...

און היימלעכער אין יִשעוו ווערט,
ס'צעעפענען זיך טיר־און־לאָדן,
ווען יעגער קומען אָן אהער
מיט שעפע וואלדישער באלאָדן.

בא יעדן טײַך, אַף יעדן ברעג,
אין יעדער שטאָט, אַף יעדן ראָג
טרעפט, אז עס קומט צו גיין דער טאָג,
ווען ס'איז די נאכט נאָך ניט אוועק,
דאן ווערט מיט זון פארפולט דער הימל,
און ס'לעשט זיך אוים זײַן בלייכער ראנד,
און וועלדער שטייען אוף פון דרימל,
א מענטש א מענטשן דריקט די האנט —
ס'איז פרילינג אין בירָאבידזשאן!

1937

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען?

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם בירע־טײַך?
אין שײנקײַט איז ער מיטן דניעפּער גלײַך,
און פֿליסן פֿליסט ער פֿונעם דניעפּער שנעלער.

מאַכט זיך אַמאָל אַן אָפּדערנאַכט אַ העלער,
איז ווייסט איר, ווי די בירע זעט דאַן אויס?
אײַ, איז זי גרויס!
אײַ, איז זי ברייט!
זי יאָגט אַזוי פֿאַרטראַכטערהייט,
און אַלע ביימער קוקן פֿון איר נאַסע,
אַליין דער הימל טוקט זיך אין איר וואַסער.

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם קליין־כינגאַן?
אױף זײַנע סאָפּקעס ווױנט דער בער און דער פֿאַזאַן,
און בלוי איז ער, ווי הימל נאָך אַ רעגן.

מאַכט זיך אַמאָל, דער טײַך פֿאַרגיסט די ברעגן,
איז ווייסט איר, ווי כינגאַן איז דעמלט שיין?
ער שטייט אַליין
און רייצט זיך מיט די וועלן,
און אויב דעם טײַך איז עס ניט שטאַרק געפֿעלן,
איז נעמט דער באַרג און וואַרפֿט אַראָפּ אַ שטיין.
סע הייסט:

— איך בין א בארג,
און דו מעגסט ווײַטער גײן!..

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם טײַגע־וואלד?
געדיכט איז ער!
א בוים א שווערער פאלט,
און ווילדע הירשן יאָגן צו א קוואל.

פארנאכט צינדט אָן אין טײַגע זיך א שטראל,
איז ווייסט איר, ווי עס זעט דאן אוים דאָס גראָז?
ס׳איז ראָז,
ס׳איז דין.
און געלע בלעטער ווערן ווידער גרין.

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען ביראָבידזשאן,
מיט בירע און כינגאן,
מיט טײַגע, וועלכע איז נאָך ווילד אצינדער?

אײַ, איז דאָרט הויך דער הימל, קינדער!
און ווייסט איר, וויפל רײַכקײַט ס׳האָט דער קאנט?
— ניט מעסטן מיט דער האנט,
— ניט ציילן אױף די פינגער,
— ניט אלץ ארײַנצושטעלן אין אָט דער־אָ ליד,
ס׳איז קוילן,
ס׳איז גראניט,
ס׳איז מארמאָר, טוועס, רויזן,
דער וואלד, די טײַכן, וועלכע ברויזן,
פיכטא און צעדער וואקסט אױף יעדן שפאן —
אזוי איז, קינדער, רײַך דאָס לאנד ביראָבידזשאן.

1936

באם קוואל

א.

ווען עס פאלט א טראָפּן אױף א שטויבל,
מוטנע־גרוי דער טראָפּן דעמלט ווערט.
„קוואל דו יונגער, זאָג, וואָס ביסטו זויבער?
שלאָגסט ארויס דאָך פון דער שווארצער ערד!"

בייג איך אָן צום קוואל זיך, און איך הער:
„כ'בין דערפאר א שניי־ווייסער, מיין טרייער,
ווייל עס האָט מיך יאָרנלאנג געשייערט
די געדיכטע שווארצקייט פון דער ערד..."

ווען אין נאכט פּרווט נאָר א שטראל זיך ווייזן,
פון דער נאכט פארשלונגען גלייך ער ווערט.
„זאָג מיר, קוואל, פארוואָס האָט אזוי פליייסיק
דיך געפּוצט די ניט־געפּוצטע ערד?"

בייג איך אָן צום קוואל זיך, און איך הער
פונעם ווילדן וואסערל דעם פלוידער:
„ס'האָט די ערד געמאכט מיך פריש און זויבער,
איך זאָל פרישקייט ברענגען אױף דער ערד..."

1937

ב.

כ׳בין צום קוואַל געקומען הײַנט צו גײן,
כ׳האָב זײַן שטראָם געפּרוּווט מיט מײַנע ליפּן,
און אין יענער רעגע כ׳האָב באַגריפן,
ווי אַ שטראַל קאָן דורכברעכן אַ שטיין
און אַרויס אין העלער וועלט געשליפן...

אַלע טאָג אַהער צום קוואַל איך קום —
זען, ווי שאַרפע שטראָמען האַסטיק שלאָגן,
אײַנזאַפּן אין זיך דעם שטראַל דעם קלאָרן,
וואָס דער טיפער קוואַל האָט צו דער זון
דורך דער פינצטערניש אַדורכגעטראָגן!

1938

ג.

ס'האָט ערשט אַרויסגעשלאָגן ס'פרישע קוואַלעכל,
איז קורץ זײַן וואַסער־וועג, כאָטש בלוי און ריין.
עס לייגט אַוועק זיך, ווי אַ זײַדן שאַלעכל,
אויף קאָפּ אויף גרינעם פון אַן אַלטן שטיין.

נאָר אָט גייט עס אַ וואָרף זיך ווי אַ פישעלע
אין גראָזיק טײַכעלע — אין טיפן טאָל.
דאָס פרישע קוואַלעכל וועט וויפל פליסן נאָך?
צי יאָגן ברייט עס וועט, צי יאָגן שמאָל?

בײַ בלומען וואַשן וועט עס ווײַסע פלעשעלעך?
צי גאָר אין וועלט אַרײַן וועט פליסן סטאַם?
אָ, ס'ווייסט דאָס קוואַלעכל אַליין נאָך עפּשער ניט,
אַז ס'וואַרט אין ווײַט אויף דעם אַ גרויסער יאַם...

1939

2

היים

א.

ווען כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד, א מידער גייער,
האָב איך געזען:
ניטאָ אפילו דאָ קיין אָרט פאַר שנייען...
עס שטרעקן דעמבן צו בעריאָזעס אויס די הענט —
זיי ווילן צונעמען די רוימען זייערע.
דעם שאַרפן שטיין אין האַרטער ערד פאַרקלאַמערט,
א בערגל אויף א בערגל קלעטערט —
און אַלץ זיך בעט, אז ווערן זאָל געראַמער.
ווען כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד, א מידער גייער,
האָב איך געהערט:
פון פייגל ווילד דערשראָקענע געשרייען,
דאָס וואָיען פונעם אופגעוועקטן בער,
און דעם איזיובערס ברומען,
און אַלץ האָט אָנגעזאָגט:
— ער איז געקומען...

1934

ב.

א וווּנדערלעכע נאַכט אַצינד, מײַן טײַערע,
דער הימל איבער אונדז איז ווי בורשטין.
ס'לעשן זיך אין הײַזעלעך די פֿײַערן
און צינדן זיך אין די רוימען גרין.

פֿאַרגליווערט שטייען דאָרט די דינסטע ביימעלעך,
די צווײַגן הוידען זיך און סוידען זיך אויף זיי,
ס'הער זיך אײַן, מײַן טײַערע, זיי רוימען דאָך:
„ס'וועט פֿאַלן באַלד א זילבערדיקער שניי...״

די סאָפּקע, ווי א היילן־הירש א לויטערער,
איז צוגעלאָפֿן טרינקען צו דעם טײַך,
האָט זיך א כוואַליע אופֿגעריסן מוירעדיק
און שוימענדיק זיך אָפּגעטראָגן גלײַך...

א וווּנדערלעכע נאַכט אַצינד, מײַן טײַערע,
דער הימל איבער אונדז איז ווי בורשטין,
די ווײַט איז א באַשפּרענקלטע מיט פֿײַערן,
זיי רופֿן אונדז, זיי רופֿן אונדז — וווּהין?..

1933

ג.

מירן שפּעטער די כאַסענע פּראַווען,
עפּשער דאָרט, אין דער שטאָט, אויבנאָן...
זאָג, פאַרוואָס האָבן אָדאָם און כאַווע
ניט געוווּסט, אַז זיי הייבן ערשט אָן?

הער זיך אײַן. אין דער ווײַט, דערקענסטו,
קלינגען טענער פון אָנקום און טראָט,
ס'קומען מענטשן, און מירן זיי בענטשן,
און זיי אָנווײַזן ס'אָרט פאַר א שטאָט.

בּייג זיך אָן — ווּעסט דעם אָנקום דערהערן,
ס'איז די צוקונפט פאַר אונדז דאָך א וואָר —
ווי די גרויסקײַט פון קלייניקע שטערן
איז פאַר מענטשן פאַרשטענדלעך און קלאָר...

מע וועט שמועסן אין שטאָט דער צעשטראַלטער,
אין דער שטאָט, וואָס איך זע זי שוין גרויס,
אַז אָט דאָרט, ווּ עס פינקלען אַספאַלטן,
האָט א ליבע אין טײַגע געבּרויזט...

1936

ד.

נו, טיי א קענדעלע!
איך דאַרף קיין שײַטער ניט,
דער וואַלד א שײַטער איז — ער ברענט, ער ברענט.
די פֿלאַמען רײַסן פּונעם וואַלד די נאַכט־קליידער
מיט ריזיק שפּיציקע, מיט ווײַסע הענט.

נו, טיי א קענדעלע!
וואָס איז מיר גוט אזוי? —
עס איז פאַרבײַ עפּעס, ס׳ווערט עפּעס נײַ...
נאָך יאָרן פינצטערניש, נאָך יאָרן וויסטעניש
שפּאַצירט דאָס ליכט אצינדער פראַנק־און־פרײַ!

איך שרעק פאַר פֿלאַם זיך ניט, איך זינג א פֿלאַמען־ליד,
נו, טיי א קענדעלע
גיס אָן, מײַן פרײַנט!
מיר דוכט: די סרייפע־שײַן האָט זיך אין הײַזעלעך
אַף טישן ציכטיקע מיט רו צעשײַנט...

די פֿלאַמען הוליען נאָך, די פֿלאַמען מיינען דאָך,
אז זייער יאָמטעוו וועט דאָ ניט פאַרגיין,
...איך זיד א קענדל אוף, און ס׳פײַער בריט מיך ניט,
און ס׳פײַער העלפּט מיר נאָר צו זידן טיי.

1936

ה.

כ׳האָב זיך פֿארבענקט אין פֿרילינג נאָך א שניי, —
מיט שטילער פֿרייד דעם סאָד האָב איך באטראַכטן,
צעווייגט א צווײַג, דעם צוויט האָב איך צעווייט,
און ס׳האָט א שניי אף דעם כינגאן געשאָטן...

כ׳האָב זיך פֿארבענקט אין ווינטער־צײַט נאָך צוויט, —
אליין ארײַן בין איך אין סאָד אין ווײַסן,
געזען: דער שניי פֿון צווײַגן שיט און שיט,
ווי עמעץ וואָלט די קווייטן פֿון זיי רײַסן...

אין ווילדעניש איך זע די פֿרוכט אף בוים,
כאָטש קיינמאָל כ׳האָב דעם סאָד נאָך ניט באטראַכטן...
ס׳איז פאר א טרוימער גאָרנישט ניט פֿארבאָטן,
פֿון אלץ פֿארזוכט ער, וואָס ער זעט אין טרוים!

1938

ו.

שטילקײט און שװײַגן און װײַטע געשפּרעכן,
און איך — אין א מיטן פאַרװאָרפן איך שטײ,
װען איך װאָלט קאָנען די שטאַמען צעברעכן,
װאָלט איך געקװיקט זיך מיט זײער געשרײ.

מוירע און אומעט באַהאַלט אָט דאָס שװײַגן,
גלײַך װי מיט פּאַכעד איך װער דאָ געפּרוּװט,
זאָל כאָטש א כײַע דאָ נאָענט פאַרבײַגײן,
זאָל כאָטש א פוּיגל צעשנײַדן די לופט.

לעװאָניקע בערג, העל־באַזילבערטע טאַצן,
טראָגן, װי סוידעס, די װעלדער צום פּלײן,
זאָל כאָטש א שטערן אין הימל הײַנט פּלאַצן,
זאָל די לעװאָנע כאָטש אופהערן גײן!

1934

ז.

האָבן וואַסערן אין שטילקייט זיך פֿאַרוויגט,
אַזאַ רויִקייט האָט וואַסערן באַטראָטן,
פֿליִען שוועלבעלעך פֿון יענער זײַט צוריק,
זוכן, שטילינקע, אַף נאַכטלעגער אַ שאָטן.

די לעוואָנע גייט אַרויס ווי אַף געפֿאַנג,
זוכט אין טיפֿעניש און קאָן דאָרט ניט געפֿינען,
שטעלט זי אָפּ איר הויכן, שטילן גאַנג
און איז גרייט אַף טראָפּנדלעך צערינען.
זי וועט שטיין אַזוי מיסטאָמע לאַנג —
ביז אין טײַגע וועט שוין קומען דער באַגינען.

יעדע ווײַלע ציטערט אויף אַ בוים,
גלײַך מע וואָלט אים אָדערן געצויגן,
און די בירע פֿליסט אַ רויִקע אין רוים,
ווי אַ לויטערער, אַ זילבערדיקער בויגן.
ס'כאַפּט זיך אויף אַ פֿויגל פֿון זײַן טרוים
מיט צוויי שוואַרצע קײַלעכדיקע אויגן.

און אָט גיט אַ כוואַליע זיך אַ צי
צו דער הויכער שטערנדיקער בלענדשאַפֿט —
דאָס שיקט אָפּ דער בירע־טײַך זײַן בענקשאַפֿט
נאָכן לאַנג געגאַרטן אינדערפֿרי.

1935

ח.

דער קלאָרער שניי, ווען ער איז ווײַס ווי שוים
און ווײַט צעשפּרייט, — וואָס איז דען פון אים שענער?
עס פאַרבט זיך אויס אין זײַן קאָליר דער רוים,
און קליינע שטערנדלעך אין הימל ווערן קלענער.

דער וואַלד ווערט בלוי, מע זעט ניט קיין פּאַזאַן,
און צווײַגלעך פּראָסטיקע דאָרט גליווערן ווי טראָפּנס,
ס׳איז שטיל. ס׳איז קאַלט. עס ליגט ביראָבידזשאַן
מיט ווײַסע פּײַערן אויף שנייִקן צוקאָפּנס.

איך בין אליין, איך זוך אין אַלטן פּלויט.
איך זוך דאָס דערפּעלע, וואָס ניורעט זיך אין דרימל,
...דער שניי איז ווײַס, און די לעוואָנע — רויט,
און ווי דער יאַם איז בלוי דער הויכער הימל.

אַ שטערן פּלאַצט. זײַן העלקײַט גיסט זיך אויס
אויף שלאַנקע מויערן מיט זילבער אויף די דעכער.
איך זע די גאַס: זי איז שוין ברייט און גרויס
און וואָס אַ טאָג זי ווערט אַלץ העכער, העכער.

1936

ט.

איך פֿיל ניט, ווי איך וואַקס, כ׳דערזע, אַז איך בין העכער,
איך לויב דעם שטאַרקן קויעך, וואָס צו דער הייך מיך ציט,
וואָס כאָוועט אויס מײַן וווּקס, וואָס כאָוועט אויס מײַן ליד,
צעברעכט אין מיר דעם גליווער, מיך אַליין צעברעכט ניט,
נאָר צו דעם הימל ציט.

פֿאַרוואָרצלט איז דער בוים — איך בין דעם בוים מעקאַנע,
איך לויב דעם שטאַרקן קויעך, וואָס האַלט מיך אויף דער ערד,
וואָס בענטשט מײַן וווּקס מיט קראַפֿט, מײַן טראָט מאַכט וואָגיק־שווער,
וואָס גליקלעך מאַכט די ערד, אויף וועלכער כ׳בין געשטאַנען,
און מיך פֿילט אָן מיט גליק, וואָס איך באַטרעט די ערד.

1938

י.

אין א וויוגע, אין א ווילדער נאכט,
ווען דער ווינט רײַסט שטערן אויס פון רוימען,
איז א יעדער וואנדערער פארטראכט —
העלע שויבן זעט ער אין די טרוימען.
ס'טוט אים וויי, וואָס הייכן זײַנען בלינד,
יעדער קלאנג איז שוואכער איצט און ווײַטער,
דאכט זיך אים, ער זעט ערגעץ א שײַטער,
נאָר פון אויג קלאפט פונקען אויס דער ווינט...

דעמלט וואקסט באם וואנדערער דער וויי,
און דער צאָרן לאָזט אים שוין ניט דרימלען,
ער איז גרייט איצט אופהייבן דעם שניי
און צוריק איםווארפן אין די הימלען!
גייט דער מענטש.
סע שווינדלט, עס איז שפעט,
מיט די הענט פארשטעלט ער זיך דאָס פּאָנעם.
ביז אין ווײַט א פײַער ער דערזעט,
ווי א פיש פון וואסער — די לעוואָנע.

לויב צום מענטש!
זײַן לײַכט־שטערן געווען
איז אין הארץ אין אייגענעם פארבאָרגן,
און דערפאר האָט ער די שײַן דערוואָרבן —
זאָל זיך שפרייטן אין דער וועלט זײַן שעם!

1937

3

העכער פון א דעמב
און שטארקער פון א סרייפע

צווישן צוויי סטיכיעס

1

צום ערשטן מאָל איך האָב א וואלד־סרייפע געזען,
זי האָט פון טאָל ארויסגעריסן זיך און הויך געשטיגן —
ווי ס'וואָלט א גרויסער פלאם־פויגל פון יעגערס הענט
ארויסגעריסן זײַנע רויטע פליגל.
איך בין געשטאנען אפן בארג. אנטלאָפן איז דער הייל־הירש.
דער הירש געטראָגן האָט צום קוואל זײַן דאָרשט און זײַן דערשרעק.
נאָר ס'האָט דער טאָל געשטעלט זיך אים אין וועג,
א פלאם האָט אים באגעגנט און מיט כיישעק אים באלעקט,
ווי ס'וואָלט דער הירש געוועז א קוואל, און אָט דער פלאם —
א הייל־הירש.

2

איך האָב דערזען: די סרייפּע קלעטערט אַפּן באַרג!
די גאָרע וועלט איז פאַר דעם פייַער אָפן...
און וואָס איז דען די שרעק? זי כאַפּט דיך אָן און וואַרגט,
זי רייַסט דיך אויף פון אָרט — איך בין אַנטלאָפן!..
איך בין געלאָפן לאַנג, געיאָגט פון באַרג פון יענעם.
און וואָס איז דען אַ מענטש, ווען פלאַם אַרום אים שטייַגט? —
ניט שטאַרקער פון אַ הירש, ניט העכער פון אַ צווייַג,
די וועלט איז פאַר אים ענג, די ראַכוועס איז אַ שטייַג.
און וווּ ער זאָל ניט לויפן — וואַרט אויף אים אַ גענעם...
איך בין געלאָפן לאַנג. דער הימל האָט געברענט שוין
פון זייַטן דרייַ העל־רויט, די פערטע האָט געטאָגט...
און פּלוצעם — פון דער זייַט, וווּהין איך האָב געיאָגט,
צום פייַער לויפן ווילד איך האָב דערזען אַ מענטשן.
אָט איז ער! אָט בין איך! — די בליקן זיך צעקרייצן:
„צוריק! צוריק!” — ער שרייַט. — „דאָרט איז פאַרפלייצונג!
אַמור האָט זיך צעגאָסן... גיי איצט פּרוּוו אים צאַמען...”
בין איך געבליבן צווישן וואַסערן און פלאַמען...
דאָס פייַער יאָגט מיך אָן, דאָס וואַסער ביז די לענדן!
וואָס קאָן אַ מענטש דאָ טאָן? וווּהין זאָל איך זיך ווענדן?

3

איז גוט, וואָס נאָך איין מענטש פאַרלאָפן איז אַהער...
(די שרעק, וואָס קוקט אויף גרויל, אין גלייַכגילט גייט אַריבער).
איך שטעל דעם מענטשן אָפּ. צי כ׳זאָג אים, צי איך קלער:
„אויב סרייפּע־פלאַם פאַרלענדט, דעם וואַסער גיב זיך איבער.
דאָס וואַסער לעשט דעם פלאַם, אין וואַסער איז די רעטונג!”
נאָר ס׳הערט מיך ניט דער מענטש. ער לאָזט זיך גלייַך צום טאָל,
ער קען שוין מער, דער מענטש, דעם פלאַם ניט איבערטרעטן,
איך זע ניט מער זייַן גרויל, איך הער ניט מער זייַן קאָל.
כ׳בין ווידער איין־אַליין. אַ כוואַליע יאָגט אַריבער.
זי נעמט אַרום מיט קעלט, זי אָטעמט אויס אַ הויך.

דעם אָטעם איבערכאַפּן — סטײַען זאָל נאָר קוי׳ך!
א כוואַליע טוט א גלעט — און דער אמור ווערט ליבער...
איצט לעשט ער, דער אמור, מיט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט,
מיט שטראָמען, וועלכע קאָנען פעלדזן־בערג צערוקן,
דעם וואַלד ער שלעפּט אַרוף זיך אויפן רוקן,
און הירשן צוגעסמאַליעטע, דערשראָקענע ער טראָגט.
און אָט שטעלט ער זיך אָפּ. די פונקען פאַלן, טײַען,
ווערט ווידעראַמאָל שטיל. מע הערט, ווי פייגל שרײַען...

4

...אויף בארג איך בין ארויף, אויף שוימיק־בלויער הייך,
א קוק געטאָן אין טאָל — דאָרט איז דער מענטש געלעגן
פאַרקוילט, לעם אים — דער הירש. פון שוואַרצע וואָלקנס רויך
געסטאַרטשעט האָט די פּאַנטע — א צעפּליקטער זעגל.
געשטילט איז דער אמור. ער איז שוין אָפּגעפלאָסן.
און מיך האָט ער געמײַדט, און איך האָב אים באַגלייט...
און ווײַט, האָב איך דערזען, א יישעוו ליגט צעלייגט.
א סטעזשקע פירט צו אים — א סטעזשקעלע פון פרייד,
א סטעזשקעלע פון מוט דורך ליכטנדיקע גראָזן...
און קוק איך נאָר אין טאָל, דערזע איך דאָרט דערנעבן
צוויי קאַלטע שטיקלעך קויל — געלעבט אין זיי האָט בלוט,
נאָר זיי האָבן פאַרזען איין־איינציקע מינוט,
און לעבן א מינוט — הייסט ראַטעווען דאָס לעבן!
און ווער ס׳האָט עס געקאָנט, באַזינגנדיק דעם צווייפל —
איז העכער פון א דעמב און שטאַרקער פון א סרייפע!

1940

איך וויל איצטער יאָגן

עס זײַנען די דעכער מיט זילבער באַצויגן,
פון בלויקײַט, פון העלקײַט זיך זשמורען די אויגן.
דאָרט, אונטער בערג, בא דעם וואַלגער פון שטאַמען
קלעטערט די ווײַט מיטן הימל צוזאַמען.

איז גוט אינעם דרויסן דעם פראָסט איצט באַגריסן,
אין בלויקײַט זיך טוקן, פון פרישקײַט געניסן,
און גוט איז אַרײַן אין א טאַנץ מיט די שנייען
און אויך, ווי די שנייען, זיך דרייען און דרייען,
און גוט איז און וויל איז זיך איצטער צעיאָגן
אַנטקעגן דער צײַט, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן.
און זאָלן די שנייען מיך טראָגן, פאַרטראָגן
אף גאַסן אף ווײַסע, אף שנייִיקע ראָגן.

און זאָל זיך א מענטש מיר איצט טרעפן אַנטקעגן,
זאָל ער מיך אָפּשטעלן, זאָל ער מיך פרעגן,
זאָל ער פאַרזשמורען פון בידעש די אויגן —
איך וואָלט אים מיט זיך אין דער ווײַטקײַט געצויגן!
און זאָל ער, דער מענטש, מיט די אייגענע כושים,
און זאָל ער, דער מענטש, מיט די אייגענע אויגן
דערזען און דערפילן און שפּעטער מיר זאָגן:
ווי גוט פאַר א מענטש איז אין ווײַט זיך צו טראָגן.

די טיפקייט פון וואלד מיטן זויבערן שניי־דעק,
וואָס ליגט אָפּ א ווינטער — קיין פוס אף איר גייט ניט,
דאָס וואָיען פון בער אין זיין לעצטן פארבייגיין,
דער לעצטער, פארצווייפלטער הילך פון דער טייגע,
וואָס פילט שוין דעם צוריר פון אָנזאָגער זעגן
און הערט שוין דעם גיבערשן טראָט אף די שטעגן —
דאָס אלץ איז אן אוידעס, דאָס אלץ וועט אייך זאָגן,
ווי גוט, ווען אין לאנד פון דער טייגע נעמט טאָגן!

דער אלטער אמור מיט די כוואליקע טיפן —
ער טראָגט שוין ניט מער קיין צעבראָכענע שיפן,
פון אלטע קאזאקן אף העפקער געלאָזטע,
איצט האָט מען זיין ברייט און זיין טיף שוין געמאָסטן,
און דאמפערס זיין גרונט און זיין אָפּגרונט צעשניידן,
און ניט זיי פארהאלטן, און ניט זיי פארמיידן...
און אלץ איז אן אוידעס און אלץ וועט אייך זאָגן,
ווי גוט, ווען אין לאנד פון דער טייגע נעמט טאָגן!

עס זיינען די דעכער מיט זילבער באצויגן,
פון בלויקייט, פון העלקייט זיך זשמורען די אויגן.
דאָרט, אונטער בערג, בא דעם וואלגער פון שטאמען
קלעטערט די וויט מיטן הימל צוזאמען...

1934

א טרער, מײַן פרײַנט,
טוט קיינמאָל מיר ניט באנק

א טרער, מײַן פרײַנט, טוט קיינמאָל מיר ניט באנק,
א טרער פון פרייד, א ווארעמע און קלאָרע,
זי רינט אראָפּ — ווערט העלער דער געדאנק,
די שענסטע ליד עס ווערט מיט איר געבאָרן.

ווער זאָגט, אז טרערן קומען נאָר פון וויי,
אז נאָר פון גרוילן קומען אָן די טרערן?
א טרער אין אויג איז ניט קיין שטיקל שניי,
נאָר א צעגליטער טראָפּן פון א שטערן!

עס טרעפט: דאָס אויג קאָן טרוקן מער ניט זײַן,
פון גרויסער פרייד די ברוסט ווערט שיר צעריסן, —
דאן הייבן אָן די הייסע טרערן פליסן,
און גלייב מיר, פרײַנט: ביז ווייטעק עס פארדריסט מיך,
אויב פרייד און גליק די טרערן האלטן אײַן.

דער פרישער טוי בענטשט אינדערפרי דעם זאנג,
איז וואָס, אז טוי אף וויִעס כ'האָב פארלאָרן?
א טרער, מײַן פרײַנט, טוט קיינמאָל מיר ניט באנק,
די שענסטע ליד עס ווערט מיט איר געבאָרן.

1938

דאָרשט

ס׳איז ענדע יול. מיט שטויב איז פול די לופט.
עס רירן זיך ניט אפן פעלד די זאנגען.
א בלום באהאלטן האָט אין גראָז איר דופט
און אף א זאנג אליין זיך אָנגעהאנגען.
צוויי בלעטלעך, ווי ליפּן טרוקענע, פארפרעסט,
זיי בעטן וואסער בא די וואָלקנדלעך די דינע,
נאָר וואָלקנס זײַנען בא דער זון איצט געסט,
און ס׳וויל די זון, זיי זאָלן ניט צערינען.
שלאָפט אײַן דאָס בלימל אף דער ברוסט פון פעלד,
די בלעטלעך שטויביקע אוועקגעלייגט צוקאָפּנס.
און עס געפינט זיך ניט אף גאָרער וועלט
פאר אָט דעם קליינעם בלימעלע קיין טראָפּן.

א ביסל זאפט פון לײַב די בלום קוועטשט אויס,
א טרוים באהויכט דאָס אויסגעדארטע שטענגל.
עס דוכט זיך דעם, אז פולע טראָפּנס הענגען,
און יעדער טראָפּן — שווער אזוי און גרויס...
צו הימלען וועט דעם בלימלס טרוים דערגרייכן,
ווי עס דערגרייכט צו אים דער ראנד פון אָט דער ערד.
אין די פארשטויבטע ווײַסלען פון די הייכן
וועט שטעלן זיך א וואָלקן, ווי א טרער...

1939

דער מילכוועג

מיר האָבן דעם כינגאָן מיט שאַרפֿן וועג, ווי מיט אַ זעג, געשניטן,
האָט דער פֿאַרטויבטער ריז געוואָרפֿן פֿעלדזן אַף זײַן הוילער ווונד,
ער האָט געוואָלט דעם דורכגעלייגטן וועג פֿאַרשיטן,
געטראָפֿן אין אַ מענטש —
און מיט אַ שטיינער־אויסברוך פֿונדערמיטן
אים אופגעהויבן אין דער הייך און אָפּגעשלײַדערט פֿון זײַן גרונט.

דעם מענטש באַגראָבן האָבן מיר, ווען ס'האָט אַף בערג געלײַטערט,
דער טאָג האָט אָפּן קיווער אים די זון געבראַכט,
דערנאָך געזעסן זײַנען מיר באַם אַש פֿון שײַטער
און שטיל זיך צוגעהערט צו וואַסערפֿאַלן ווײַטע...

אַ זאָקן האָט פֿון אָרט זיך אופגעהויבן שווער,
ער האָט געזאָגט, פֿאַרווישנדיק דעם אָפּגלאַנץ פֿון אַ טרער:
„אין דער מינוט פֿון ווי זאָל זײַן אַ טרייסט אײַך מײַן געשיכטע:
אַמאָל־אַמאָל, ווען ס'איז קיין מוילעד ניט געווען נאָך אַף דער וועלט,
האָבן די שטערן זיך פֿאַרבענקט נאָך אַזאַ ליכטיקײַט,
וואָס וואָלט אויך זייער וועג באַהעלט.

און פֿון דער בענקשאַפֿט איז געבוירן די לעוואָנע.
נאָר ווען זי איז אַרוים צום טונקלען הימל־ברעג,
האָט זי גענומען באַ די שטערן מאָנען —
„ווײַזט אָן מיר אין דער פֿינצטערניש אַ וועג!”

ס'האָט דער געשטערן אָפּגעטראַכט אַ ווינטער־נאַכט,
ביזוואַנען עס האָט אָנגעהויבן גרויען,
און האָט באַטראַכט:
אַ נײַעם הימל־וועג פֿאַר דער לעוואָנע בויען.

אױף מאָרגן האָט זיך זויבערקײַט מיט ערדישקײַט פֿאַרייניקט,
פּונקט ווי אַ קישעף אין די רוימען וואָלט געשען.
די שטערן האָבן זיך אוועקגעלייגט פֿאַר שטיינער,
אַ ברייטער מילכוועג, אַזאַ ליכטיקער און ריינער,
איז פֿאַר דעם מוילעדס גאַנג דאָרט גרייט געווען...

באַטראָטן גרינג האָט די לעוואָנע דעם באַשײַנטן הימל,
און אונטער איר דער מילכוועג איז געלעגן שטראַלנדיק־צעהעלט,
און טשאַטעס יונגע שטערן זײַנען אין אַ גליקלעכן געווימל
איר נאָכגעשווומען, שמייכלענדיק צו דער באַנײַטער וועלט..."

דער אַלטער האָט געענדיקט.
עס האָט קיינער
זיך ניט געכידעשט, גאָרנישט ניט געפֿרעגט.
נאָר איינער
אַ קוש געטאָן די ערד האָט און דעם וועג.

1939

געלויבט זאָל זײַן

אין ברוסט געפּילט האָב איך דעם ריר פון שניי,
מיט מידע הענט דאָס קריגל כ'האָב גענומען,
פון קוואַל פאַרשעפּט...
און כּיִעסדיקע טרערן צוויי
פון מײַנע וויִעס זײַנען שווער אַראָפּגערונען.

אַן אויסשפּירער — איך האָב מײַן שטוב פאַרלאָזט,
געזוכט אַן אָרט, וווּהין באַזעצן מענטשן.
און דעם, וואָס האָט זײַן קריגל מיר געלאָזט,
האָב איך דערמאָנט מיט בענטשונג:

— געלויבט זאָלסט זײַן! געלויבט זאָל זײַן דײַן האַנט!
געלויבט זאָלסט זײַן פאַר יעדן פרישן טראָפּן!
די פאַנזע האָסט פאַר מיר געלאָזן אָפן,
ווי גלײַך מיר וואָלטן לאַנג געווען באַקאַנט
און פרײַנט געווען,
און ברידער.
דו האָסט געוווּסט, אַז קומען כ'וועל אַ מידער,
האָסטו מיט היי דעם דיל מיר אויסגעבעט
און פיש געטריקנטע געלאָזט...

אָ, אומבאַקאַנטער!
דערמאָנען וועלן דיך אָט יענע שטעט,

וואָס מירן אופהייבן אין אונדזער קאנט דאָ,
די מענטשן וועלן זײַן דאָרט מיט דיר גליקלעך...

. . . .

פאלט צו די נאכט. אין וואלד ווערט גרוי און קיל.
ס'איז שווער פון טײַגע דער צוריקער.
פאראן זײַנען דאָרט וועגן פיל,
פארדרייטע וועגן — דורך דעם פלאָנטער צו א ברעג...
ווּ איז ער, ווּ — דער אויסדערווײלטער וועג?

אן אָנגעבראָכן צווײַגל הייב איך אוף,
און באלד
פארשווינדט דער אומרו פון מײַן פּאָנעם —
און דאָס האָסטו,
אָ, אומבאקאנטער,
מיר געלאָזט סימאָנים!

1938

Sta, viator!
— שטעל זיך אָפּ, פארבײַגייער!

איר שטעלט מיך ווידער אָפּ בײַ אָוונט־ברעגן גלאַטע,
פאַרקילטע אופשריפטן אַף שטיינער באַם אירטיש.
כאָטש ס'האָט די צײַט אײַך שוין מיט וואַסערן פאַרווישט,
רײַסט איר פון פעלדזן זיך ארײַן אין ווינט־געפלאַטער
און שטעלט מיך אָפּ מיט אויסרוף: Sta, viator!

ס'האָט אײַך א קאַטאָרזשאַן, אין שיפל שטייענדיק, געקריצט,
מיט א שטיק אײַזן בײַ דעם אופלויכט פון א בליץ.

און ווען א כוואַליע האָט פון ברעג אים אָפּגעטראָגן ווײַט,
האָט ער נאָך לאַנג געשטרעקט צו אײַך די האַנט די מאַטע,
אַז קעגן ווילן פון דעם טײַך און פון דער צײַט
זאָלט איר אין דווירעם אויסשרײַען דעם Sta, viator!

דאָס שיפל איז ניטאָ שוין, דער פעלדז איז נאָך פאַראַן,
ער שטאַרצט ארויס, אַן אויסגעבויגענע א גרויע גראַטע.
און כ'שטיי אַף אים און איך באַקוק דאָס לאַנד,
איך, דאָס אייניקל פון יענעם קאַטאָרזשאַן,
איך הער, איך הער דעם ווײַטן Sta, viator!

1939

אומקער
צום
לעבן

1

מילכאָמע

די מורעשקע נאָך האָרעוועט

ווען פֿלאמען בושעווען אף ברענענדיקן פֿעלד,
עס דוכט, אז כאָרעוו ווערט א האלבע וועלט,
דײַן אייגן לעבן כאָרעוו ווערט,
נאָר אָט דערטראָגט זיך פֿון די גראָזן א געזאנג,
און בא דעם וואָרצל פֿון אן אָפּגעברענטן זאנג
די מורעשקע נאָך האָרעוועט.

אף גאנץ סמאָלענשטשינע עס ברענט דער טאָרף.
מיר האָבן הײַנט פֿארנומען דאָ א דאָרף —
פֿון הײַזעלעך קיין שאָטן ניט.
נאָר צווישן די רויִנען, בא א קוסט,
א יונגע מוטער האָט מיט ווײַסער ברוסט
דאָס אָפּגעראטעוועטע קינד געהאָדעוועט.

אין שלאכט פֿארביטערטער דאָס לעבן הויך מיר רופֿן,
בא מידע פּיס די ריינע קוואלן רינען.
איך וויים: עס וועט דאָס קינד אף די רויִנען
מיט מוטערס מילך א טראָפּן בלוט פֿארזוכן...

1941

רוף צונויף מיט געזאנג די סטאדע

איבער וועגן די סטאדעס בלאָנקען,
מײַדן אוים די צעטראָטענע לאָנקעס.
א בעהיימע, פון גרויל א פארשײַטע,
טראָגט דעם הונגער אין לײדיקן אײַטער,
און די שעפּעלעך קורצע העלדזער
שטרעקן אוים פון צעשויבערטע פּעלצער.
דורך דעם פײַער זײ לויפן האסטיקע —
די מילכאָמע איז זײער פּאסטעך איצט.

ס׳הערט די סטאדע אין שווארצער ווײַט שוין
דעם געקנאל פון די דײַטשישע בײַטשן,
בעט זי גאָט, אז דאָס גראָז זאָל וועלקן,
פרעמדע הענט זאָלן זי ניט מעלקן.
ס׳שעפעלע ווארפט די וואָל אין פײַער
און אנטלויפט, וווּ דאָס פעלד נאָך פרײַ איז.

קום אין פעלד ארײַן, מײַן ברודער,
הייב אוף הויך די פארקישעפּטע דודע,
אף דער לאָנקע דער ברייטער, זאטער
רוף צונויף מיט געזאנג די סטאדע,
און אין פעלד, וווּ די שלאכט איצט הילכט,
ברענג, מײַן ברודער, א שעפּעלע מילך...

1941

דער פּאַנטאַן

די שטוב און דעם סאַד האָט א פּײַער פאַרברענט,
די ביימער פאַרקוילט און די פייגל פאַרטריבן,
נאָר איינער אליין, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען,
אין כורבן, אין בראָך א פּאַנטאַן איז פאַרבליבן.

עס איז דער פּאַנטאַן דאָ אזוי אומגעריכט!
פאַר וועמען מיט זײַלן געשליפענע לײַכט ער?
באַדאַרפט וואָלט ער בלײַבן אזוי ווי א לײַכטער,
אין וועלכן מ'האָט אויסגעלאָשן די ליכט.

זעט אויס, אז בעקיוון ער וויל, אין זײַן גלאַנץ
דערזען זאָלן אלע דעם גזאַר פון רוינען,
צי עפּשער איז ער גאָר אראָפּ פונעם זינען
און טאַנצט אף דעם כורבן דעם לעצטן טאַנץ?

ער טוט פון דער שטאָלענער הויט זיך א ריס,
די שטערן אין זילבערנע זײַלן פאַרפלעכט ער,
דערגרייכט צו לעוואָנע ווי צו א באַשערטער
און פאַלט מיט איר שײַן צו די אייגענע פיס.

1941

נאַטיורמאָרט

אזוי לאַנג ניט געזען כ'האָב קיין אויבס אױף א טיש,
ס'איז פאַר מיר איצט קיין טיש און קיין טישטעך ניטאָ מער.
אין א גאָרטן איך ליג, און אַרום איז מילכאָמע,
כ'טרינק קאַווענע־יויך, מיט ערד אויסגעמישט...

ווען פון וועלדל דעם גאָרטן באַשיסט א האַרמאַט,
פאַלן אַגרעסן גרינע פון שטעכיקע שטענגלעך,
איך דאַרף איצט ניט מילד זײַן, איך דאַרף איצטער שטרענג זײַן,
כאָטש א טרוימער איך בין, נאָר איך בין א סאָלדאַט.
ווען דעם מענטש טרעפט א קויל, ווען פון בוים פאַלט א בלאַט,
ווערט אין שוצגראָבן גראַם און אין האַרצן מיר ענגער...

אױף צערײַטע בייטן — די אוגערקעס גרינע,
פון דער זון־רויז זיך שיטן נאָך ווײַסע די יאָדערן.
עס פּלאַצן די אָדערן בא דער דיניע,
און אױף מײַן האַנט ציִען אָן זיך די אָדערן.

1941

דאָס רוסישע פעלד

די באַשערטע ערד, די ערד די רוסישע,
וועל איך צודעקן מיט זיך אַליין,
וועל איך צערטלען זי, מיט ווייטעק קושן זי,
אַף אירע אומוועגן זיך לאָזן גיין.

דורך אַ פעלד, באַ דערפער כאָרעווע,
דורכגיין ציטעריק, ווי פאַרשעמט,
מיט מײַן לעבן פאַר זײַן שעפע אָרעוו זײַן,
גרייט זײַן וואַרפן זיך אַף קידעש־האַשעם —

ניט ווײַל ס׳לעבן גרינג איז אָפּגעבן
פאַר אַ שטיק צעטראָטן פעלד,
נאָר ווײַל ס׳רוסיש פעלד דעם סוינע אָפּטרעטן
הייסט אים אָפּטרעטן די גאַנצע וועלט.

1941

יושער

דורכגעגאַנגען דורך אַ פעלד איז די פּעכאָטע,
מיט די שטיוול דעם פאַרזיי האָט זי צעטראָטן —
ווּ איז יושער? האָסט אַליין פאַרזייט דאָס פעלד דאָך!

דורכגעגאַנגען דורך אַ וואַלד איז אונדזער כאַיִל,
ניט געשאַנעוועט די ביימער און די כײַעס —
ווּ איז יושער? האָסט אַזוי געליבט די וועלדער!

פאַר מײַן כאַווערס שטוב האָט זיך אַ שלאַכט פאַרבונדן,
האָט מײַן כאַווער ס'אייגן הויז אונטערגעצונדן —
ווּ איז יושער? ס'איז ניט ליב דיר דײַן געצעלט דען?

— פעלדער, וועלדער, פייגל אין די נעסטן,
זאַנגען אָפּגעשאָטענע — זײַט וויסן:
ווען דער פײַנט וואָלט בא מײַן האַרץ געזעסן,
כ'וואָלט מײַן אייגן האַרץ אונטערגעריסן!

1941

א סודע באם שײַטער

א סודע באם שײַטער, א סודע אין װאלד!
מע פרעגט ניט — פארװאָס, און מע פרעגט ניט — פאר װעמען,
דער שײַטער — פאר אַלעמען, װעמען ס'איז קאלט,
א קאפּעלע װארעמס קאָן יעדער דאָ נעמען.
װער זײַנען דאָ געסט, און װער — באַלעבאָס?
איין זאָרג נאָר בא יעדן: קיין גאסט ניט פארשעמען.
מע פרעגט ניט — פאר װעמען, מע פרעגט ניט — פארװאָס,
מע זעצט זיך אין קרײַז, און עס רינט פון די ברעמען,
פון קעפּ טריפט אראָפּ דער צעגאַנגענער שניי,
בא װארעמער זײַט — די געזיכטער פארװיטלט,
איין גלאָז אויב דו טרינקסט נאָר — מיר גיבן דיר צװיי,
אויב טרינקען דו װעסט ניט — מיר װעלן דיך נייטן!
מיר װעלן דיר זאָגן: — נו, פריילעכער, היי!
די שלאכט איז פארטאָג, טאָר מען איצטער ניט זאָרגן,
דער גלויבן, װאָס איז אין די הערצער פארבאָרגן,
זאָל לינדערן פון די פארלוסטן דעם װיי.

פון בלעכענער קיילע דאָס װארעמס מע שעפּט
און פאָרכטיק די קװערטלעך מע טראָגט צו די ליפּן,
אן עפּן די מײַלער, פארװארפט מען די קעפּ,
א שטיקעלע ברויט צװישן פינגער צעריבן,
א שמעק געטאָן אזוי כּיִעסדיק־הויך, —
ס'איז װײַניק דאָס װאָרט און געזאלצן די װערטלעך,

מע שטאָפּט זיך מיט וואָבלע, מע שטיקט זיך מיט רויך,
און ווידער מע טראָגט צו די ליפּן די קווערטלעך.

א סודע באַם שײַטער, א סודע באַנאַכט!
אהער, גוטעברידער! ווער שלאָפט נאָך? ווער פרירט נאָך?
ווער האָט זיך פארנייגט אף דער ביקס און ער טראכט?
די נאכט איז א קאלטע, דער וואלד — א געדיכטער.
א טראָט פונעם שײַטער — די ערד איז פארײַזט,
און דאָ, אינעם קרײַז, איז אי ווארעם אי ליכטיק,
און גיסטו א קוק אף דעם זעלנערשן קרײַז,
דערזעסטו אזויפיל באַשײַנטע געזיכטער.
איין זעלנער — דאָס פּאָנעם צום בוים ער פארײַסט:
— די שלאכט איז פארטאָג, טאָר מען איצטער ניט זאָרגן,
מיר וועלן איצט טרינקען פאר הײַנט און פאר מאָרגן,
אויב מאָרגן דאָס מויל וועט פארלייגט זײַן מיט אײַז...

קיין גאָלדענע בעכער עס גלאַנצן דאָ ניט,
די קעסעלעך, קענטלעך, שוין לאַנג ניט געשײַערט,
און ס'פרייט זיך דאָס אויג, ווען דעם וואלד גיט א שניט
א טונקעלע שפּיז, אָנגעגאָסן מיט פײַער,
ווען ס'כאפּט זיך מיט פלאַם אָן א שטאָלענער העלם,
און ציט'ריקע פונקען, פארטראָגענע, פרײַע
זיך ווארפן אף צווײַגן און ווערן דאָרט נעלעם
און מאכן דעם רוים אף דער סודע געשײַערט.

א סודע באַם שײַטער, א שאָ פאר דער שלאכט!
וועט עמעצער אָנשרײַבן מאָרגן זײַן ליבער:
„מיר האָבן די נאכט בא א שײַטער פארבראכט,
דערנאָך איז געשען...”
לאָמיר אויסטרינקען, ברידער!
ניט פרעגן — פאר וועמען, ניט פרעגן — פארוואָס.
צי ווייניק אין אונדזערע הערצער איז ליבע?
צי ווייניק אויך סינע? צי ווייניק פארדראָס?
איז שנעלער די קווערטלעך טראָגט צו צו די ליפּן

און הערט, ווי עס פּינעט די סינע אין קאָס:
— די שלאכט איז פאַרטאָג, זאָלט איר איצטער ניט זאָרגן!
טרינקט אויס, גוטעברידער, פאַר הײַנט און פאַר מאָרגן,
און היים זאָל דאָס הארץ זײַן אין שלאכט און אין פראָסט.

1942

באם קוואַל פון דער קינדהייט

ניט געקרעכט די זון איז, וואָס באַגלייך גילדט
צווייַג און סוק, די צוויטן און דעם שניי.
אויב איך האָב געהאַט אפילו גלייַכגילט,
האָב איך אים באַגראָבן אין טראַנשיי.

היי, איר ווייסט ניט, וואָס איך בין און ווער כ׳בין,
ס׳טרעפט אַמאָל — פאַרטאָג, די שלאַכט נאָך שאַלט,
בייג איך אָן זיך צו אַ גרינער ווערבע
און זוך אָפּ לעם איר אַ פרישן קוואַל.

מיטן קוואַלעכל פון קינדהייט מייַנער
טרינקט די שטרענגע יוגנט אָן זיך זאַט,
און כ׳דערזע דעם ברייטן יאַם דאָ שייַנען
אינעם שטרייַט, וואָס איך בין זייַן סאָלדאַט.

1942

ווען ס'הילכט אָפּ דאָס געשלעג

דעם זעלנער שווער באַגרײַפן איז: א יונגער גיבער,
ער הערשט איבער דער שלאכט, נאָר לעבט אין נאסע גריבער,
און האָבנדיק אין זין די שײַן אין שויבן ווײַטע,
ער פירט באַנאכט אין שניי און צינדט ניט אָן קיין שײַטער,
דעם טרוים פון צוואנציק יאָר אף שפּיז טראָגט ווי א טראָפּן —
און פונעם טויט איין אויגנבליק טיילט אָפּ אים.

די שלאכט באַגרײַפן, פרײַנט, איז אומגעהייער שווער,
עס מאָלט זי אָן דער מענטש מיט בלוט אף קרומער ערד,
אָט קומען זיך צונויף די קויכעס צוויי אין פעלד,
אף וועלכן ס'ליגט דער גוירל פון דער וועלט,
זיי שרײַען אויס דעם קאס, און יענער בלײַבט גערעכט,
ווער רײַכער איז מיט הארץ און שטארקער איז מיט שווערד.
דאָס קלינגען פון מעטאל, פון מינעם דאָס געביל
איז ליב אונדז מיט זײַן מיין, ס'זאָל ווידער ווערן שטיל...

נאָך שווערער פון דער שלאכט באַגרײַפן איז די רעגע,
ווען ס'הילכט אָפּ דאָס געשלעג... א שווײַגן. ס'גיסט א רעגן.
דער בארג איז ווי א טיש פון אויסגעטאָקטע שטיינער,
נאָך טויט־מאָלצײַט מע ווארפט אראָפּ פון אים די ביינער,
און כאָטש דער טויט דאָ שוועבט, ער איז, מײַן פרײַנט, פארגעסן —
מיט מאָס פון דעם ניצאָכן בלוט און ווי מיר מעסטן.

1943

דעם זעלנערס מוטער

ווערסטו נעמען אים באַדויערן און זשאַלעווען,
אַז געהאַט האָט ער אין לעבן כּ׳עס ווייניקלעך,
אין די שנייען קומט ער אָפּ, דײַן זון, פֿאַר אַלעמען:
פֿאַר די זיידעס, פֿאַר די אייניקלעך;

ווערסטו רופֿן אים, ווי קינדווײַז, ווײַסעבעוורעניק
און אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַדויערן,
צו דער קויל, וואָס קערט ניט אָפּ זיך און פֿאַרקער׳ווערט ניט,
ווערסט דאָס לעבן זײַנס באַגלייטן — און ווערסט טרויערן;

און זײַן העמדל ווערסט צעשפּיליען און פֿאַרשפּיליען עס —
ס׳יונגע לײַב זײַנס איז צעריסן און פֿאַרנייט דערנאָך.
ווערסטו מאַכן זיך ניט זעענדיק, דערפֿילן ווערסט,
אַז דער אָטעם ווי אַ שוואַרצע כמאַרע גייט דיר נאָך;

ווערסטו נאָכקוקן דײַן ציטעריקן יִנגעלע,
ווי עס שווינדלען אַף אים אופֿרײַסן, ווי שײַן־פֿלעקן.
ווען אין גרובן ער וועט רוען אין אַ ווינקעלע,
ווערסטו קומען, אין שינעל אים זאָרגזאַם אײַנדעקן, —

וועט ער אופֿהייבן צו דיר זײַן שטאָלצן ליבע־בליק:
— כ׳בין קיין קינד שוין ניט... דײַן זאָרג פֿאַר מיר איז איבעריק,
די מילכאָמע, מאַמע, פֿרעווט אונדז און פֿאַרהאַרטעוועט,
ס׳לײַב פֿאַרגרעבט ווערט — די נעשאָמע צאַרטער ווערט...

1943

2

לידער אין מײַן פעלד-ביכל

דער דיכטער אפן פראָנט

כ׳ווארעם אָן די פארפרוירענע פינגער
בא דער הייסער רער פון הארמאט,
אויב מײַן הארץ איז א הארץ פון א זינגער,
איז א דיכטער אצינד דער סאָלדאט.

און אף מײַנע סאָלדאטישע לידער
די שלאכט האָט מעמשאָלע געהאט,
ווײַל דער שטוים פונעם שאָס גיט זיך איבער
דער האנט, וואָס צילט אָן דעם הארמאט.

1944

שורעס, אָנגעשריבענע דעם 22 יון 1941 יאָר

א דאנק פאר דער לאסט,
א דאנק, וואָס דו גלייבסט אין מײַן קויעך.
אזוי ווי ס'באלעסטיקן קערנער מיט רײַפקײַט די רויערד,
ווי יאם־ווינטן בייגן און קרעפטיקער מאכן די מאסט —
אזוי וועט דער אָל, וואָס דו לייגסט אף מיר, היימלאנד, אוועק איצט,
די קראפט פון א גוואר אין מײַן צערטלעכער יוגנט דערוועקן.

א דאנק פאר דער ביקס,
א דאנק, וואָס באשיצן דיך טרויסטו מיר אָן און דו הייסט מיר...

סאָוועטיש־דײַטשישע גרענעץ, בעלסק

די פליג

אַן אופריַיִס גיט די שטוב אַ הוידע,
די טיר אַ ריס, דעם דאַך אַ הייב,
עס שיט דאָס זאַמד זיך פונעם בוידעם,
און ס׳פאַלט אַראָפּ אַ פליג פון שויב.

זי טוט אַ פּאָכע מיט די פליגל,
אַ ציטער אויף — און טויט זי ליגט,
ווען מענטשן פאַלן ווי די פליגן —
איז מאָדנע, ווען עס פאַלט אַ פליג...

1941

געמיטלעכער שטײַגער

א זייגער אין טראנשיי.
א גלאָז אף טרינקען טיי.
פון ווײַסן בלעך א שיסל.

די כעוורע זעלנער לאכן:
— ס'איז פול „די שטוב" מיט זאכן,
אף נאכט עפשער פארשליסן?..

1941

גאָלדענער אָסיען

גאָלדענער אָסיען, צעשויבערטער, ווינטיקער,
לאָמיר זיך בײַטן: איך מערער, דו ווינציקער —
גיב מיר דײַן כווישעך, און נא דיר א פײַערל,
נא דיר מײַן אָטעם, און גיב מיר א פרײַערן.

וועסט הײַנט ניט רײַסן קיין דעכער קיין בלעכענע,
רײַסן דו וועסט מײַן שינעל די צעלעכערטע.
וועסט ניט פֿארגיסן מיט רעגן די גאנעקעם —
מיך אינעם שוצגראָבן וועסטו ניט שאנעווען.

גאָלדענער אָסיען, די ערד איז א נאקעטע,
הייבּ איך אָן שיסן — די שלאכט זאָל צעפלאקערן.
ניין, דיך ניט כאנפּענען און ניט אומארעמען,
נאָר מיטן בלוט פון מײַן הארץ דיך דערווארעמען.

1941

דער ביקס פארטרוי איך

מײַן יוגנט ווײַזט אצינד אין שלאכט איר קויעך,
איר גלויבן פּרווּט מײַן יוגנט איצט אין שלאכט.
און אלץ, וואָס אף דער וועלט איך האָב געבראכט,
מײַן ביקס פּארטרוי איך.

דערפּאר, ווען ס׳איז די מידקײַט גרויס,
איך וויל ניט אָפּרוען, איך קען ניט שלאָפן.
נאָך יעדן שפּאן פאָרויס,
נאָך יעדן אײַנגענומען פעלד
כ׳דערזע פאר זיך אפסנײַ די וועלט,
וואָס ראכוועסדיק זי איז פאר מיר און אָפן.

1941

ווי צעלייגט מען א פײַער

די פארפרוירענע גלידער ווי ווארעמט מען אָן?
מײַנע שוועבעלעך נאס... ווי צעלייגט מען א פײַער?

כ׳שיט דאָס ביסעלע פולווער ארויס פון פאטראָן
און א פונק טרייסל אָפּ פון ציגײַער —
גיט א הייב זיך דער פלאם און פארסמאליעט דאָס גראָז,
ווייל אוועק מיטן ווינט, נאָר א צווײַגל כ׳צינד אונטער...

און די יונגע סאָלדאטן באקוקן דעם וואונדער:
ווי דאָס לעבן איז הארב! ווי דאָס לעבן איז פּראָסט!

1941

פאר וואָס דעם זעלנער זײַן מעקאַנע

ווען כ'בין א קינד געווען, איך פלעג מעקאַנע זײַן די זעלנער —
פאר שטאָלטנעם אויסזען, פאר די שטיוול־„פלעשעלעך".
און פאר דעם כאַקי־העמדל, פאר א צייכן אף זײַן קעשענע,
פאר די עמבלעמעס מעשענע אף די אראָפּגעלייגטע קעלנער,
פאר שמאָלער פּאָרטופּיי,
פאר הויזן גאַליפע —
פאר אַלץ מעקאַנע זײַן איך פלעג דעם זעלנער.

איצט קום, מײַן קינדהײַט, כ'וועל פאר דיר זיך אויך באַרימען.
א זעלנער אף מילכאָמע — אָט איז מײַן פאַרמעגן:
א העמדל, אויסגעווייקט אין שוויים, אין רעגן,
א העלם — דעם קאָפּ פאַרדעקן,
פון ברעזענט א רימען,
גערַאמע שיך — פאר דרײַען,
שטאָלענע קלייזײַען...

1941

פאָרגעפיל פון אָנגריף

הינטער דער פּלייצע — א ברייטע וועלט,
און פאר די אויגן צוויי מעטער ערד,
שפּרייט זיך די פראָנט־ליניע, ווי א שוועל,
וועלכע ס'איז איבערטרעטן פארווערט.

היינט וועל איך איבערטרעטן די שוועל,
זיין זאָל אזוי, ווי דער מענטש האָט רעכט:
הינטער דער פּלייצע — א ברייטע ערד,
און פאר די אויגן — א פרייע וועלט.

1941

א טרוים

ווען מיר וועלן זיך טרעפן ווידער
אונטער זון, וואָס אויך איצטער שײַנט, —
וועלכע וועלן מיר זינגען לידער?
און ווי וועלן מיר אויסזען, פרײַנט?

איצט איז שווער אונדז פון אומקער טרוימען,
פון באַגעגעניש טרוימען איז שווער,
ווײַל עס שפּיגלען זיך טונקעלע רוימען
אינעם מאַבל, וואָס פאַלט אויף דער ערד.

איצט איז שווער... נאָר דורך יאָרן האַרבע
זעט מײַן אויג אונדזער גליק שוין דרייסט,
כאָטש איך ווייס ניט, ווער עס וועט שטאַרבן,
נאָר אַז מיר וועלן זיגן — איך ווייס!

יאָ, מיר וועלן זיך טרעפן ווידער
אונטער זון, וואָס אויך איצטער שײַנט,
ווי איך בענק איצט נאָך יענע לידער,
וואָס מיר וועלן זינגען, מײַן פרײַנט!

1942

ווינטערדיקער פּייזאַזש

פֿון קוסטעם דעם שניי טרייסלט קיינער ניט אָפּ — ער פֿאַרפֿרירט.
די קוסטעם פֿאַרשנייטע ווי קופֿלען מיט שוימיקן ביר.

א שטערע יעל בייגט זיך אָן, מיט די נאָדעלעך זוכט,
זי טאַפּט און געפֿינט — און דעם לויטערן ביר זי פֿאַרזוכט.

איך ליג אין סעקרעט. מיט די קוסטעם איך רעד אפֿן ווונק:
ווען כ׳מעג זיך א ריר טאָן, איך וואָלט אויך געגעבן א טרונק...

1942

זומערדיקער פייזאזש

די פיש אין טײַך, אזוי ווי אַף קאַטאָוועס —
נאָך יעדן אופרײַס, וואָס דעם טײַך צעבויטעט,
זיי וואַרפן זיך ארויס אַף קייווער־אָוועס
צום זאַמד־ברעג, ווּ עס וואַלגערן זיך טויטע.

די זעלנער צו דעם וואַסער ניט דערלאָזן,
די פיש זײַנען צום טויט אליין דערשוווּמען.
און אפן ברעג ליגט א פאַרכאַלעשטער דער זומער,
אזוי ווי ס'האָט די שלאַכט אים דאָ געטראָפן...

1942

סאָלדאַטישער האַרבסט

דער האַרבסט קומט פּלוצעם אָן.
ס'באַמערקט ניט דער סאָלדאַט,
ווי פון די ביימער פאַלט אַראָפּ דאָס צירונג.
צוערשט דערזעט ער:
ס'פאַלט אַראָפּ פון דעם האַרמאַט
די בלעטערדיקע פאַרמאַסקירונג...

1942

די וועטשערע

אַליין כ'וועל אַ וועטשערע קאָכן.
די הירזשענע קאַשע איז נימעס.
פון פרישער בערעזעווער קאָרע
איך קאָך אפן שײַטער אַ צימעס.

עס שווימען די זאַפּטן און שטײַגן,
מיט ווײַסקײַט דאָס פײַער פאַרגיסן,
דעם צימעס איך מיש מיט אַ צווײַגל
און פּרוּוו אף די ליפּן אַ ביסל.

צופרידן: געשמאַק, אַ מעכײַע,
איצט דאַרף מען פאַרטרינקען דאָס עסן,
אַ פּושקע פון קוילן אַ בלײַענע
אוועקגעשטעלט באַ דער בערעזע —

פון שטאַם אין דער פּושקע דער שמאָלער
די זאַפּטן, ווי ביר אין אַ קופּל.
דעם צימעס פאַרשטעק איך ווי טשאָלנט
אין סאָסנעס דערוואַרעמטן דופּל...

דער שײַטער וועט איצטער מיר שײַנען,
און ווײַך וועלן זײַן מיר די גראָזן.
געוווינט שוין פון קינדווײַז מיר זײַנען
אף זיך אַליין זיך פאַרלאָזן.

1942

גיט מיר אָפּ דאָס אויסגעבענקטע פעלד

וועלכער דראנג האָט מיך אהער געבראכט,
אַף די פעלדער הארבסטיקע און וויסטע?
מיט דעם הארץ כ'בין זיך מעיאשעוו פאר דער שלאכט,
נאָך דער שלאכט איך גיב אן ענטפער דעם געוויסן.

ניין, איך קאָן ניט זיצן אין געצעלט,
דאָרטן פאלט א שטויב אַף מײַן קלייזײַען.
גיט מיר אָפּ דאָס אויסגעבענקטע פעלד,
וואָס דער פײַנט טיילט אָפּ פון מיר מיט פײַער!

1942

„אַנזאָטלען" א וועג

מײַן אָרדינאַרעץ ווייסט ניט, ווי מע זאָטלט אָן א וועג,
פונוואַנען זאָל ער ווי‍סן עס, דער פּויער דער אַלטיַיער? —
„מיט וועלכן זאָטל אָנזאָטלען?" — ער פרעגט,
די אַלטע זעלנער ענטפערן: „מיט פיַיער"...

בא זיך אפן אַלטיַי געזאָטלט האָט ער פערד,
און דאָ פאַרטראַכט ער זיך... עס נאָיען אים די פינגער:
ווי זאָטלט מען עס אָן א פּאַס פאַרוויסטע ערד? —
דעם באַרג א צוים אין מויל אַריַינלייגן איז גרינגער...

— צום וועג וועסט צופּויזען באַהאַלטן און געהיים,
און ווי מע כאַפּט א פערד, צעבושעוועט פון צאָרן,
און ווי מע האַלט עס איַין מיט שאַרפן קלאַפּ פון שפּאָרן —
דעם סוינע וועסט פאַרהאַלטן בא דיַין היים...

1942

די לעצטע קויל

דער דײַטש דערשפּירט: דו ביסט געבליבן איינער,
ער גייט אַף דיר אין פולן וווּקס — א גרויל...
און דו בלײַבסט ליגן, ווי פאַרשטיינערט:
די לעצטע קויל...

א בלוטפּול אָדערל נעמט קלאַפּן
אין שלייף, אונטער דער שטײַפער הויט.
איבער דײַן אָטעם טוט א צאַפּל
דער טויט.

דו ווייסט ניט, ווער עס זאָגט דיר אונטער,
אין אייגן לעבן דו פאַרגעסט,
שיסט אויס די קויל און בלײַבסט פאַרוווּנדערט
און זעסט:

א ווזוואָד מיט שפּיזן צו דעם הימל, —
ער גייט צו הילף דיר דורך דער בריק.
דו כאַפּסט זיך אויף, ווי פון א דרימל:
דו האָסט געזיגט!

1942

אין א נײַער דירע

אין טראנשיי אין ליימיקער און שמאָלער
זיצן מיר, ווי נאָך א שווערער ארבעט,
צינדן שוועבעלעך אונטער דער פּאָלע,
רייכערן ציגײַערס אין די ארבל.

מיט א ביסל ספּירט, וואָס בריט דעם גאָרגל,
אונדזער נײַע דירע מיר „באַנעצן".
אױף פארבײַסעכץ — צוויי סוכארעס לעצטע,
וואָס מיר האָבן אָפּגעלייגט אױף מאָרגן.

גייט ארײַן דער סאניטאר פון ראָטע,
אונדזער ליבלינג, אונדזער ערשטער זינגער,
און איך הייס אים אויסשטעכן א בלאָטער,
וואָס האָט אָנגעריסן אױף מײַן פינגער.

מײַן האסאָגע לויבן די סאָלדאטן,
און עס גיט א וויצל זיך דער שאָכן:
— זע, דער שטאָך פון נאָדל זאָל ניט שאטן,
ביז א שפּיז האָט אים נאָך ניט דערשטאָכן...

זאַלבעצווייט, אין איין שינעל פארוויקלט,
ליגן מיר — די מידע אויגן אָפן.
ווער ווייס ווען מען וועט אין דאָזאָר הײַנט שיקן?
ווער ווייס ווען וועט פארבאָטן זײַן הײַנט שלאָפן?

1943

אין דאָרף וואַגײַקא

ס׳האָט געהוידעט א טײַפון מײַן וויג,
נעמט מיך איצט קיין ווינט ניט און קיין פראָסט ניט,
וויפל בלוט דער קריג זאָל מיך ניט קאָסטן,
סײַוויסײַ געווונען כ׳וועל דעם קריג.

מאָרגן וועט דאָס לעבן מיך דערמאַנען,
אויב אפילע פאַלן וועל איך טויט.
אף די ברעגן ליכטיקע בידזשאַנער
אין א זאַנג כ׳וועל אופגיין מיטן ברויט.

און באַם דניעפּער, אין דעם דאָרף וואַגנײַקא,
וועט א מוטער, הוידענדיק די וויג,
שעפּטשען עפּעס וועגן מענטש פון טײַגע,
וואָס אף אייביק אין וואַגנײַקא ליגט.

1943

אף א זאמדיק אָרט

אין אונדזערע פליאַגעס — קיין טראָפּן ניטאָ,
עס גלאַנצן די ציין אין צעעפנטע מײַלער,
מיר גראָבן א ברונעם שוין עטלעכע שאָ,
מיר שנײַדן ארײַן אין דער ערד זיך, ווי זײַלן.
די גרוב אין דער טיף איז שוין שמאָל ווי א האַנט.
קיין קאַפּעלע וואַסער — נאָר שטיינער און זאַמד.

בלײַבט ליגן פאַרכאַלעשט די צונג אפן גומען
אַזוי ווי א פיש אפן ברעג, ווען ס'איז הייס,
און ס'ווילט זיך א לעק טאָן באַם שאָכן דעם שווייס,
וואָס רינט פון די אַקסל אַראָפּ אינעם ברונעם.
עס טוט זיך מײַן שאָכן צו מיר אויך א קער:
— א טרער אף רעפּוע... א לעק טאָן א טרער...

מיר שטייען מיט לאָמען צו שטיין אָנגעלענט,
אַריבער דעם קאָפּ הענגט די זון ווי א קויסע.
איך וואָלט זי פאַרדעקט מיט די אייגענע הענט,
פאַרצײַען עס זאָל נאָר א וואָלקן דעם דרויסן.
מיט לאָמען מיר שטייען פאַרקלערט א מינוט,
און ווידער מיר גראָבן — גענוג שוין גערוט!

די זאסטעפּעס גיבן א בלאנק צווישן שטיינער,
עס רײַסט זיך א פֿונק פֿון די שטיינער ארויס,
און ווי א שאָליִעך פֿון ווײַטן גערויש,
דער פֿונק טראָגט זיך דורך צווישן זאמדן א ריינער,
און ווײַל אַף א טראָפּן ס'איז ענלעך דער פֿונק —
איך בייג זיך שוין אָן אַף צו געבן א טרונק...

1943

פּראָסט

אין קעסל — פּארפּרוּירענע קאַשע,
אין פּליאַגע — פאַרפּרוּירענע וואַסער.
עס שוווּיגט אין סעקרעט די „מאַקסימקע״ —
דער אָפּקילער אירער וויל טרינקען.

באַ וועמען אַן אייצע דאָ פרעגן?
מיר גיבן אַליין זיך אַן אייצע:
אַן עמער מיט שניי מיר פאַרדעקן
מיט פּעלצן — אַט ערשט פון דער פּלייצע.

דעם אָפּקילער גיבן מיר טרינקען,
אין איינעם דאַרשט מיר פאַרגעסן,
עס שיסט אין סעקרעט די „מאַקסימקע״.
געפרוירענע קאַשע מיר עסן.

1944

א מאטאָנע

מיט קיסעטן קאָלערליי — רויטינקע און ראָזינקע —
א מאטאָנע־קעסטעלע מײַן ראָטע האָט באקומען.
ווען באטיילט מע האָט די שיסער,
אפֿן דעק איך האָב געפֿונען,
טרעפֿט, וואָס כ׳האָב געפֿונען דאָרט, —
א ראָזשינקע.

ווע̄ל איך בעטן בא כאוויירים, ווע̄ל איך בעטן א מאטאָנע זיך
די פֿארטריקנטע, פֿארדארטע — אָט די ראָזשינקע די פּראָסטע,
וואָס אין קעסטעלע פֿארלאָרן האָט א מידע באלעבאָסטע,
א פֿארהאָרעוועטע, א פֿארטאָנענע.

כ׳ווע̄ל פֿארקלײַבן אין טראנשיי זיך, אין א ווינקעלע אן עקסטן,
ווי א קינד אף ווייכער קישן — אין זײַן ברייט־געראמען וויגעלע,
און די ראָזשינקע אף דלאָניע וועט א שמעק טאָן מיט געבעקסן
און מיט ראָזשינקעס און מאנדלען,
מיט א קלאָר־ווײַס ציגעלע...

1944

די נאכט־אטאקע

ווען הויך אינעם הימל געשליפן און פֿײַערלעך
פּראָזשעקטאָרן איינער דעם צווייטן די הענט דריקן,
שרײַט אויס דער הארמאט דאָס צעגליטע, פּארטײַעטע,
און ס׳דוכט, אז זײַן שאָס די מילכאָמע וועט ענדיקן.

נאָר ס׳איז דער הארמאט דער מילכאָמעס באהעלפֿערל,
ער טרײַבט זי צום סאָף, נאָר ער לאָזט זי ניט גויסעסן.
ס׳וועט דורכגיין די שלאכט, וועט ער קלוימערשט זיך אויסלעשן,
אזוי ווי באגינען — דאָס אויג פֿון א וועלפֿיכע...

פֿונוואנען דער פֿײַף און די קראפּט אין די שפּליטערן?
וואָס וויל ער פֿון אונדז, אָט דער שאָס דער הארמאטישער?
עס לויפֿן אים ביקס־קוילן נאָך, ווי די פֿלאטערלעך,
און פֿלאטערלעך פֿאלן, כאלאָשעדיק ציטערן...

באווײַזן זיך מענטשן אף ראכוועסן אָפֿענע
מיט פֿײַערלעך האָס אין די שפּיזן די בלענדיקע.
עס וואקסט די אטאקע, עס שטארקט זיך די האָפֿענונג,
אז אונדזער געוואגטקײַט דעם קריג וועט פֿארענדיקן.

1944

א שאָס

כ׳האָב זיך צוגעזעצט צום בוים,
אָפּגיין זאָלן מידע גלידער.
פּלוצעם פיל איך: עפּעס ציטערט
אין דער הייך דאָרט, אין דער קרוין.

ס׳איז געוואָרן שווער די צווײַג,
ביז דער ערד איר לאסט וועט קלעקן.
אָטעם איך ניט און איך שווײַג —
ס׳פייגעלע נאָר ניט דערשרעקן...
שטילער, שטילער, וואלד און גראָז...

נאָר עס טוט א קנאל א שאָס!

1944

דער סאָף פון שלאכט

די שלאכט קלאפּט ווי א טיר זיך פּלוצעם צו,
און באלד איז רו...

זאָל איין מינוט נאָך דויערן די שלאכט.
כ'וויל איבערלעבן ווידער די מינוט,
ווען ס'האָט געדאכט:
דער סוינע ווערט דערטרונקען אין זײַן בלוט.

איך וויל קיין רו.
"Есть упоение в бою".

1944

ארופגעטראָטן אויף דעם סוינעס ערד

דאָס ווארעם ווינטער־לאנד,
וואָס האָט אין ווייס־פארשנייטע דלאָניעס פון די טאָלן
מיין אָטעם, ווי אן אָנגעצונדן שוועבעלע, געהיט,
כ׳פארלאָז, און שטעל די ערשטע שטראָפנדיקע טריט
אויף סוינעס ערד.

ווי גוט עס איז צו וויסן:
מיין ווארעם ווינטער־לאנד
איז איצטער ווייט אין דער מילכאָמעס הינטערלאנד.

סאָוועטיש־דייטשישע גרענעץ, 1944

פאַנטאָנען

די ערשטע גייט איבער די בריק די לעוואָנע,
די צווייטע — די שטילקייט. דערנאָך טוט א ריס
די נאכט און די שטילקייט א זאלפּ פון קאנאָנען —
די בריק עס צעטרייסלען דאן זעלנערשע פיס.

די לעצטע עס בלייבט בא דער בריק די לעוואָנע,
זי זעט, ווי סאפּיאָרן צעבינדן די שטריק
און שלעפּן ארוים אפן ברעג די פּאָנטאָנען,
ווייל קיינער עס טראכט דאָ ניט וועגן צוריק...

1945

אין וואלד אויף אָפּרו

וואָס נעענטער צו דעם ביוואק, אַלץ מידער כ'ווער,
און אָט איז שוין דער וואלד...
איך רו ניט סטאם:
אז ווערן זאָל דאָ היימישער, געמיטלעכער —
א צוויאָק פארקלאפּ איך אין א שטאם
און די שינעל הענג אויף, טו אוים די אמוניציע
און פלעכט די צווייַגן איבער — ס'זאָל פון ווינט און קעלט
דער זיכערער שאלאש באשיצן מיך.

און בלעטער געלע ברענג איך אין געצעלט
און שפּרייט מיט זיי א ברייט און ווייך געלעגער אוים,
צינד אָן א שייַטער —
ווארעמקייַט און ליכט...

מייַן שטוב איז פארטיק. קוק איך אויף דעם וועג ארוים:
פארבעטן עמעצן אויף נאכטלעגער צו זיך.

1945

אזוי ווי די דעמבן אין שטורעם

דער דעמב אין א שטורמישן וועטער —
ניט קלאָגן ער וויל און ניט דײַגעץ,
דעם רעגן פארטרויט ער די בלעטער,
אף ווינטן פארוואַרפט ער די צווײַגן.

ווען גרויזאם די צווײַגן פארהייבט ער,
עס סוידען זיך זאנגען אף פעלדער:
צי איז ער דעם שטורעמס פארגלייבטער,
צי עפשער דעם שטורעם באפעלט ער?

די פייגל מיט ראש און געפילדער
פארלאָזן די קרוינען דערשטוינטע:
צי מאכט ער דעם שטורעם נאָך ווילדער,
צי עפשער דעם שטורעם גאָר צוימט ער?

וואָס שטארקער די ווינטן, אלץ פעסטער
פארקניפּט זיך די צווײַג מיט די בלעטער.
דער דעמב, פון די ווינטן געפעסטעט,
ער וואקסט אין דעם שטורמישן וועטער.

און ס׳לײַטערט דעם דעמבס נעשאָמע
דער שטורעם — מיט פרייד און יעסורים...

. . . .

מיר לעבן אין דער מילכאָמע,
אזוי ווי די דעמבן אין שטורעם.

1945

מײַן געמיט

בין איך פֿרײלעך אין דער שװערסטער נויט,
זינג איך מיר אַזױ אַן אינדערװאָכיקס —
אַף צעפּוקעניש דעם טויט,
דער מילכאָמע אַף צולאָכעס.

די מילכאָמע קלוימערשט איך דערקאָן ניט,
באַ אַ סרײפֿע, באַ אַן אופֿרײַס בלײַב איך שטײן:
דאָס ביסטו, די אַכזערן מילכאָמע,
װאָס דו קאָנסט אָן בלוט זיך ניט באַגײן?
װאָס דו קװיקסט זיך, װען יעסוימים װײנען,
קאָנסט די זון ניט לײַדן, װען זי שײַנט?
ביסטו, אויב אַזױ, אַ װילדע זקײנע —
אַזאַ פֿינצטער לעבן אַף די פֿײַנט!

אין אָקאָפּ איך קײַע אַלטגעבאַקן ברויט,
לוסטיק, פֿרײלעך אין די שװערסטע צאָרעס —
אַף צעפּוקעניש דעם טויט,
דער מילכאָמע אַף צולאָכעס.

כ׳װאַש באַם קװאַל דאָס פּאָנעם און די הענט,
און װי ס׳איז דער מינהעג באַ סאָלדאַטן,
טו איך אָן אַף זיך אַ זױבער העמד,
אײדער ס׳נעמען רעװען די האַרמאַטן.

אָט איז שוין די לופט פאַרפּולט מיט בלײַ,
כ'פאַל אַנידער. טויט צי נאָר פאַרווונדעט?
און איך גלייב ניט, אַז איך בין פאַרבײַ,
און מײַן טרוים איז גרויס, ווי אַ יאָרהונדערט...

כ'ווער בלויז טרוקן, שוואַרץ און שטרענג, ווי שרויט,
און אין בליק עס לײַכט אַלץ די נעכאָמע —
אויף צעפּוקעניש דעם טויט,
אויף צולאָכעס דער מילכאָמע.

בינד איך איבער שנעל די ווונד, און ווידער
די געטרײַע ביקס אין האַנט איך דריק,
און וואָס מער דער קריג איז מיר דערווידער,
אַלץ אַנטשיידענער איך גיי אין קריג...
ס'לעבן מײַנס איך קליאַנטשע ניט בײַ קיינעם —
ניט בײַ דיר, מילכאָמע, ניט בײַם פֿײַנט.
אַ סאָלדאַט אין קריג — איך פּאַסקן הײַנט:
דיר אַ גיכן סאָף, פּאַסקודנע זקיינע,
און אַ וויסטן אומקום אויף די פֿײַנט!..

1945

3

ליבע אין טראנשיי

א.

שוין לאנג זיך צעשיידט — וויפל יאָרן פארשוווּמען?
דער צײַט אונדזער ליבע מיר האָבן פארטרויט.
און איצט אין די שלאכטן זיך ווידער געפונען —
צום לעבן? צום טויט?

מיר האָבן באגעגנט זיך אין א טראנשייע.
מילכאָמע. געפאַרן. סרייפעס. בלוט.
מיר היילן פון שווערע פארלוסטן די ווייען
מיט ליבע. מיט מוט.

דערמאָן ניט די פריידן. פארגיב מיר די לײדן.
עס עגבערט דער טרוים, וועלכן איך האָב געהאט.
כ׳וואָלט אָפּגעגאן צען מאָל מיט בלוט, זאָלסט, מײַן מיידל,
ניט זײַן קיין סאָלדאט.

ב.

בלוט וויל פרייד פון ניצאָכן פארומערן,
אוי, ווי טײַער מיר האָבן באצאָלט!
דרײַסיק ווען צוריק זיך ניט אומקערן,
פופציק זײַנען אוועק אין שפּיטאָל.

הער איך, ווי די הארוגים טרויערן,
און עס פאלט אף מיר זייער לאסט...
אף דער ליבעם גינגאָלדענע טויערן —
מערער שטעכיקן דראָט פון האס!

ג.

א קינד בין איך געווען ערשט פאר דעם קריג,
מיט זויבערקייט באהויכט געווען מיין ליבע.
אצינד איז זי אריין אין טיפע גריבער,
אף הארטער ערד אין כאקי־העמד זי ליגט.

דאָס זעלבע פעלד — מיט בלומען און געזאנגען,
כאָטש הייב זיך אוף און ליב דאָ פראנק־און־פריי,
נאָר ס׳ווייזט דיר אפן וווּנק א שטיקל בליי,
אז דו זאָלסט נידעריקער זיין פון אָט די זאנגען.

איך קאָן עס ניט, איך קאָן עס ניט פארשטיין,
און ס׳וועט די שיסעריי בא אונדז ניט פוי׳לן,
עס זאָל די ליבע אין דעם הארץ פארגיין,
ווייל די מילכאָמע האָט אזוי באפוילן...

ד.

צי ווייניק כ'וויל, צי כ'וויל א סאך,
ווען מאקריוו זײַן איך וויל די רו,
מײַן אָפּרו און מײַן שלאָף ביסטו
אין ערד־שטיבל, אין טכילעס נאכט.

כאָטש ס'האָט די שלאכט אונדז שוין פארקנאסט,
נאָר ביסט קיין ווײַב מיר ניט אצינד,
דאָס וואָלט געווען א לײַכטער שפּאס,
דאָס וואָלט געווען א שווערע זינד.

אין אונדזער ליבע וויפל כיין,
און וויפל מוט, און וויפל וויי.
איך וויים: אף ניט בארירטן שניי
א כּיעס און א שאָד צו גיין...

ה.

א געווײנלעכער מילכאָמע־טאָג, א מיטוואָך,
אין די ווײַנגערטנער מיר רוען נאָך א שלאכט,
ווען־ניט־ווען צו אונדז א פײַער־קנויל דערפליט נאָך,
קוקט מען רויִק, ווי מע וואָלט אף אים געוואַרט.

עס איז גוט אזוי — אָן קאסקעס און אָן שטיוול,
אלע רימענדלעך צעבונדן און צעלאָזט,
די גראנאטעס און די ביקסן — ווי בעקיוון —
האָבן מיר באהאלטן אין דעם גראָז.

אף די בלעטער לויכטנדיקע טוי־שפּרענקלעך
פרישן אָפּ דאָס אויג און דעם געמיט.
צו מײַן קאלעס גרין־געשלײַפטע אוירינגלעך
ווי צו רײַפע ווײַנטרויבן מיך ציט.

עפּשער גאָר נאָך א שפּאציר א לאנגן
יונגעלײַט פארברענגען א פארנאכט...
נאָר מע פירט פארבײַ דורך א געפאנגענעם —
א דערמאָנונג פון דער שווערער שלאכט.

ו.

שוין דעם צווייטן מעסלעס, אז מײַן קאלע
איז אין אויסשפּיר אוועק — און פארפאלן...
אין זעמליאנקע איז שטיל, אלע שלאָפן,
און די טיר צו דעם פעלד איז נאָך אָפן.
איז מײַן קאלע שוין עפשער דערגאנגען?
צי זי גייט שוין צוריק? צי געפאנגען?

כאָטש עס שלאָפן דאָ צוואנציק סאָלדאטן
און זיי עטעמען שווער און פארמאטערט,
דאָך איז פוסט אָן דעם מיידל די ענגשאפט.

אירע גרויע מאלבושים דאָ הענגען,
אפן טישל — א פליאגע, א לעפל,
אירע בריוו פון דער היים און א העפטל.

איז מײַן קאלע שוין עפשער דאָ נאָענט?

נאָר עס ציִען זיך לאנגזאם די שאָען.
אין זעמליאנקע איז שטיל, אלע שלאָפן.
און די טיר צו דעם פעלד איז נאָך אָפן.

ז.

אינעם שאָטן פון די וויַינגערטנער,
אף א טעפּיך אף א וואלדיקן,
ליגט מיַין קאלע א פארפּיַיניקטע,
א פארשעמטע, א פארגוואלדיקטע.

— טרויבן הארטינקע און צארטינקע,
אָנגעגאָסענע און זויערינקע,
נעמט מיַין קאלעס גרינע אוירינגלעך,
הענגט אף צוויַיגן אוף זיי פארטיקע!

כ׳וועל דאָס פלאם־פיַיער פארלעשן נאָר,
וועל איך קומען צו איַיך וויַין טרינקען,
אין דעם קווערטעלע דעם מעשענעם
הייסע ליפּן וועל איך איַינטונקען.

גליַיך דערפילן, אז ס׳איז ביטערלעך...
וועל איך זוכן אין די טרויב־הענגלעך
און געפינען א פּאָר אוירינגלעך
און וועל בליַיבן א דערשיטערטער.

ח.

כאוויירים מײַנע! זעלנער פונעם שטרײַט!
די פינף און צוואנציק יאָר פון אונדזער יוגנט —
זיי ווערן הײַנט געפּרוווט מיט נאָך איין טויט.
די ערשטע ליבע אונדזערע זיך שפּיגלט
ניט אינעם פרישן קלאָרוואסער פון טײַך,
ניט אין א טראָפּן טוי אױף פּײַכטע גרעזער,
נאָר אין צעגליטן אײַזן פון דער ביקס.

מיר זיפצן ניט אונטער די פּלייצעס פון די מאמעס און די טאטעס,
אליין די שלאכט אונדז שטעלט א כופּע אױף דער ערד,
און אין דעם פײַער לעבן מיר דאָ דורך א לעבן
אין איין מינוט, ווען אייביק איז די ליבע.

כאוויירים מײַנע! זעלנער פונעם שטרײַט!
אין טיפע שוצגראָבנס מיר זײַנען נעענטער צום הימל,
דאָס הארץ געלײַטערט איז און דאָס געפיל איז הייליק.
די פינף און צוואנציק יאָר פון אונדזער יוגנט
פארהארטעוועט זיך אינעם פלאם פון טויט.

1943

4

עס לעבט דער באטאליאָן

דער זיקאָרן

פון דעם פעלדז א שווערער שפליטער
פאלט אין טײַכל — זינקט, פארשווינדט.
און דאָס וואסער רינט און רינט —
אויסגעגלײַכט דעם טײַכלס ציטער.

בלויז דער מענטשלעכער געמיט
א באשענקטער מיט זיקאָרן —
פונעם ווייטעק, פונעם צאָרן
אַף זײַן הארצן בלײַבט דער שניט.

1944

א שמועס מיטן טויט
באַ די דראָט־פאַרצוימונגען

באַ דראָט־פאַרצוימונגען איך ליג, און דו — מיט מיר.
די ערד — מײַן גרויסע וויג — איבער א טהאָם זיך הוידעט...
ווען נאָר צו דיר דער וועג פון שלאַכטפעלד פירט,
איז וויפל, מיינסטו, האָב איך פון דיר סוידעס?

איך האָב פון דיר איין אויסגעהיטן סאָד,
דעם מאָרגעדיקן טאָג פון אים מיר שעפּן:
א טראָט און נאָך א טראָט צום לעבן,
און זעסט: דער טויט דאָך אָפּגעטראָטן האָט!

1941

Moritur

ארופֿגעוואָרפֿן אפֿן קינד האָט זיך דער „כיינשעל״,
און אומגעוואלגערט האָט דאָס קינד א קויל,
דאָס בלוט א שטראָם געטאָן האָט פֿונעם מויל,
און אויגן אויסגעלאָשענע פֿארגייען שוין.

דער דאָקטער האָט געפּרוּווט באַם קינד דעם אָטעם,
און moritur געזאָגט מיט שטילער שטים,
נאָר ס'האָט דאָס קינד א הייב געטאָן די אייגעלעך צו אים,
גלײַך וועגן טויט ער וואָלט אים טראכטן אויך פֿארבאָטן.

און עס האָט ווידער זיך דער דאָקטער אָנגעבויגן,
דורך טרערן אײַנגעקוקט זיך אין דעם ייִנגלס בליק,
און ס'האָט א יאָג געטאָן דעם דאָקטערס הארץ צוריק,
און ער האָט אויסגעשריגן: „ס'לעבן זײַנע אויגן!״

1941

אין פעלד־שפּיטאַל

א פּולן קרוג האָט זי געטראָגן צו זײַן בעט,
מיט גיכע, פעסטע טריט — קימאט געלאָפן.
דעם צימער דורכגעגאנגען אף איין ברעט,
ניט אויסגעגאָסן אפן דיל קיין טראָפּן.

א שאָ צוריק איז ער געזעסן אפן פערד,
פּונקט ווי צונויפגעגאָסן מיטן זאָטל,
און אזוי שנעל געפאָכעט מיט דער שווערד,
אז ניט געפאלן איז פון איר אף דר'ערד קיין שאָטן.

נאָר ווען ער האָט דעם קרוג גענומען פון איר האנט,
און זי האָט נעענטער צו אים זיך אָנגעבויגן,
האָט זיך די פלֿיסיקײַט א גאָס געטאָן איבערן ראנד,
און טרערן האָבן זיך געשטעלט איןביידנס אויגן...

פעלד־שפּיטאָל, יול 1942

אליין אנטקעגן טאנק

דאָס לעבן, דער נאטורם געשאנק,
אין שטארקן מענטש איז שוואך פארטיידיקט.
ער גייט ארוים אנטקעגן טאנק
אליין, אליין אף ווײַסער שניי־דעק.

דעם טאנק צו אָפּשטעלן ער האָט
נאָר צוויי גראנאטעס, פול מיט סינע,
און ס׳ברומט דער אײַזערנער מיט שפּאָט:
— היי, נעפעש, ביסט געדירט פון זינען?
מיט מיר פארמעסטו זיך, מיט מיר?
קראַץ מיטן פויסט מײַן פעל, מײַן פאנצער!
ארום די רויפּעס מײַנע טאנצסטו,
ביז כ׳גיב זיך צאָרנדיק א ריר...

דאָס לעבן, דער נאטורם געשאנק,
אין שטארקן מענטש איז שוואך פארטיידיקט.
מיט צוויי גראנאטעס קעגן טאנק
ער שטעלט זיך אָפּ אף ווײַסער שניי־דעק.

1942

אומקער צום לעבן

ס'האָט רעכט זיך פאַרגונען די בלאַנקע, די אייביק פאַרהויבענע
שווערד
אַ רעגע באַהאַלטן די שאַרפקייט אין טונקעלער טיף פון דער שייד...
מיט אָפענעם מויל, ווי אַ פויגל, איך לייג זיך אַוועק אויף דער ערד,
כאָטש ווייט איז די שטילקייט פון רו נאָך, דאָס האַרץ איז באַרויִקט
מיט פרייד.

דערפילט מיך די ערד, און עס טייעט אין זיסער האַנאָע איר ברוסט,
פון טייַנעג באַדעקן מיט טוי זיך דאָס בלימל, די צווייַג און דער קוסט.
אַ שאָטן פון בלאַט, ווי אַ קוש, פאַלט אויף רויטן געזיכט
פון דער בלום,
דעם וואַלד וועקט אַ כייַע פון דרימל מיט ווילדן געהויל און געברום.

פאַרנעמען די ערטער שוין בינען אין לוסטיקן ראַש פונעם גראָז,
עס שפּילן אין קרוינען די פייגל מייַן כאַסענע מיט דער ערד,
און פון אַ צעבראָכענעם שטערן צעשיט זיך אויף ביימער
דאָס גלאָז...
אָ, ערד מייַנע, ערד מייַנע, ווילסט מיך? — די ליבע נעמט דורך,
ווי אַ פראָסט,
און כ'שייד שוין ניט אונטער פון טויען די וואַרעמע, מענטשלעכע טרער.

„קער אום מיר דעם קוי'ך פון א זעלנער!" — איך מאָן בא דער
ערד און איך בעט.
די ערד — מיט די הענט, מיט די פינגער, מיט נעגל מיט מײַנע
איך קנעט.
דעם סימען פון ליפּן און ציינער איך קוועטש אף איר דאָרשטיק אוים
און הייב זי לײַכט אוף אין די אָרעמס, כאָטש מעכטיק זי איז און גרוים.
הער, ווארעמע, פײַכטע, צעשאָטענע: די גלעקער רופן צום שלאכט,
עס שטייט פאר די אויגן דאָס שלאכטפעלד... עס פאלט פון די
אויגן די נאכט.

עוואקאָ־שפּיטאָל, ארזאמאס, 1942

טרויער

ווען אפֿן דיל א בארמיִנען פֿלעגט ליגן,
אין שטוב פֿארהענגען פֿלעגט מען אלע שפּיגל.
אצינדער ליגן אפֿן פֿעלד אזויפֿיל מייסים.
דער טאָג — א ליכטיקער, א הייסער.

וואָלט כאָטש א וואָלקנדל די זון פֿארהאנגען.
וואָלט כאָטש א ווינטעלע א נייג געטאָן די זאנגען.

1942

וואלד

דאָס אָרט איז ווערט דעם נאָמען „וואלד״ —
ניט נאָר ווײַל ס׳גרינען דאָ
סײַביימער קלײנינקע, סײַ ביימער גוואלדיקע,
נאָר ווײַל די לופט איז דאָ א וואלדיקע,
די ערד — א וואלדיקע,
ווי ס׳וואָלט די גאנצע וועלט געווען א וואלד.

די גראָזן זײַנען דאָ מיט זאפטן זאט,
אין דינעם גרעזעלע דערשפּיר איך טיפסטן שאָטן
לויט דעם, ווי גליטשיק ס׳איז און גלאט,
לויט דעם, וואָס קיינער האָט אף דעם נאָך ניט געטראָטן...

ווען באטארייעס
רײַסן אויס פון וואלד די קרויגענדיקע לאָקן,
און ביימער שטייען הויל:
א שטאם — א פלאָקן,
א קוסט — אן אשיק־גרויער קנויל,
איז דעמלט אין דעם גראָז ניט שווער דערקענען
דעם וואלד,
וואָס אומעגלעך איז אים פארברענען —
ווײַל גראָזן זײַנען איצטער אויך מיט זאפטן זאט,
פון דינעם גרעזעלע עס פאלט א טיפער שאָטן.
ווי זאפטיק־גרין, ווי גליטשיק ס׳איז און גלאט,
די שלאכט אפילע האָט עס ניט צעטראָטן...

1942

דאָס לעצטע וואָרט פון א רײַטער

פון פערד אראָפּפאלן — דאָס הייסט נאָך ניט פארשפּילט!
ווער גראָבט די ערד דאָרטן? אוועקוואַרפן די לאָפּעטעס!
מײַן פערד אליין וועט אויסגראָבן א גרוב מיט זײַנע קאָפּעטעס,
ווען צו דער גריווע איך וועל צופאלן פארקילט.

אוי, לאָזט ניט בלאָנדזשען אָן א רײַטער דאָס פארווונדעט פערד,
פון פעל זײַנער וואשט אָפּ דאָס בלוט ס'פארזאָטענע.
אוי, לייגט אוועק, כאוויירים, אפן זאָטל מיך,
וועל איך אליין דערלאנגען צו מײַן שווערד...

פון פערד אראָפּגעפאלן? ניין! א ליגן! הערט:
די שפּאָרן קלינגען נאָך און זוכן ווו זיך אָנשפּארן.
דער טויט דער ביטרעניק — ער וועט מיך איצט ניט אָפּנארן,
מײַן בלוט כ'וועל אָפּגיין דאָ,
נאָר בלײַבן אפן פערד!

1942

עס לעבט דער באטאליאָן

פרײַנט! ס׳איז אומגעקומען אונדזער באטאליאָן,
נאָר איך און דו — מיר אָטעמען און שיסן.
און ס׳טאָר דער סוינע אונדזער סאָד ניט וויסן —
איז העכער, פרײַנט מײַנער, הייב אוף אף בארג די פאָן!

די היישעריקן מיינען,
אז עס באשיצט די הייך
אן אויסגעפּרוּווטע מייע,
א פעסט געשטאָלטער קויעך.

פרײַנט! בא אונדזער קוילנוואָרפער לעבט דער באטאליאָן!
מיט אויגן אָפענע די טויטע שפּירן,
ווי מיר, די לעבעדיקע, אין געפאר זיך פירן —
איז העכער, פרײַנט מײַנער, הייב אוף אף בארג די פאָן!

די היישעריקן פויזען...
דאָס שווײַגן פון דער נאכט,
איך שווער דיר, מוז זיי אויסזען
נאָך שרעקלעכער פון שלאכט.

פרײַנט! גייסט אָפּ מיט בלוט, נאָר ס׳קעמפט דער באטאליאָן!
דער בארג איז אונדזערער! איך וויל, זײַן הייסער שטיין זאָל

צו רוימען אופהייבן א דענקמאָל
דעם העלד, וואָס ניט ארויסגעלאָזט האָט אונדזער פאָן!

די פאָן אין הימל וויגט זיך,
זי פירט, זי רופט, זי מאָנט,
זי רימט די טויטע קריגער —
עס לעבט דער באטאליאָן!

1943

דער אומבאוווסטער זעלנער

דער באטאליאָן גייט אָפּ אין שלאכט מיט בלוט.
שוין ווייניק זעלנער, נאָר מיר שלאָגן זיך אנטשלאָסענער.
געקומען הילף — און צוגעקומען מוט...

דער ייִנגסטער צווישן זיי, א „ניט־באשאָסענער",
האָט ניט באוויזן אפן ברוסטווער אָנשפּארן די רער,
ווי לעבן אים האָט א גראנאטע זיך צעריסן...

ער ליגט א טויטער אױף דער ערד —
קיין איין מאָל אויסשיסן אין סוינע ניט באוויזן.

און איך — אין הארצן קלאפּט ווי מיט א האמער:
„דעם נאָמען ניט געפרעגט בא אים
און ניט דערוווּסט זיך, ווו עס לעבט זייַן מאמע".

1943

דער דענקמאָל

אינמיטן שטאָט א דענקמאָל שטייט — א טאנק,
אן אלטער טאנק, וואָס איז פון שלאכט פארבליבן,
די רער די אָפענע פון זײַן הארמאט — זי בלאנקט
מיט דער געשליפנקײַט, וואָס נאָר א שאָס לאָזט איבער.

און פריש איז אף דער רויפּע נאָך דער ריס,
ער שטייט, דער טאנק, פארקילט אינמיטן זומער...
און אונטער אים — דער קייווער פון טאנקיסט,
וואָס האָט באם פײַנט די שטאָט צוריקגענומען.

ווער ס'איז געווען אין יענער שלאכט, האָט אים דערקענט
אף פלאץ אף כאָרעוון, דעם טאנק, און אף די הענט
אים אופגעהויבן העכער פון די הײַזער —

ניין, ניט געשמעלצט קיין דענקמאָל מ'האָט פון אײַזן,
דעם טאנק נאָר אופגעהויבן אף א פּאָסטאמענט,
קעדיי פאר קומענדיקע דורעס אים באווײַזן.

1944

פּעטערהאָף

אין פּוסטן פּאַלאַץ — גלאָז פון ליוסטרעס מאַטאָווע,
און קופּעס מיסט, און אָפּגעקלאַפּטע ווענט.
און דער קאַמין דער קאַכלנער צעבראָכן...

פאַרהיט האָט זיך נאָר אַפראָדיטעס סטאַטוע,
און ס׳דוכט: עס וואַקסן אָפּ באַ איר די הענט
און זי האָט זיי אין גרויסן צאַר פאַרבראָכן.

1944

קייווער־אָוועס

די אומגעקומענע יִדישע דיכטער

ווען ס'וועקט מיך אוף דער ווייטעק אין די וווּנדן,
איך לאָז זיך גיין אף פעלדער צו די פריַינט.
איך זוך די שיַין, וואָס איז מיט זיי פארשווּנדן,
פון זייער אויסגעזוונגען לעבן כ'זוך די שיַין.

כ'שטיי אוף באנאכט. צום שלאכטפעלד ציט דאָס הארץ מיַינס,
און ווידער ווער איך דאָ געפּרוּווט מיט וויי:
א קייווער — כאשטשעוואצקי... נאָך א קייווער — הארצמאן,
און זעלדין דער מאטראָס פארגראָבן ליגט אין שניי...

מיַין פריַינט אָליעווסקי קומט צו אונדז ארויס
פון יענע וויַיטקיַיטן, ווּ ס'ווערט דער מענטש פארלאָרן —
„מיר זיַינען קליינינקע געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רו'ך, ווּ זיַינען זיי, די יאָרן"...

איך זעט אוואדע איצטער יענעם אָוונט,
די מאטע שיַין, דעם אומעט אין דער מיט,

ווען ס׳האָט דער גרויער קאָפּ בא קושניראָוון
אראָפּגעלאָזט זיך אַף מײַן לעצטער ליד.

נאָר איך האָב אויסגעלעבט אין ווייען שטאַרקע,
און איידער מ׳האָט מיט מאָרפי מיך פּאַרווינט,
האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אין פּלאַם איז אַרקע,
און עזראָ פינינבערג אין סאַמע פייער ליגט.

און איצט עס טרעפט: דער ווייטעק אין די ווונדן —
ער וועקט מיך אויף, און כ׳גיי צו מײַנע פרײַנט,
און איך דערקען אין דער צעגליטער זון דאָ
פון אויגן אויסגעלאָשענע די שײַן.

1945

איצטער זײַנען מיר מילדער

איצטער זײַנען מיר עלטער און מוטיקער,
הייסע הערצער געלײַטערט מיט לייד,
עס איז שווערער א שווערד א פארבלוטיקטע
פון דער שווערד, וועלכע ליגט אין דער שייד.

איצטער זײַנען מיר מילדער און איידעלער,
צארטע ליבע איז אונדז ניט פארווערט.
ס'מאָנט באם זעלנער די שלאכט די אנטשיידענע,
שארף און זויבער זאָל זײַן די שווערד.

איצטער זײַנען מיר זיכערער, גלייביקער,
און ס'פארגינט ניט דער פײַנט אונדזער שעם.
לויב דער שווערד דער אנטבלויזטער, פארהויבענער,
וואָס דער סוינע באווײַזט זי ניט זען...

1945

דער גורל

מע פלעגט מיר אײַנטײַנען: דער גורל איז א שטריק,
איין עק זײַנער איז אף דעם מענטשנס האלדז פארצויגן,
און פאר דעם צווייטן האלטן זיך דער אומגליק און דאָס גליק,
וואָס פירן אום דאָס מאזל הין און צ׳ריק
און טוען עס באם מענטש הינטער די אויגן;
דער גורל, פלעג איך הערן, פירט דעם מענטש צום טהאָם,
און ער, דער שוואכער מענטש, וואָס קאָן ער טאָן?

און איינמאָל האָט געזאָגט מיר א סאָלדאט א ריז:
— דעם גורל מײַנעם טראָג איך אפן שפּיץ פון שפּיז...

1945

5

דער וועג צום זיג

שניט־צײַט 1941

שניט־צײַט, בייגן זיך די שניטערס צו די פּולע, שווערע זאנגען,
ניט קיין סערפּן, ניט קיין קאָסעס — שפּיזן, ביקס־רערן און העק,
און די שניטערס — ניט האלב־נאקעט, נאָר פארגארטלט און באהאנגען,
אין דעם גרויען כאקי־אַנטאָן, גלײַך זיי קלײַבן זיך אין וועג.

נעמט א גראָבײַזן איין שניטער, בא די וואָרצלען גראָבט דעם קאָרן —
וואָלט ער דען אזוי געשניטן? צי ניט זײַנער — דער פּארזיי?
די מילכאָמע וויל ניט וויסן: שטרוי צי בלומען, זאנג צי דאָרן,
דער סאָלדאט בעט אוים מיט זאנגען זײַן געלעגער אין טראנשיי.

קיינער טרײַבט פון פעלד די פייגל — זאָלן זיי כאָטש קערנער פּיקן,
און עס טוט דאָס הארץ א טיאָכקע, ווען א זאנג עס ווערט פארגעלט.
זוכט א שניטער אינעם זעקל, זוכט געבאקן ברויט א שטיקל,
און געפינט א שטיקל בלײַ דאָרט, און פארקוקט זיך אפן פעלד.

רײַבט ער אָן א הויפן קערנער און צעמאָלט זיי מיט די ציינער,
ווארעם, זים עס ווערט אין מויל אים פון ניט־אָפּגעשניטן ברויט,
וועט ער גיין זיך איצטער שלאָגן, און אים אָפּשטעלן וועט קיינער,
און ניט אָפּשרעקן עס וועט אים — ניט דער סוינע, ניט דער טויט.

1941

באנאכט

הארבסט, לעוואָנע־שײַן, זומפּ און וואלד,
אין דעם שוצגראָבן ערד און ליים,
עפּעס וואלגערט זיך, וואקסט און פאלט —
ניט קיין וואסערפאל, ניט קיין שטיין.

וויפל טעג אדורך, וויפל נעכט,
אמאָל הונגעריק, אמאָל זאט,
גלײַך געבוירן אים האָט די ערד,
זיצט אין שוצגראָבן דער סאָלדאט.

הארבסט, לעוואָנע־שײַן, זומפּ און וואלד,
ס׳ברעכט דער ווינט אויס פון בוים א רוט.
שווער דעם זעלנער איז, נאס און קאלט,
אין די אָדערן פרירט דאָס בלוט.

דריקט ער פעסטער די ביקס אין האנט,
און דאָס פײַער אין ביקס אים פּאָלגט.
הינטער אים דאָס באשיצטע לאנד,
און איבער אים — דאָס פאָלק.

1942

אין סוינעס הינטערלאַנד

אין שפּעטן האַרבסט איז נידעריק דאָס פעלד און אָרעם,
אַף הוילן רוקן זײַנעם כ׳זע דאָס נאָענטע און כ׳זע דאָס ווײַטע:
פון דאָרף צום דײַטשס פּאָזיציעס עס פּאָרט אַ רײַטער,
פון דר׳ערד, לעם עלנבויגן מײַנעם, קריכט אַרויס אַ וואָרעם.

דער וואָרעם מיינט, אַז קויעך האָט ער מיִיעדייע וויפל,
אַז ער האָט דורכגעשרויפּט די ערד, ווי קרויט אַ היפּטל,
און דורכגעקראָכן שוין דורך אַלע זיבן איילן,
וועט ער די ווערעם וווּנדער איצט דערציילן...

ער ציט זיך אויס,
ער דרייט צונויף זיך ווידער, ווי אַ בויגן, —
ביז איך צעקוועטש אים מיט אַ ריר פון עלנבויגן...

אין שפּעטן האַרבסט איז נידעריק דאָס פעלד און אָרעם,
אַף הוילן רוקן זײַנעם כ׳זע דאָס נאָענטע און כ׳זע דאָס ווײַטע:
אַף דר׳ערד, לעם עלנבויגן מײַנעם, אַ צעקוועטשטער וואָרעם,
און פון מײַן שאָס עס פאַלט דער דײַטש — דער רײַטער.

1942

די וועווערקע

ווען ס'האָט א קנאַל געטאָן די ארטילעריע, האָט זיך די וועווערקע
דערשראָקן:
מע מיינט געווים דאָך זי, און אַלע רערן זײַנען אָנגעצילט אױף איר...
אראָפּ פון צווײַג און פּײַל־אויס־בויגן זיך געטראָגן
און מיטאמאָל — א שפּרונג אין שוצגראָבן צו מיר.

אין שוצגראָבן האָט זיך די וועווערקע פארשלאָגן אין א ווינקל,
דעם רוקן אויסגעבויגן און דעם עק צעבעזעמט אויף דער ערד,
דאָס שפּיציק קעפּעלע, די רויטע פיסעלעך אין ברוינעם פעלעכל
פארוויקלט.
און נאָר די אויערן ארויסגעשטעקט אין פאָרכטיקן געהער...

א נאריש בײַעלע... ווי קומט עס וויסן, אז די דונערן
פון די הארמאַטן
קיין פליג, קיין מורעשקע און אויך קיין וועווערקע ניט רירן אָן,
און פונקט, ווי ס'וועט א שרויטעלע דעם העלפאנד דעם שווערלײַביקן
ניט שאטן,
אזוי וועט א סנאריאד דער וועווערקע קיין בייז ניט טאָן.

זי ווייסט אויך ניט, אז אין דעם שוצגראָבן, מיט איר אַף איין געלעגער,
עס ליגט און קוקט אַף איר פארכידעשט און פארבענקט
א טײַגע־יונג, אן אוסוריִער יעגער —
און ס'האָט דער יעגער איר דאָס לעבן שוין געשענקט...

1943

בענקשאַפט נאָך ביראָבידזשאַן

מיט א קויל כ׳וועל דעם טויט דערוווידערן,
מיט די ציין, מיטן בלוט, מיט דער האנט.
אָך, ווי ס׳בענקט שוין דאָס הארץ בא מיר ווידער
נאָך א ליד וועגן ביראָבידזשאַן.

זאָלט איר וויסן: איך שטיי איצט אינמיטן
פון מײַן שליכעס צום גליק אױף דער ערד,
און איך גיי דורך אטאקעס צום פרידן,
וואָס איז, פונקט ווי די ליד, מיר באשערט.

אין מילכאָמעס פארבלוטיקטע לידער
איז א ליכטיקע גרויסקײַט פאראַן,
נאָר עס בענקט שוין דאָס הארץ בא מיר ווידער
נאָך א ליד וועגן ביראָבידזשאַן.

1943

א רעגן א גאַס

א רעגן א גאַס. אין די ריוון
איז פינצטער, און ליימיק, און ענג.
עס זינקען אין בלאָטע די שטיוול.
און ס'וואסער די ביקסן פארשווענקט.

די גריבער אָט די, די קאריערן
באם ראנד פון דערווארעמער היים —
מיר פלעגן אין מי אין שווערער
דאָ גראָבן פאר ציגל די ליים.

און ליב איז געווען אונדז די ארבעט,
די ליימיקע ענגשאפט באַציינט.
ווי קאָנען מיר איצט דאָ שטארבן?
ווי קאָנען מיר דאָ פארגיין?

עס זײַנען די פריידן, די זאָרגן
מיט שײַן פון דער צוקונפט באשײַנט:
אז פרײַ זאָל די מי זײַן מאָרגן,
דעם סוינע מיר הארגענען הײַנט.

1943

די לעצטע הונדערט מעטער

די לעצטע הונדערט מעטער זײַנען מיר געקראָכן,
באַם אויסגעשווענקטן ברעג צונויפגעגאַן זיך שטיל.
אצינדער ליגן מיר פאַרטײַעטע און האָרכן,
און יעדערער לעם האַרץ דעם סוינעס נעגל פילט.

אין אופרײַס מיר דערזעען: ביימער, מוטער־נאַקעט,
ווי קינדער אין אַ היץ, זיי וואַרפן זיך אין טײַך,
דער כווישעך שלינגט זיי אײַן. מיר גייען אין אַטאַקע.
אַ טראָט שטעלן איז שווער, דאָס לעבן דורכגיין — לײַכט.

פאַרהאַלט אונדז אַ מינוט דעם קוילנוואַרפערס פײַער,
וועט עמעץ מיטן גוף פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל...
מיר לויפן צו דער בריק, און יעדער שפּאַן איז טײַער,
געציילט איז יעדער טראָט, ווי אין דער ביקס — די קויל.

און קיינער ניט באַמערקט, ווי ס'גייט אַוועק די נאַכט שוין,
ערשט קוקן מיר זיך אום: ס'איז אונדזערע די בריק.
סאַכאַקל הונדערט שפּאַן אַדורכגעגאַן מיט שלאַכטן,
אַף הונדערט שפּאַן נאָך נעענטער צום זיג!

1944

פרײַנטשאפט

געקאָוועט מיט פראָסט און פארגראָבן אין שניי,
אין שטיינערנער ערד, ווי אן אויצער באהאלטן —
דאָס ערד־שטיבל אונדזערס, אין אים זאלבעצווייט
מיר היטן די רו און די ראכוועסן קאלטע.

פונדאנען ווײַט־ווײַט, בא דעם סאמע טיבעט
מײַן פרײַנט איז געבוירן, און איך — בא דער בירע,
נאָר איצטער מיר טײלן פון כוואָיע דאָס בעט,
אין קאלטער זעמליאנקע די היים ניט פארלירן.

מײַן כאווער פארשטייט ניט מײַן יידישע ליד,
נאָר גלייביק ער הערט זי מיט נײַגער און קאָוועד;
און ניט די זעמליאנקע אונדז פאנצערט און קאָוועט —
די ווארעמע פרײַנטשאפט באשיצט אונדז און היט.

1944

צוויי דעמבן

באַ אונדזער פּאָזיציע — צוויי דעמבן, צוויי ריזן.
דער סקריפּ אין די שטאַמען מײַן בענקשאַפט דערוועקט:
וואָס מער איך פֿאַרשטיי אין דעם שטאָך פֿון די שפּיזן,
אַלץ טײַערער ווערט מיר דער שניט פֿון דער זעג.

ווי גוט וואָלט געווען איצט אַרײַן צווישן צווײַגן,
פֿאַרשנײַדן די זעג אין אַ דעמבענעם שטאַם —
אַזוי ווי איך פֿלעג עס טאָן אין דער טײַגע,
באַ ברעגן אַמורער, אין ביראָבידזשאַן.

ס'איז שמאָל די פּאָזיציע, נאָר ברייט איז מײַן וועלט דאָ,
צי איז דאָס שוין וואָר, צי איך זע בלויז אין טרוים? —
צוויי דעמבן, צוויי ריזן. באַם וואַלד־זוים — געצעלטן.
מיט האָלצהעקער כ'וואַלגער אַ בוים נאָך אַ בוים.

1944

זעלנער

פון צווײַגן און כוואָיע געבויט האָבן מיר די געצעלטן,
און יעדער געבראַכט האָט פאַר זיך שוין אַ ביסעלע היי,
מיר רוען הײַנט, זעלנער, פאַרגעסן די מידקײַט, דעם ווײ,
אַזאַ פאַרגעניגן מיר קענען פאַרגינען זיך זעלטן...

באַם שײַטער סאָלדאַטן מיט ביקסן געלאָדענע זיצן.
אין פײַער זיי וואַרפן בערעזעווע צווײַגעלעך דינע,
און אײנער פאַרהייבט צו דעם הימל ס׳געזיכט דאָס צעהיצטע,
דערמאַנט זיך מיט יִינגלשער בענקשאַפט: «Сижу у камина...».

באַשעפּטיקט און ערנסט עס ווערן די מידע סאָלדאַטן,
ווער ס׳רייניקט די ביקס, ווער עס שניצט זיך פון האָלץ אויס אַ לעפל.
און ווער די צעריסענע שטיוול מיט דראַטווע פאַרלאַטעט,
און ווער מיט אַ מעסער אַ באַנקע קאָנסערוון צעעפנט.

דער קעכער דעם שווייס ווישט און שרײַט, אַז ס׳איז גרייט שוין
דאָס עסן,
די בלעכענע קענדעלעך שווימען אַרויס פון דער פאַרע.
מיט שפּיזן צעברעכט מען די טרוקענע, דאַרע סוכאַרעס,
און ראַשיק מע לאָזט זיך אַוועק צו דער קיך, צו דעם קעסל.

נאָר פּלוצעם — אַ שאָס און אַ צווייטער. די קענדעלעך פולע מיט קאַשע
מיר פעסטיקן צו צו די רימענס — ווער וועט איצטער עסן באַוויַיזן?

ס׳ווערט ענג אינעם וואלד, עס צערוקן די צווייַגן זיך ראשיק,
מע ווארפט זיך צום וואָפן, און ס׳הערט זיך א קלינגען פון אייַזן.

פון גרינער באהעלט׳ניש מע רוקט שוין ארויס די הארמאטן,
עס צילן זיך אָן צו דעם סוינע די טונקעלע רערן.
דער וואלד איז פארגליווערט, פארגליווערט אפילע די שטערן.
— א וועג אייַך א גוטן, האצלאָכע אין שלאכט אייַך, סאָלדאטן!

1945

געהאַט האָב איך מוירע

דו פרעגסט, צי איך שרעק זיך,
צי וואַרפט די געפאַר אַף מיר אָן דאָ א מוירע?

דערמאָן איך זיך:
קינדוויַיז פלעגט טרעפן — כ'בין וואַך ביז דער דריטער אַשמוירע
און הער, ווי עס גייט עמעץ אום אַפן בוידעם אין שטרויענע שטעקשיך...
די פלעדערמיַיז פלעגן מיך שרעקן,
די זשוקלעך, וואָס פאַלן פאַרנאַכט פון די טונקעלע ביימער,
אין כאַשכעס געדוכט האָט זיך מיר א פאַרשטאָרבענער שאָכן
מיט שטאַרצנדע ציינער,
און אויסגעזען האָט מיר געהיים:
אינעם ווינקל א בעזעם, א צוויַיגל אין שויב און א שטעקן.

אָן עמעס — געהאַט האָב איך מוירע...

צי ס'טרעפט זיך אַמאָל, אַז איך ציטער?
צי וואַרפט די געפאַר אַף מיר אָן דאָ אָן איימע?

געדענק איך:
אין אַנהייב מילכאָמע — אַריַין אין די שוצגראָבנס ערשט פון די
וואַרעמע היימען —
מיר פלעגן מיט שרעק זיך פאַרקוקן צום פלי פון א שפּליטער,
און אָפּטמאָל פאַרבייגן דעם רוקן,
באַהאַלטן די קעפּ, ווען אָן אופריַיס פלעגט טרעפן בישכיינעס,

און ליגן פארגאפּט בא א קוואל, בא א בלימל א קליינינקס
מיט מוירע —
שוין מער עס ניט זען, ווען דער טויט וועט פארצוקן...

אן עמעס — געווען איז אן איימע...

צי וואָרפט די געפאר אף מיר אָן דאָ א פּאכעד,
ווען יעטווידער טראָט איז פארקניפּט מיט סאקאָנעס?

איז גלייב מיר:
א סינע אזא צו דעם פּײַנט, אז עס שרעקט מיך קיין זאך ניט;
ס'פארהיילט זיך די ווונד —
גיי איך ווידער אין שלאכט, ווי מע גייט צו דער שפּײַז נאָך א טאָנעס.

1945

שפּיל, באַיאַניסט

אײַ, ס'איז גוט, אײַ, ס'איז ווויל, אײַ, א רו'ך אין דײַן לײַב, באיאניסט!
שפּיל די ליד פון געשלעג, דער אליארעם פון מעשענע גלעקער
זאָל מיט בלײַ פון דער קויל און מיט בלוט פונעם הארץ זײַן צעמישט
און די ליד פון דײַן אומרו זאָל שלאכטישן דאָרשט אין אונדז וועקן.

אײַ, ס'איז גוט, אײַ, ס'איז ווויל, אײַ, א רו'ך אין דײַן לײַב, באיאניסט!
וואָס פאר שיידים אזעלכע באהאלטסטו אין לעדערנער ברוסט פון
הארמאָניק?
ס'האָט דײַן שפּילן מיט קלאנגען פון הייסן געפּעכט זיך צעמישט,
ווי מיט זאפטן פון בוים אף דער קאָרע צעמישט זיך דער האָניק.

דײַטשלאנד, אפּן אָדער, 1945

פארבונדן מיט דער ערד

דאָס ערשטע מאָל כ'האָב זיך פארבונדן מיט דער ערד —
ניט ווען איך האָב זי ס'ערשטע מאָל באטראַכט,
נאָר ווען דערפילט איך האָב, אז אפן זאסטעפּ איז זי שווער
און אין מײַן האָרעוואניע גייט זי אויף געראָטן.

דאָס צווייטע מאָל כ'האָב זיך פארבונדן מיט דער ערד,
ווען אָנגעטרויט כ'האָב איר דאָס בלוט מײַנס און דעם אָטעם.
ווען כ'האָב געמאכט פאר איר א שירעם פון מײַן שווערד
און מיך זי האָט שוין שיר אף אייביק ניט פארשאָטן...

דאָס דריטע מאָל כ'האָב זיך פארבונדן מיט דער ערד,
ווען זי האָט ווידער זיך מיט פרוכט און ברויט באלאָדן
און אומגעקערט מיר דאָס, אף וואָס א מענטש האָט רעכט:
פאר מי — די ראכוועסן, אף אָפּרוען — א שאָטן.

1945

אמאָל איז דאָ געווען די עקסטע גאַס

געגאַנגען שנעל, ווי פֿאַר אַ זעלנער פּאַסט,
און גלײַך באַמערקט: דאָס דאָרף האָט זיך געביטן —
אַמאָל איז דאָ געווען די עקסטע גאַס,
און איצט איז פֿונעם ייִשעוו דאָ דער מיטן.

די טײַגע איז פֿון דאָרף העט־ווײַט אַוועק.
ער קוקט און קאָן דאָס אָרט זיך ניט דערמאָנען:
אַמאָל איז דאָ, בײַ דעם געדרייטן וועג,
אַ יעגער־פּאַנזע אומעטיק געשטאַנען.
און ער, אַ קינד נאָך, פֿלעגט מיט שטילער שרעק
אַ וועווערקע דערזען דאָ אין געבלעטער,
און ער געדענקט, ווי עלטערע מיט העק
געקאָרטשעוועט דאָ האָבן ווילדן צעדער...

איצט שטייען הײַזער ענגע אין דער ריי,
די סאָפּקע, וואָס פֿון הײַזער ווײַט געווען איז,
האָט איצט אַוועקגעשטעלט זיך צווישן זיי,
און אַ באַהאַנגענע מיט שויבן איז זי שענער.
אין סאַמע מיט אירער מ'האָט אָפּגערוקט אַ שטיין,
און רעלסן שטאָלענע אין שוואַרצן כּאָלעל קלינגען,
עס דוכט: ס'האָט עמעצער אַרײַנגעשטעלט איר ציין,
און זי, די סאָפּקע, איז פֿון דעם געוואָרן ייִנגער.

8*

דאָס שנעלע טײַכל, וואָס אין בירע נעמט זײַן לויף,
האָט פון דער טײַגע שוין אַרויסגעשווענקט דעם פּלאָנטער...
ער גייט דאָס בריקל דורך. און אָט איז שוין זײַן הויף.
און אָט איז שוין זײַן שטוב, דעם פּלויט דערקאָנט ער.
דער גאַנעק שפּאַרט זיך אָן אין ברייטע טרעפּ.
ער זעט אים דורך די שיטערע שטאַכעטן,
אויף דינע דרענגלעך טריקענען זיך טעפּ,
זיי הענגען דאָ פון פרי ביז אָוונט שפּעטן.
אין פּאָדערהויז ער גייט אַרײַן צעמישט
און שלאָגט זיך דורך א וועג צווישן די אויפּעס... —

די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין טיש
און צוגעדריקט די אויגן צו די דויפּעקס,
אין לײַוונטענעם העמד — ביז פּיאַטעס לאַנג,
אין א פּאַטשיילע און אין שטעקשיך פּראָסטע
אויף דער געשניצטער, אויסגעפּאַרבטער באַנק
דערזעט ער זי, זײַן יונגע באַלעבאָסטע.

צי זי האָט אָקאָרשט זיך אין אים דערמאַנט,
צי ער האָט זי א רוף געטאָן באַם נאָמען,
צי עפּשער קלינגט שוין גאַנץ בירָאָבידזשאַן,
אַז ס'קערט זיך אום איר מאַן פון דער מילכאָמע —

זי גיט צו אים א לאָז זיך... און אים דאַכט:
פיר לאַנגע יאָר אין פײַער פון דער שלאַכט
אַרײַנגעקוקט מיט שויבן האָט זײַן וווינונג.
די פרוי ער דריקט צום האַרץ, ווי א באַלוינונג...

1946

אין דער היים

פאַרזוכט שוין דאָס ברויט פון דער אייגענער מיל,
דאָס פלייש, וואָס מיר האָבן געקראָגן אף יאגד עס,
די רויטע קעטא, די געפרווירענע מילך,
די ניסלעך פון צעדער, די וויַיניקע יאַגעדעס.
באַפּעלצט און מיט פוטערנע אונטעס באַשוכט —
אין הירשענע פעלכלעך די פיס זיַינען גרינגער...
— איז זינגט אונדז א יאַגד־ליד, ייִדישע זינגער,
אויב אַלע מיַיכאָלים איר האָט שוין פאַרזוכט.

פון אייגענעם וויַינגאָרטן וויַין שוין געפרוווט,
מיט זויער־געזיַיערטער קרויט שוין פאַרביסן,
א נאַש געטאָן ביטערן בראַנפן א ביסל,
פאַרשעפּט אויך פון האָניק פון זיסן דעם דופט.
די קויסעס לעכאַיִמדיק, בלענדיק זיך וויגן,
זיי גלאַנצן מיט פאַרבן פון זון און פון פרוכט.
— איז שפּילט אונדז, קלעזמאָרים, א ייִדישן ניגן,
אויב אַלע מיַיכאָלים איר האָט שוין פאַרזוכט.

פאַרזוכט שוין די פּיירעס פון שווייסיקער מי,
מיר זעצן זיך אוים אף דער ערד, ווי די פייגל.
מיר קומען פון שלאַכטפעלד, מיר זיַינען שוין הי,
מיר קושן די ערד, וואָס איז ליב אונדז און אייגן.

8–1469

ערשט נעכטן, באַם זעלנערשן קרײַז, האָט געדוכט,
אַז ס'וועט די מילכאָמע מיט ערד דיך פאַרשיטן...
— איז ברייטער דעם קרײַז, און די טענצער אינמיטן —
שוין אַלע מײַכאָלים געפרוווט און פאַרזוכט...

אין טאַנץ זיך צונויפגיין און ברייט זיך צעגיין, —
וועט סטײַען אונדז פלאַץ אויף די היימישע ברעגן!
און נאָכעם וועט קלײַבן די ייִדישע געגנט
פון אונדזער פאַרברוינטן סאָלדאַטישן כיין.
היי, זינגער און שפּילער און טענצער, אהער!
די סימכע איז גרויס, און די אַרבעט — נאָך גרעסער.
מיר קומען פון פראָנט אויף דער טײַגישער ערד,
זי מאַכן נאָך שענער, און ליבער, און בעסער...

1946

ביראָבידזשאנער דאָר

דער ערשטער ייִד, וואָס איז געבאָרן אין דער טײַגע,
איז אַלט שוין צוואנציק יאָר. נאָך גאָר א פּיצל קינד
ער פלעגט ניט שרעקן זיך אין ווילדן וואלד ארײַנגיין,
ווי ס'האָט ניט מוירע שטיין א סטעפּ־קינד אפן ווינט.
ער איז געוועזן געראָטן אין א יונגן צעדער,
וואָס ניט געבראכט מ'האָט אים פון ווײַטסטער ווײַט אהער,
נאָר ער איז אופגעגאנגען אף דער ערד דער פעטער
און פון א היגן נוס זיך אויסגעפּיקט האָט ער.

צי ווײַל עס האָט דער יונג שוין ניט געוווּסט פון וואנדער,
צי ווײַל ער איז געוועזן פון איבערוואנדערער א קינד,
איין היים האָט ער געקענט — אָט די, און ניט קיין אנדערע,
און זי געליבט, ווי ס'ליבט א סטעפּ־ייִנגל דעם ווינט.
דאָ האָט ער זיך געשפּילט, געפּאָקט דאָ און געמאָזלט,
בא דעם בערעזע־שטאם גענאשט די רויע קראפּט,
פאר אים די ערד געשפּרייט האָט וויקעלעך פון גראָזן
און צו זײַן מאמעס מילך האָט צוגעמישט איר זאפט.

די טײַגע איז געוועזן אויך זײַן גוטע באָבעשי —
מיט טערפּקײַט אים געשטארקט די מילכיק־ווײַסע ציין,

און אַלע אינדערפֿרי אַ צווײַגל, פֿול מיט טראָפּן־שײַן,
זי פֿלעגט אים אויסשטרעקן און טרײַ אים העלפֿן גײן.
געווען פֿאַר אים דער וואַלד איז פֿול מיט פֿאַרגעניגן:
דאָס זײַדנס פֿון דעם בלאַט, די פֿאַלדן אין דער קרוין,
פֿון נעסט די טונקלקייט, ווו עס פֿאַרציט אַ ניגן
אַ מאַזיק, פּונקט ווי ער, אַ פֿויגלשער פֿאַרשוין.

באַם פֿלי פֿון דעם פֿאַזאַן, באַם שווערן שפּרונג פֿון בערן
ער האָט געשפּאָרט פֿאַר זיך דעם פֿלאַטער און דעם שווונג,
און בלײַבן אייביק יונג דאָס קינד האָט זיך געלערנט
באַם וואַלד, וואָס איז געווען סײַ אַלט אַזוי, סײַ יונג.
ווען ס׳האָט געפֿעלט אים רו — אין טאָל ער פֿלעגט אַראָפּגיין,
ווען ס׳האָט געפֿעלט אים דראַנג — באַם יאָג־טײַך זיך געשטעלט,
ווען רוים האָט אים פֿאַרפֿעלט — געשטיגן אויף דער סאָפּקע,
ווען ס׳האָט געפֿעלט אים ראַכוועס — פֿרײַ אַרוים אין פֿעלד.

זײַן שטוב — געראַם און נײַ, אַרויסגעהאַקט פֿון וואַלד ערשט,
מיט האָניק און מיט זאַפֿט געשמעקט די סאָסנע־וואַנט.
דאָס גאַנצע הויזגעזינד די ביימער האָט געוואַלגערט,
און ער — אַ קינד — האָט אויך דאָן צוגעלייגט אַ האַנט.
און איצט איז ער אַ יונג — די פּלייצעס ברייט צעוואַקסן,
אויף אָפֿענעם געזיכט צעגאָסן ליגט דאָס גליק,
דאָס לײַב פֿאַרברוינט פֿון זון, די האָר צעקעמט פֿון שלאַקסן,
אַ הירש — אין זײַנע פֿיס, אַן אָדלער — אין זײַן בליק.

און ווײַל עס האָט דער יונג שוין ניט געוווּסט פֿון וואַנדער,
און ווײַל ער איז פֿון גאָר דעם גרויסן לאַנד אַ קינד —
ער האָט זי ליב, זײַן היים, מיט אַלץ און מיטאַנאַנדער:
די טײַכן און די בערג, די וועלדער און דעם ווינט.

דו טו א קוק אױף אים, און זאָל ער דיר א טרייסט זײַן,
אין אויג אים קוק ארײַן, און ס'וועט דיר ווערן קלאָר:
דאָס האָבן מאמעס ייִדישע אין לאנד פון נײַעם ברייִשיס
דעם פאָלק געשענקט א דאָר — ביראָבידזשאנער דאָר!

1947

מײַן ערדישע נעסט



1

דאָס האַרץ איז אָפן

פּאָעמע פון אַלע פּאָעמעס

פּאָעמע פון אַלע פּאָעמעס:
דער עמעס.
דער עמעס.
דער עמעס.
די ליד פון אַלע לידער:
דער עמעס
ווידער און ווידער.
דער הימן פון אַלע הימנען:
דער עמעס —
פון דר'ערד ביז די הימלען.
ס'געזאַנג פון אַלע געזאַנגען:
דער עמעס,
וואָס גייט אין גערא נגל.
סימפאָניע פון אַלע סימפאָניעס:
דער עמעס
אויף אונדזערע פּאָנעץ!

1964

טרעבלינקער שטיינער

וואלד... וואלד... וואלד...
גוואלד! גוואלד! גוואלד!
א וואלד פון שטיינער אױף מענטשנס ביינער.

א וואלד אָן סאָסנעס,
א וואלד אָן טאנען.
א וואלד פון כײַקעס,
א וואלד פון כאנעס.
א וואלד אָן מאָכן
און אָן קוקאװעס,
א וואלד פון פייגעס,
א וואלד פון כאװעס.
ניטאָ קיין פייגל,
ניטאָ קיין צוויטשערס —
א וואלד פון כאַימס,
א וואלד פון איטשעס.
ניטאָ קיין קרוינען,
קיין אלטע דאָרנס,
א וואלד פון יוינעס,
א וואלד פון זאָרעכס.
א וואלד אָן גראָזן,

אפילע אָן סאָוועס.
אונטער די שטיינער
ליגן שפּינאָזעס.
א שטיין —
איינשטיין,
פון זײַן מארך און געביין,
א שטיין פון זײַן כיין,
פון זײַנע ציין,
פון זײַן גיין, פון זײַן שטיין,
פון זײַן יאָ, פון זײַן ניין —
א שטיין!

שטיינער, שטיינער,
וואָס טוט איר מיט זיך פארדעקן?
א שטיין — א שטעטל?

א שטיין — א שטעטל!
לוקאָוו און זשארנאָוו —
שטיין... שטיין...
ווערזשבניק און סארנאָוו —
שטיין...
עפשער געבליבן פּינטשאָוו? ניין...
עפשער — א סימען פון ראדזין? ניין...
פּולאוו — פארשטיינט,
ראדאָם — פארשטיינט,
לוקאָוו — פארשטיינט,
יודנריין!
געבליבן בלויז שטארצן
ניסראָפּים־קוימענדלעך.
ניטאָ, ניטאָ שוין
די מוישעלעך, שלוימעלעך.
און דאָ, אין דעם וואלד,
די שטיינער, פארווײנט,
שטייען געבויגן אױף מענטשנס געביין.

וואלד, וואלד, וואלד...
גוואלד, גוואלד, גוואלד!

א וואלד שטייט פארגליווערט אף מענטשנס ביינער.
די שטיינער
אין הימל ווארפן שטיינער!

טרעבלינקע — ווארשע, 1964

אף צ׳ריקוועגס פונעם טויט

כ׳האָב אויסגעמיטן דעם ליובלינער רעזערוואַט.
מאַדאַגאַסקאַר[1] איז ניט געוואָרן מײַן בעסאַלמען.
נאָר כ׳האָב דעם באַבי־יאַר אַף זיך געהאַט,
און אויך די דושעגובקע — גלײַך מיט אַלעמען.

איך בין געהאַנגען אַף אַ בוים אין בעלאָוועזשער וואַלד,
דאָס לײַב מײַנס האָט געצאַנקט אַף שטעכעדיקע דראָטן,
ווען כ׳האָב זיך אויסגעטאָן לעם גרוב — געווען עס איז מיר קאַלט,
געטאָן עס האָט מיר וויי, ווען מע האָט מיך פאַרשאָטן.

אַף צ׳ריקוועגס פונעם טויט ניט אויסגעמיטן כ׳האָב
קיין איינציקן אָקאָפּ פון דער מילכאָמע,
און אומעטום געלייגט כ׳האָב נאָכאַמאָל דעם קאָפּ —
גענומען כ׳האָב נעקאָמע...

1959

---

[1] די היטלעראָווצעס האָבן פּלאַנירט פאַרשפּאַרן אַלע ייִדן אין דעם אָזױגערופענעם ליובלינער רעזערוואַט אַף דער טעריטאָריע פון פּוילן, אָדער זיי אַרויסשיקן אַפן אינדזל מאַדאַגאַסקאַר.

מיר זאָל זײַן פאַר דײַן קאָפּ

דערמאָן זיך, מײַן טאַטע, אין קריג אין דעם וויסטן,
ווען אַלץ איז געשטאַנען אין קאָן,
דערהאַרגעט אין שלאַכט האָסטו וויפל פאַשיסטן?

— וויניקער פון זעקס מיליאָן...

ווי קומט עס, מײַן טאַטע, אַז דו, אַזאַ שטאַרקער,
זאָלסט צוזען, ווי ס'לעבט אויף דער וועלט
די כײַע, וואָס האָט אונדזער מאַמען דערהאַרגעט?

— ס'טוט זיך ניט, מײַן קינד, אַזוי שנעל...

פאַרשטעל מיך, מײַן טאַטע, פאַרשטעל פון באַנדיטן,
וואָס לאָקערן אַלץ נאָך אַרום.
טאַטעניו־טאַטע, דו מוזסט מיך פאַרהיטן!

— ליולינקע, שלאָף רויִק, מײַן זון...

איך שלאָף, נאָר די מאַמע, זי קומט מיר צו כאָלעם —
אָט קומט זי אויך איצטער אַראָפּ.
זי מאָנט, אַז דער טאַטע זאָל ברענגען דעם שאָלעם!

— מיר זאָל זײַן, מײַן קינד, פאַר דײַן קאָפּ...

1959

רעדע צו די פּאַריזשער אײַנוווינער
וועגן די פּאַריזשער טויבן

„די טויבן וועלן פאַרטריבן ווערן פון פאַריזש“... „מע פאַרשלע־
פּערט די פּאַריזשער טויבן“... „אַלס ערשטער עקספּערימענט וועלן
טויזנט פאַריזשער טויבן אַרויסגעשיקט ווערן קיין פּאַ־דע־קאַלע“...
„די אָפּעראַציע קעגן פאַריזשער טויבן איז דורכגעפאַלן. פיל טויבן
האָבן זיך צוריקגעקערט פון גאַלעס“... „שוין ווידער די טויבן“...
(פון פאַריזשער צײַטונגען)

בירגער פּאַריזשער אײַנוווינער
אָן אונטערשייד פון ראַסע און פון גלויבן,
גייט אַרויס פאַרטיידיקן
די אומשולדיקע
טויבן! —
די אומשולדיקע,
די פרידלעכע,
וואָס ערשט אַצינד זייער צײַט איז,
וואָס אָן זיי וועלן פאַריאָסעמט זײַן
די שטיינערנע געבײַדעס.

אין טױעלרי, אין שאַנז־עליזיי,
באַם לוּווּר און אין ליוקסעמבורגער גאָרטן —
וויפל מענטשישער קאַס, וויפל פויגלשער ווײַ
קרייצן זיך איבער דאָרטן!

געקומען פון וואַלד —
פון בולאָן, פון ווענסען,
צוגעוווינט פון די הענט דאָ עסן, —
קאָנען די טויבן פאַרלאָזן די סען?
אין אייפל־טורעם פאַרגעסן?

פּרוּווט עס אַליין,
טוט אַ פּרוּוו, צי איר קאָנט
אָוועקוואַרפן אײַערע היימען.
פאַרוואָס זשע פּירט מען קעגן דער טויב
אַ קריג אַ געהיימען?

ניסים אַזעלכע
וואָלט באַוויזן מיט מי
אַפילע אַליין דער באַשעפער:
אַף שאַנז־עליזיי, אין טיועלרי
די טויבן מע פאַרשלעפּערט.
מע גיט זיי ברעקלעך
מיט שלאָף־געטראַנק,
מע ווייסט, אַז זיי וועלן גלויבן...
די זון אין זייערע אויגן צאַנקט —
שלאָפט,
שלאָפט,
טויבן...
עס טוט אַ שאָפער דעם טאָרמאָז אַ צי,
נאָר פעדערן פליִען...
און ס׳וויינען
די לוסטיקע יונגען:
פּאַרי, אָ פּאַרי,
מע וויל דיך פון טויבן אַנטוויינען...
די פייגל,
וואָס ס׳האָט זיי געמאָלט פּיקאַ׳סאָ,
די ווייכע,
די אומשולדיקע —
ווי קאָן מען אַזוי זיי האַסן?

מע וועט זיי, פאַרשלאָפֿענע,
א נעם טאָן, ווי סכוירע, פֿון זייערע ערטער,
צונויפֿלייגן זיי אין קאַסטנס אָפֿענע
און צושטעלן צו יעדן
א וועכטער.

מע וועט זיי אוועקפֿירן
קיין פֿאַ־דע־קאַלע,
ברענגען זיי צו די שאַכטעס.
א קוילנגרעבער וועט זיי דערזען
און זאָגן זיי ווערטער צאַרטע:
„בלײַבט אין אונדזער שוואַרצן קאַנט,
כ׳וועל אײַך האָדעוען פֿון האַנט.
טראָגט די רו אויף פֿליגל לײַכט —
מיר זאָל זײַן פֿאַר אײַך...
מיר זאָל זײַן פֿאַר אײַך...״

נאָר ס׳וועלן די טויבן,
אזוי ווי א שניי,
פֿון פֿאַ־דע־קאַלע, פֿון דאָרטן
א פֿלי טאָן צוריק
צו שאַנז־עליזיי,
צום ליוקסעמבורגער גאָרטן.

און ווידער וועט קלינגען מײַן קאָל,
ווידעראַמאָל,
נאָכאַמאָל:

בירגער פּאַריזשער אײַנוווינער
אָן אונטערשייד פֿון ראַסע און פֿון גלויבן,
גייט אַרויס פֿאַרטיידיקן
די אומשולדיקע
טויבן!

1961

א טאָג פון אָפענע הערצער

ס'ווערט געמאָלדן א טאָג פון אָפענע טירן...
(פון די צײַטונגען)

איך מעלדע א טאָג פון אָפענע הערצער:
ווער עס וויל, זאָל ארײַנגיין אהערצו,
אהער — אין דעם הארץ, אין דער סאמע נעשאָמע,
ארײַן אף א רעגע,
אָדער אף טאָמיד.
א גוטער מענטש וועט אף לאנג דאָרט פארבלײַבן,
דאָס הארץ אליין וועט א שלעכטן פארטרײַבן.

— גיי נישט צום הארצן פארשטעלט אין א מאסקע.
פארהאקן עס וועט זיך דאָס הארץ ווי א פאסטקע.
גיי נישט מיט קרומע און פאלשע וועגן,
גיי מיך נישט כאנפענען,
גיי מיך נישט שרעקן,
מיין נישט, אז אָפן מײַן אָפן הארץ איז
אויך פאר פארשוינען מיט הערצער שווארצע...

איינעם, א צווייטן אזוי כ'האָב געוואָרנט —
ס'הארץ נישט פאריאָסעמט פון דעם איז געוואָרן,
אוועק פון מײַן הארצן איז איינער, א צווייטער,

געוואָרן דער קרײַז איז סײַ ענגער, סײַ ברייטער.
איך מעלדע א טאָג פון אָפענע הערצער:
ווער עס וויל,
זאָל ארײַנגיין אהערצו...

גיי איך ארום איבער פעלדער און וועלדער —
נישט קיין פארשטעלטער,
ניין, נישט קיין פארשטעלטער.
כ׳קום צו די פרײַנט מײַנע — נישט קיין געהיימער,
רעד מיט זיי אָפן
אין גאַס,
אין די היימען,
רעד אױף די וועגן
און רעד בא א שיידוועג:
— מענטשן! אָן אײַך איז דאָס הארץ מײַנס ליידיק.
— מענטשן! כ׳וועל אייביק צו מענטשן שטרעבן.
— מענטשן! איך קאָן אָן מענטשן נישט לעבן.
איך מעלדע א טאָג פון אָפענע הערצער:
ווער עס וויל,
זאָל ארײַנגיין אהערצו...

גיי איך אױף פלעצער און גיי צו די סקווערן,
שווים איבער יאַמען און פלי צו די שטערן.
אומעטום קומען מיר מענטשן אנטקעגן.
„ס׳הארץ דײַנס איז אָפן?" — די מענטשן פרעגן.
— אָפן! —
און ס׳קומען ארײַן אין מײַן הארצן
מענטשן מיט ווײַסער הויט און מיט שווארצער,
מענטשן מיט גרויע אויגן און בלויע —
קינדער און זקיינים,
מענער און פרויען,
קומען באשיידענע, קומען פארפוצטע —
קיינער פון זיי מיט קיין הערצער פוסטע,
אויך מיט פארדאָרבענע הערצער — קיינער,

אויך מיט א וווּנד אין דעם האַרצן — קיין איינער.
אַלע מיט מענטשעלעך ליכט אין שוואַרצאַפּל,
אַלע מיט הערצער, וואָס אומרויִק צאַפּלען.

גיי איך אַרום —
א געזונטער, פאַרשײַטער,
כ׳קום צו די ראַכוועסן נאָענטע, ווײַטע,
נעם אַף די הענט דאָרט די קלײנינקע קינדער,
גיי מיט די פּאַסטעכער פּאַשען רינדער,
דאָרט, אונטער אומבאַקאַנטע הימלען,
זינגט מען אויך שירים,
שפּילט מען אויך הימנען.
יאַוועט א מענטש זיך, מע זאָל אים בענטשן,
זאָג איך:
— זאָל לעבן דער מענטש אין דעם מענטשן.
פירט מען א צווייטן, מע זאָל אים שטראָפן,
זאָג איך:
— דאָס האַרץ
איז פאַר שלעכטס נישט אָפן.
אויב ס׳איז א טאָג פון אָפענע הערצער,
וויל איך, אַז ליכט זאָל אַרײַנגיין אַהערצו.
אַהער — אין דעם האַרץ, אין דער סאַמע נעשאָמע,
אַרײַנגיין אַף שטענדיק,
אַרײַנגיין אַף טאָמיד.

1958

בענקשאפט

די בענקשאפט צו זײַן מיט א כאוואַר צוזאמען
איז פּונקט ווי די בענקשאפט פון קינד צו זײַן מאמען.
ס'פלעג טרעפן אין שלאכט:
אף א פעלד, אין א רעגן,
כאָטש שוועבעלעך האָב איך געהאט, נאָר פארויכערן
געפּויזעט צום שאָכן.
— קיין קויל פלעג ניט שרעקן! —
אזוי האָט די בענקשאפט באוויזן דעם קוי'ך אירן...

כ'געדענק: אין דער טײַגע —
א יעגער, א שוויַיגער,
צו מיר פלעג ער קומען זיך האלטן אן אייצע —
דורכגיין א זיבעציק וויאָרסט אין דער טײַגע,
אוועקגיין צוריק מיט דער ביקס אף דער פּלייצע...

די בענקשאפט צו זײַן מיט א כאוואַר צוזאמען
איז פּונקט ווי די בענקשאפט פון קינד צו זײַן מאמען.

1953

דער וועג פון ערגעץ אנדערש

אין ענגלאנד איז פאראן א וועג, וואָס איז אָנגע־
רופן דורך דער אדמיניסטראציע „דער וועג פון
ערגעץ אנדערש“.

דער וועג פון ערגעץ אנדערש — וווּהין וועט ער פארפירן?
צו פרעמדע קאראהאָדן? צו צוגעמאכטע טירן?
דער וועג פון ערגעץ אנדערש — א נאָמען אזא שיינער,
נאָר דאָרט,
אין ערגעץ אנדערש,
מ׳וועט זיכער אים פארשטיין מער.
אלציינע, נאָר פארשיידן, אזוי ווי צווייט און לאנדיש,
די אייגן־ערד
און יענע —
די ערד פון ערגעץ אנדערש.

כ׳דערמאָן זיך די מילכאָמע, ווען כ׳בין געגאן, געריטן,
די ערד אונטער סאָלדאטסקע פיס האָט זיך געביטן.
די ערד געשמעקט האָט פויליש, די ערד געשמעקט האָט פלאנדריש,
און אומעטום — כויץ רוסלאנד — אן ערד פון ערגעץ אנדערש.

געבראכט איך האָב פון דאָרטן די ראָסע אף די שטיוול,
קיין ערד נישט מיטגענומען, און עס געטאָן בעקיוון.

קיין פרעמדן וועג אינדר׳היים איך האָב נישט אויסגעטאָפּטשעט,
ווײַל ביטער איז פון וועג פון היימישן דער אָפּשייד.

דער וועג פון ערגעץ אנדערש — וווּהין וועט ער פאַרפירן?
צו פרעמדע קאַראַהאָדן? צו צוגעמאַכטע טירן?
אַלציינע, נאָר פאַרשיידן, אַזוי ווי צוויט און לאַנדיש,
די אייגן־ערד
און יענע —
די ערד פון ערגעץ אַנדערש.

1960

ערעוו א פאָלקס־ציילונג

יאָרטוויזנטער פּארצײַען שוין מיט גרויקײַט מײַנע הויטן,
דאָרט, ווו איך ליג, איז ערד און לײַב ניט אָפּצוטיילן,
און ווײַל איך לעב אין לעבעדיקע און אין טויטע,
איז אומעגלעך מיך איבערציילן.

כ׳ליג, ווי א קינד, וואָס האָט זיך אויסגעבונדן פון די וויקעלעך:
אין בויבעריק אן אייוועד, אין בוכענוואלד אן אייוועד,
דער קאָפּ ליגט אין וואָלין,
די פיס — אזש אָנגעשפּארט קיין פּראָג און קיין בערלין,
דאָס הארץ — אין ווינעלע,
דאָס געביין — אין קייוועד.

איך בעט אײַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך מײַן מאמען,
איך בעט אײַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך מײַן שוועסטער,
איך בעט אײַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אנא פראנק.
און ווײַל איר וועט ניט אויסמעקן אויך מיך — א דאנק.

1966

אין די שטערן כ'דריי אַרויס די ליכט

פון באַרג איך בייג אַראָפּ זיך צו דער שלאָפנדיקער שטאָט,
ווי גלײַך איך וויל א טאַפּ טאָן זי אין שטערן:
זי איז געזונט, די שטאָט, צי עפּשער, באַהיט גאָט,
געוואָרן קראַנק? צי מיד פון טאָג פון שווערן?

כ'שטעק אויס די האַנט, און די לעוואָנע רוק איך צו צו זיך
מיט היימישער באַוועגונג, ווי א זעלצערל באַם עסן.
דערנאָכדעם אין די שטערן כ'דריי אַרויס די ליכט
און טראָג זיי איינציקווײַז אוועק אין טונקלע געסלעך.

ווערט ליכטיק ווײַט אַרום. איך זע איצט יעדער הויז,
און אויב איך דאַרף אַרײַן אין דעם און קאָן ניט,
נעם איך דעם גאַנצן הויף צו זיך אין שויס
און דאָס צענשטאָקיק הויז — כ'נעם אַף דער דלאָניע.

אַלמעכטיק, זאָגט מען, איז אין הימל נאָר איין גאָט.
אַליין איך בין א גאָט איצט, מעג איך שווערן.
פון באַרג איך בייג אַראָפּ זיך צו דער שלאָפנדיקער שטאָט,
ווי גלײַך איך וויל א טאַפּ טאָן זי אין שטערן.

1957

דאָס געזאנג וועגן קינדערשן געוויין

עס האָט מיך אופגעוועקט דער ערשטער הוסט אין שטאָט...
אראָפּ פון בעט, געטאָן א ווייכן טראָט —
און זיך דערמאָנט, אז ס'האָט א גאנצע נאכט
געקלעמט דאָס הארץ און שלאָפן ניט געלאָזט,
אפילע אין דעם כאָלעם כ'האָב געטראכט,
אז אין אזא מין קעלט, אין שניי און פראָסט,
איז בילעכער, איז בילעכער פון אלץ,
אז ווארעם זאָל די קליינע קינדער זײַן —
ניט צוקילן זיי זאָלן זיך דעם האלדז,
ניט וויסן אויך פון קאָפּווייטעק די פּײַן.

איך בין אין גאס אראָפּ פון הויכן שטאָק
און האָב דערזען: אין שטאָט קוים־קוים עס טאָגט,
גאס־אײַן, גאס־אויס פארהוקעט איז און פוסט,
און דאָס האָט מיך בארויִקט און דערפרייט:
נו, דאנקען גאָט, קיין קינד האָט ניט געהוסט —
עס שלאָפט זיך גוט, ווען ס'איז די שטוב פארשנייט...

איך האָב געוואָלט צוריק אהיים שוין גיין,
נאָר פלוצעם,
אין דער ווײַט,
איך האָב דערהערט
א הילפלאָזן א הילכיקן געוויין
פון הונדערט קינדער אָדער עפּשער מער!

איך בין אוועק אהין, אין יענער זײַט,
ווי אַף אַ סרייפע, ווען פון פלאַם מע שרײַט.
די מיליציאָנערן אַף דער גאַס,
די סטרוזשן בא די גאָלד־קלייטן — אין טאָך
געקוקט אַף מיר אָן כשאַד, אָבער מיט קאַס,
פאַרוואָס איך לויף און קיינער לויפט ניט נאָך...

יאָ, יאָ, אומזיסט געווען איז מײַן דערשרעק:
אין הויז, ווו קימפעטאָרנס ליגן, כ'בין ארײַן,
די אייפעלעך צום זויגן דאָרט מע וועקט,
איז שרײַען זיי פון זײַן־אָדער־ניט־זײַן.

אין דעם בריישעס איז דער מענטש אָט דאָ,
אין סאמע אָנהייב, אין דער ערשטער שאָ,
אין נאָך ניט זײַן אַף קיינעמס, קיינעמס זײַט,
אין נאָך ניט זאָגן יאָ, ניט זאָגן ניין,
אין ליגן בא דער מאַמעס לינקער זײַט,
אין זײַן נאָך מיט דער קאָרע אומריין־ריין.
דער מענטש איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען,
ער האָט אַף זיך אליין נאָך ניט געקוקט,
ער האָט נאָך זײַן באַשעפער ניט געזען,
ער האָט זיך נאָך פאַר גאָרנישט ניט געבוקט...

און דאָך האָט ער שוין אויסגעוויינט זײַן ווײ,
אַף צענטער גאַס דערהערט כ'האָב זײַן געשריי.
און ניט נאָר איך אליין. ניין, ניט נאָר איך.
פון אַלע עקן שטאָט אַהער מע גייט.
בא אַלע פענצטער שטייט מען דאָ געדיכט,
פון קאָפּ און ביז די פיס פאַרוויט־פאַרשנייט,
און אײַנגעגראָבן שטייט מען — ניט פון אָרט,
מע הערט זיך צו: די קינדער זויגן גוט...
די קינדער שווײַגן... וויינען מוז מען דאָך!
נו, וויינט! נו, וויינט! — און שפּילן זאָל דאָס בלוט!

1953

אַן אָפּהילך אין די אויערן

א קורצער, שאַרפער פֿײַף אַרויס איז פון אַן ענגשאַפט,
גלײַך ווי אַ צוויאַק אין ברעט, איז ער אין רוים אַרײַן,
און פּלוצעם — אויס, ניטאָ! געבליבן נאָר די בענקשאַפט:
ס'קאָן, כלעבן, גאָר ניט זײַן, ער זאָל שוין מער ניט זײַן...

ער האָט דאָך ערשט פאַרהילכט דעם קלאַפּ פון אַלע הערצער,
געשטאַנען ווי אַ זײַל אויף דער פאַרטויבטער שטאָט.
און ס'האָט געדוכט: נאָר ער דאָס לאַכן און דאָס קרעכצן,
דעם ראַש פון אונדזער ערד דערטראָגן וועט צו גאָט.

איך האָב געוואָלט זײַן גורל פּאַסקענען מיט טרויער:
געדויערט האָט דער פֿײַף אפילע ניט קיין שאָ...
נאָר אָפּגעשטעלט האָט מיך אַן אָפּהילך אין די אויערן —
איך הער אים נאָך, דעם פֿײַף, כאָטש ער איז שוין ניטאָ!

1957

קרוינעז הערן

נו, איז וואָס, אויב ס'האָבן נאָך פארהיט
קידער־ווידער־ווינטן דעם בייזוואונדער?
פרילינג, פרילינג! צו דיין זון זיך ציט
יעדער גרעזל אין דעם וואלד באזונדער.

אָט דעם וואלד, וואָס קלעטערט ארויף־בארג,
וועט קיין וואלגער־ווינט דעם וועג שוין ניט פארלויפן.
נו, איז וואָס, אויב ס'ציטערן דאָרט שטארק
סאָסנעס איינציקע — פארקוילטע, ווי ניסראָפּים?

אין דעם וואלד מע טראכט ניט: גרינג צי שווער,
קיינעם ליגט אין זינען ניט צו וואָרטשען.
קרוינעז הערן, ווי עס קרעכצט די ערד,
א פארכושטע פון די זויגנדיקע וואָרצלען.

1957

אָן א שטיין

די האַנט האָט א כאַפּ געטאָן א שטיין! שוין פארפאַלן...
עס קאָן זי ניט אָפּשטעלן ניט דער קאָפּ,
ניט דאָס האַרץ אַליין.
אָך, בלוט וועט זיך גיסן דאָרט,
ווּ דער שטיין וועט פאַלן...

נאָר טוט א קוק,
טוט א קוק, וואָס עס טוט דער שטיין:
דער שטיין וויל וויסן, אין וועמען מע וואַרפט אים,
דער שטיין איז אופגעשטאַנען קעגן דער האַנט!
ער וועט זיך פאַרהאַלטן,
ניט דערפליִען א קלאַפּטער,
ניט דערפליִען צום פאַרברעכן, צו דער שאַנד.
די האַנט האָט דערפילט, אַז דער שטיין
איז שווערלעך.

זי טוט אים א רײַב אין דער אייגענער הויט
און גייט אָפּ מיט בלוט:
דער שטיין איז געפערלעך!
פאַר איר אַליין שמעקט ער מיט טויט!
די האַנט האָט פּאַמעלעך צענומען די פינגער,
אָנגעהויבן זיך קווענקלען,
געביטן דעם מיין.

און איצט —
אַז אַ שטיין דער האַנט איז גרינגער,
און איצט —
אויף דער ערד ליגט דער שטיין ווי אַ שטיין.

1966

יאם־לידער

א.

רו שוין אָפּ זיך, יאם, — א גאנצן טאָג דו האָרעוועסט...
פון די ברעגן כלינען אָפּ פארזאמט
כוואליעס, אָפּגעקילטע פון ארומגיין באָרוועס
איבער דעם פארנאכטיק־קאלטן זאמד.

אויך די שיפן דײַנע גייען טריטוואסער פאמעלעכער...
כ'ליג באם ברעג און קוק אף דיר און טראכט:
וועלכע לײַדנשאפטן, טרוימען וועלכע
לאָזן ניט צורו דיך אויך באנאכט?

כ'וויים: דײַן אומרו — קיינמאָל וועט ער זיך ניט ענדיקן,
זײַן וועסטו אי שוימיק־ווײַס, אי פעביק־שווארץ,
ס'איז דײַן אומרו, ווײַל ער איז א שטענדיקער,
ענלעך אף דעם אומרו פון מײַן הארץ...

1953

ב.

דו זע נאָר, ווי עס קאָכט,
ניט מיין — די כוואַליע שטיפט.
ס'האָט איינמאָל אַף דעם אָרט
געזונקען שוין אַ שיף,
אַוועקגעגאַן צום דעק.
פאַרוואָס, פאַרוועען — ווער ווייסט?
געלאָזט נאָך זיך די שרעק,
פאַרשלעפּט מיט זיך די טרייסט.
מיר ווייסן עס — און דאָך
צעבויטען מיר די טיף.
ס'האָט איינמאָל אַף דעם אָרט
געזונקען שוין אַ שיף.

1953

ג.

אויב ס'איז באַשערט צו פֿאַלן,
אין אַף אַ טיפֿן אָרט,
געפֿאַלן און — פֿאַרפֿאַלן
אין יאַם אַרײַן — פֿון באָרט!

און אײדער איר װעט װעלפּיש
אַ נישטער טאָן די דעק,
איך װעל שױן זײַן אַ װאַלפֿיש
און װעל פֿון אײַך אַװעק.

איר װעט שױן װערן קאַליע
צי גאָרנישט װערן סטאַם,
און איך װעל אַליץ זיך כװאַליען
אין אױסגעשפּרײטן יאַם.

1957

ד.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון דעם דריטן וואַל...

געוואָרן קיל איז אַפֿן יאַם, ווי אין אַ וואַלד.
מיט פֿײַכטקײַט און מיט שאָטן האָט גענומען שמעקן.
דערנאָך האָט זיך צעשפּילט דער פֿערטער וואַל —
אַ שפּאַר געטאָן אַף זיך אַליין פֿון אַלע עקן.
דערנאָך דער פֿינפֿטער,
זעקסטער,
זיבעטער,
און דאַן —
דער אַכטער וואַל...
געשטעלט אַף די שפּיץ־פֿינגער האָט דער יאַם זיך,
און ס׳איז געשען! —

און אויפֿגעזאָדן מיט דעם וואַסער האָט די שטילקײַט לאַנגזאַם.

1966

דער הויכער בארג פון דעם הארצן

דער הויכער בארג פון דעם הארצן —
ארופגיין אף אים איז שווער.
ארופגיין אף אים איז געפערלעך, ארופגיין אף אים איז א גליק.
גייסטו ארוף אף דעם הארצן — זוך ניט קיין טאָל שוין מער,
שווימסטו אריבער דאָם בלוט זײַנם — קוק שוין ניט מער אף צוריק.

ווען דאָרטן, ווו לוסטיק און ראשיק איז,
דעם שווערלעכן קאָפּ איך פארליר, —
פארגייען אין הארצן זאשפערעס,
די נעשאָמע מײַנע פארפרירט.
און גוט איז דערנאָך צו ווימן, אז כ'האָב באַם געפערלעכן אָרט
א וואָרף זיך געטאָן צום געוויסן
און פליען אין אָפּגרונט פארשפּאָרט.

דער הויכער בארג פון דעם הארצן —
ארופגיין אף אים איז ניט לײַכט.
ארופגיין אף אים איז א כיעס, אראָפּגיין פון אים איז א זינד —
ווײַל דאָרט, אף דער הייך פון דעם הארצן, איך בין מיט דעם
אָדלער גלײַך,
ווײַל נידעריקער פון דעם הארצן
מיט אָפּענע אויגן כ'בין בלינד...

1962

2

קום אריַין אין מיַין וועלט

דער מענטש

דער מענטש איז פון זיַין שטוב ארוים —
און האָט דערזען לעם זיך די וועלט.
דאָס גרעזל — קליין,
דער צעדער — גרויס,
דאָס אייזל — וויינט,
דער פילין — קוועלט,
און אליץ ארום איז פול מיט זין,
און ניט געצווּונגען ס'לעבן גייט —
עס רוט דער אָקס,
עס טוט די בין,
און יעדער אף זיַין אָרט זיך פרייט.

און אלע זיי,
און אליץ ארום —
די גאנצע וועלט,

סײַ גרויס, סײַ קליין:
דער בורונדוק, די בין, די בלום,
די פּאווע, וואָס איז מאָלע־כּיין,
דער שטומער מאַלעך
און דער שעד,
וואָס רעדט און רעדט און רעדט און רעדט,
דער אָדלער, וועלכער לעבט א סאַך,
די פלעדערמויז, וואָס לעבט באנאכט, —
זיי כאַפּן אויף זיך, ווי פון שלאָף,
און פאר דעם מענטשן בלײַבן שטיין,
און ווערן שטיל און ווייך, ווי שאָף:
— דער מענטש איז שיין...
— דער מענטש איז שיין...

מיט וואָס איז שיין דער מענטש? מיט וואָס?
מיט זיך אליין? אוואדע. שיין.
ער האָט אין זיך אָט יענע מאָס,
וואָס נעמט צוריק די שאַרפע ציין
און שטעלט ארויס
פאָרויס
דאָס אויג,
דעם קלוגן קוק, די האנט, וואָס ווייסט,
ווען זײַן א צוואנג, ווען זײַן א טרייסט...

אך, ווי ס'איז שיין דעם מענטשס געשטאַלט:
דער הויכער קאָפּ, וואָס ער אנטבלויזט,
דאָס ווײַסע לײַב, וואָס ער באהאַלט,
די קליידער, וואָס ער קלײַבט זיך אויס.
אַלץ אויסגעלײַטערט איז אין אים,
און אַלץ אין אים די וועלט אנציקט:
די דינע סטרונעס אין זײַן שטים,
די טויזנט זונען אין זײַן בליק...

און דאָך —
איז ניט אין דעם זײַן ווערט,

ווײַל גוט געמאכט איז ניט נאָר ער,
און שיין
איז ניט נאָר ער אליין.
מיט וואָס פארדינט ער לויב? מיט וואָס?

ער איז א גוטער באַלעבאָס.
ער שטעלט אַרײַן א טאפליע דאָרט,
ווו די נאטור האָט ניט צעטיילט
פאר אים און פאר דער גאס דאָס אָרט.
און אַלעמאָל, אין יעדן פאל,
ער ווייסט, וואָס טאָן מע דארף,
און טוט —
דאָס פי אף נאכט פארטרײַבט אין שטאל
מיט „נאָ! אהיים!..",
צי מיט א רוט,
די קווייטן ווײַזט ער זייער אָרט
און קלײַבט אפילע אָפּ דעם סאָרט,
און ניט פאר קווייטן ס'פעלד — פאר ברויט,
און ארום פעלד זײַן היים ער בויט:
די ווענט, די פריזבעס,
אויך א פלויט
דאָרט, ווו מע דארף, שטעלט אוף,
און אויך
בעסאַלמענס שטעלן קלעקט אים קוי'ך...

ער איז א גוטער באַלעבאָס.
און ניט נאָר דאָס,
ניין, ניט נאָר דאָס...
זײַן וועג געפערלעך איז און שווער, —
דעם מענטש האָט קיינער ניט געקרוינט,
ס'האָט קיינער ניט באַלוינט זײַן טרער
און אויך זײַן שמייכל ניט געשווינט, —
און ער — געגאנגען און געווען,
און ער — וועט גיין,

און ער — ווערט זײַן:
די הענט צו שווערער מי געווענדט
און גוט באוואָרנט מיט קלייזײַ׳ן.

און ווען ער גייט פון שטוב ארויס,
איז אלע־אל
און אלץ ארום,
די גאנצע וועלט —
סײַ קליין, סײַ גרויס:
דער בורונדוק, די בין, די בלום,
דער שטומער מאַלעך
און דער שעד,
וואָס רעדט און רעדט און רעדט און רעדט,
דער אָדלער, וועלכער לעבט א סאך,
די פלעדערמויז, וואָס לעבט באנאכט, —
זיי כאַפּן אויף זיך, ווי פון שלאָף,
און פאר דעם מענטשן בלײַבן שטיין,
און ווערן שטיל און ווייך, ווי שאָף:
— דער מענטש איז שיין!
— דער מענטש איז שיין!

1959

די וועלט

עס איז דאָ א וועלט מיט פייגל,
עס איז דאָ א וועלט מיט פליגל,
עס איז דאָ א וועלט מיט נעסטן, —
איז די וועלט דען זייער וועלט?

עס איז דאָ א וועלט מיט קלאַנגען,
מיט געשרייען און געזאַנגען,
וועלט מיט רייכעס, וועלט מיט פאַרבן, —
וואָס זשע איז אַזוינס די וועלט?

עס איז דאָ א וועלט מיט קינדער,
עס איז דאָ א וועלט מיט רינדער,
פרײַנט און סאָנים — גאַנצע וועלטן,
און א גאַנצע וועלט מיט העלדן,
עס איז דאָ א וועלט מיט מענטשן, —
וואָס זשע איז אַזוינס די וועלט?

עס איז דאָ א וועלט מיט גראָזן,
וועלט מיט וועלף און וועלט מיט האָזן,
עס איז דאָ א וועלט מיט פּאַכער,
עס איז דאָ א וועלט מיט שוואַכע, —
איז עס עפּשער זייער וועלט?

וועלט, אָ, וועלט מיט פרייד און זאָרגן,
וועלט פון הײַנט און וועלט פון מאָרגן,
עס איז דאָ א וועלט פון טרוימען,
וועלט מיט בערג און וועלט מיט טהאָמען,
מיט פּאַלאַצן און געצעלטן,
עס איז דאָ א וועלט מיט וועלטן, —
וועלט! אָ, וועלט!

1960

א וואָרט צו ראסייא

געגאנגען פון מידבער,
זיך אָפּגעשטעלט אין גרענאַדע,
אין פראנקפורט — און ווײַטער,
און ביסקל דעם סלאווישן ברעג, —
איך וואָלט צו דעם אײַז פון די טשוקטשן
דערגאנגען אוואדע,
ווען ס׳וואָלט מיר, ראסייא, דײַן ווארעמער סטעפּ
ניט געשטעלט זיך אין וועג.

אויף כאָגעס,
כאָדינקעס,
אויף וואָס נאָר א פרייעניש־ווייעניש,
צוזאמען געטאָפּטשעט
מיט שווערע שטיוואלעס די ערד.
געבראכט כ׳האָב,
ראסייא,
אזעלעכע סארע מאָיסייעוונעס,
אז אונטער די בליצן פון זייערע אויגן
עס פלעגן דראגונער
זיך וואלגערן פון די פערד.

צעשטעלט האָב איך קרעטשמעס אויף וועגן —
קאזיאָנע שעליכים אויף נאכט צו דערווארעמען,

אויך קוזניעס
אף אונטערצוקאָוועט די טראַיקעס
מיט שטאָל.
אמאָל פלעגסטו מיך פאר דער מי
אומארעמען,
אמאָל — מיט א קולעק,
פלעגסט אויך מיט א קולעק אמאָל...

דער בראנד פון דײַן פראָסט
און דער שניט פון דײַן ווינט
מײַנע בלוטן באַלעווען.
לעם דיר בין איך עטוואָס קילער
און ווייכער,
בין שטרענג און געצאמט.
אין אונדזער געמיינזאם געזינד
זאָגט מען איידל:
— Добро пожаловать!
און דארף מען,
דערמאָנט מען איידל:
— Москва не верит слезам...

אף באסענעס,
הוליאנקעס
און גלאט בא א זאוואלינקע,
ווען ס'קומט זיך צונויף די קאפעליע
הארמאָניקעס,
באַלאַלײַקעס,
דודעס,
און וואָס דען ניט? —
דו גיסט א זוך מיטן אויג:
— שטייט א ווײַלינקע,
און די יידישע קלעזמער ווו זײַנען?
רעב פידעלע,
קום ארײַן אין דער מיט...

געווען בין איך
אפֿן וולאדימירער טראקט,
אין די שנייען סיבירער.
מײַן פּוס
צו דײַן פּוס
צוגעקייטלט אין קאטאָרזשנעם גאנג.
דו האָסט זיך, ראסייא,
ניט געלאָזט
פֿון ניקאָלקען פּארפּירן,
מיר האָבן,
ראסייא,
אין דער זיבעטער ריפּ אים דערלאנגט.

געגאנגען פֿון מידבער,
זיך אָפּגעשטעלט אין גרענאדע,
אין פֿראנקפֿורט — און ווײַטער,
און ביסקל דעם סלאווישן ברעג, —
איך וואָלט צו דעם אײַז פֿון די טשוקטשן
דערגאנגען אוואדע,
ווען ס'וואָלט מיר, ראסייא, דײַן ווארעמער סטעפּ
ניט געשטעלט זיך אין וועג.

1967

אין אייגן פעלד

ווי קום איך אױף דעם פעלד?
צי איז דאָס פעלד פאַר מיר שוין לאַנג אַ היים געוואָרן?

— אינײַנעם מיטן קאָרן,
וואָס גייט דאָ אױף און גרינט און ווערט פאַרגעלט,
אינײַנעם מיט די ווערעמלעך און מיט די בלומען
בין איך אין פעלד — ניין, ניט געקומען! —
אין פעלד אין שטעכיקן איך בין געבאָרן.

און כ׳ווייס ניט, צי פון דעם איז אויסגעשפּילט מײַן בלוט,
און גרויסהאַלטן איך וויל זיך ניט מיט דעם פאַר קיינעם.
איך וואַקס אין אייגן פעלד.
און שווער איז מיר. און גוט.
און שווער איז מיר און גוט מיט זאַנג און גראָז אינײַנעם.

וואָס נעם איך בא דעם פעלד?
צי איז פאַר מיר דאָס פעלד אַ לײַבלעכע, אַ גוטע מאַמע?

— מיט אַלעמען צוזאַמען
איך האָב דאָ סײַ מײַן נעסט, סײַ אויך אַ גרויסע וועלט,
איך טרינק פון קוואַל און ברענג אים ניט קיין שאָדן,
איך בין דאָ אױף דער זון און בין דאָ אין איר שאָטן.

און כ׳ווייס ניט, צי פון דעם איז אויסגעשפּילט מײַן בלוט,
און גרויסהאַלטן איך וויל זיך ניט מיט דעם פאַר קיינעם.

איך וואקס אין אייגן פעלד.
און שווער איז מיר. און גוט.
און שווער איז מיר און גוט מיט זאנג און גראָז איניינעם.

וואָס ברענג איך אױף דעם פעלד?
צי גייט דאָ אויף, אין פעלד, מײַן שאפנדיקער קויעך?

— באם אופהייבן די רויערד
געפונען שפּורן כ'האָב פון א געצעלט,
וואָס איז פון אוראלט א פארטרויטער איידעס,
און דאָרט האָבן געמיט זיך מײַנע זיידעס.

איך ווייס ניט, צי פון דעם איז אויסגעשפּילט מײַן בלוט,
און גרויסהאלטן איך וויל זיך ניט מיט דעם פאר קיינעם.
איך וואקס אין אייגן פעלד.
און שווער איז מיר. און גוט.
און שווער איז מיר און גוט מיט זאנג און גראָז איניינעם.

1958

א פאַרגעסן וואָרט

גרילצט אין אויער:
„אוירעך"... „אוירעך"...
„עסן טעג"...
וואָס איז עס, וואָס?
איך פאַרשטיי ניט אָט די טוירע, —
מאַרעשכוירע
און פאַרדראָס.

עפּשער בין איך גאָר א פּוילער?
עפּשער ביסטו רײַך, ווי קוירעך?
דו — דער פּניי?
און איך — דער אוירעך?
זאָג — פאַרוואָס? פאַרוואָס?

כ'האָב אַף אייביק שוין געשווירן,
אז דאָס וואָרט אָט דאָס פאַרלוירן
און פאַרגעסן האָב איך פראָסט.
ס'גרילצט אין אויער:
„אוירעך"... „אוירעך"...
„עסן טעג"...
וואָס איז עס, וואָס?

1964

אין וועג

ווײַט, אזוי ווײַט צו א נאכטלעגער,
ווײַט צו א קאלטן טרונק.
מײַן פרײַנט איז א מענטש אין די אכציקער,
און איך בין אזוי נאָך יונג.

מיר גייען פון דער גנילאָפּיאטעווקע,
באם דניעפּער עם ליגט באבי־יאר.
און ס'ציט זיך די צײַט ווי פּאטעקע,
און מיד איז מײַן פרײַנט דערפאר.

מיר גייען שוין לאנג מיטן וואָלגע־ברעג,
די בירע מיר זײַנען פארבײַ.
אין הימל אזויפיל וואָלקנדלעך,
דער טײַך איז פון וואָלקנס פרײַ.

אונטער די פיס — הרודעס הארטלעכע,
ברייט איז די וועלט — טו א שפּרונג.
באלד וועט שוין זײַן א נאכטלעגער,
זײַן וועט א קאלטער טרונק.

1965

קום אריַין אין מײַן וועלט

קום אריַין.

קיל זיך אָפּ אין מײַן היץ, ברי זיך אָפּ בא מײַן קעלט.
אין מײַן וועלט קום אריַין.
קום אריַין אין מײַן וועלט.

שיקער ווער פון מײַן ווינט, ניכטער ווער פון מײַן וויַין.
קום אריַין אין מײַן וועלט.
אין מײַן וועלט קום אריַין.

פראנק־און־פריַי דיר מײַן וואלד, און געדיכט דיר מײַן פעלד.
אין מײַן וועלט קום אריַין.
קום אריַין אין מײַן וועלט.

זאָל דיר גרינג זיַין מײַן אָל, שווער מײַן ליַיכטזין דיר זיַין.
קום אריַין אין מײַן וועלט.
אין מײַן וועלט קום אריַין.

קום אריַין.

1968

אפילע

אפילע ווען איך זיץ
און טיף אין זיך איך בין פארזיגלט, —
אפילע דעמאלט זיץ איך אף א דונער מיט א בליץ,
און אויסגעשפרייט בא מיר זיינען די פליגל.

אפילע ווען איך פלי
און ווינט און בלוט — ארום און אין די שלייפן, —
אפילע דעמאלט בין איך שטיל, ווי אינדערפרי
אן אייפעלע.

1963

װעט קומען דער טאָג

א שלאָפלאָזע נאַכט מאַכט ניט לענגער דעם טאָג —
בלויז זיך און דעם אומעט מאַכט לענגער, מאַכט גרעסער.
כ'װעל בעסער שוין בײַשטײן דעם טרוים, װאָס מיך טראָגט,
דעם אומרו דערשטיקן אין ברוסט װעל איך בעסער.

װעט קומען דער טאָג, װעל איך זאָגן: שוין צײַט!
ניט שלאָפן! ניט רוען! ניט זוכן קײן שאָטן!
אלײן זײַן דאָס רײַטפערד, און װעלכן איך רײַט,
אלײן זײַן די ערד, װאָס מײַן טרוים האָט באַטראָטן!

1957

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
א סאָלאָוויי טאָר ניט וויינען,
און זאָל דער ניטגוטער מיינען,
אז ניט איך וויין, נאָר איך שפּיל.

דאָס הארץ — עס מעג זיך פארגיין,
אזוי ווי א קינד אין געיאָמער,
נאָר מאכן אן אָנשטעל לאָמיר,
אז קיינער עס האָט ניט געוויינט —
מאמעניו־הארצעניו, איילעך.
קעצעניו־ליובעניו, פריילעך.

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
עמעץ וועט קומען און הערן,
וועלן זיך שטעלן אים טרערן,
וועט ער צעוויינען זיך שטיל.

דערמלט כ'וועל שרײַען: איר הערט?!
דערמלט די טרער וועל איך לויבן.
שפּיל, סאָלאָווייטשיק, דײַן גלויבן
בלײַבן זאָל אייביק געערעכט.
ס'ארט מיך ניט, אויב וועסט זיך מאכן:
לאכן און לאכן און לאכן...

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
א סאָלאָוויי מעג דען שטומען?
איין סאָלאָוויי מאכט זומער! —
שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל.

1966

ווִיטשעגדא

ס׳איז באשלאָסן געוואָרן צו אויסקערעווען אין דער קעגנִיבערדיקער ריכטונג, דה. אף דאָרעם, צום קאספישן יאם, די צאָפנדיקע טײַכן פעטשאָרא און וויטשעגדא.

(פון די צײַטונגען)

ווען געפלאָסן וואָלט די וויטשעגדא
אין אן אָדער אף מײַן האנט,
ווען זי וואָלט פון הארץ ארויספליסן און זיך יאָגן צום פארשטאנד,
וואָלט איך ערגעץ־ווּ זי אָפּגעשטעלט אף א קורצינקער מינוט
און באלויכטן מיט מײַן ווילן זי, און דערווארעמט מיט מײַן בלוט, —
אז דאָס גליק זאָל אף דער וויטשעגדא זיך צעשפּילן דאָס געגארטס:
פון פארשטאנד זי זאָל ארויסשטראָמען
און ארײַנפאלן אין הארץ.

1966

א ווונטש

אָנגעשפּאַרט די האַנט די לינקע אין דער ערד,
מיט דער רעכטער האַנט פאַרוואַרפט ער אַ פּיאַטאַק אַ מעשענעם,
און די אויגן זוכן אומרויִק: באַשערט, צי ניט באַשערט?
— אָדלער?
— רעשעטקע?

ס'איז אַ קינדערשפּיל — דאָס באָכערל האָט זיך פאַרווייַלט,
נאָר אַף דעם פּיאַטאַק אַרופגעלייגט אַ טרוים אַזאַ געהיימען,
אַז ווי אַ פליט האָט די מאַטבייע אים פאַרטראָגן אַף אַ מייַל,
און קומען וועט ער, דאַכט זיך, צו אַ ברעג צוריק שוין קיינמאָל...

כ'ווייס ניט, וואָס אַף דעם פּיאַטאַק ער האָט פאַרטראַכט,
און צי גלייבט ער טאַקע אַף אַן עמעס דער מאַטבייע אָט דער.
ווען ער שפּילט זיך, קוק איך שטרענג און ווינטש אים צאַרט,
אַז דאָס לעבן זאָל אים פאַלן אַפן אָדלער...

1958

צוגאסט בא די גראָזן

און אויב פון הײמלעכקײַט א מינדסטער זייכער
האָט ס׳פעלד דאָס הארבסטיקע דאָך ניט פארפעלט,
וועט אויך געפעלן מיר, וועט אויך זײַן ווייך מיר
באנאכט אף הארטלעגער באם הוילן פעלד.

און איידער ווארעמען די טיי די נעכטיקע
קאיאָר, ווען הימל־ראנד צום טאָג ווערט גרוי,
איז בעסער זיצן אף דער ערד דער שטעכיקער,
צוגאסט בא גראָזן אף א גלעזל טוי...

1956

הינטישע רעציכע

כ׳לויב דעם הונט, וואָס אַרויס־דאָרף, באַם ראַנד
איינזאַם בילט, דערפילנדיק אַ צאָרע.
מיט קימאַט אַ מענטשלעכן פאַרשטאַנד
טרײַבט ער אָפּ אַ וואָלף — זײַן ווילדן קאָרעוו.

נאָר עס רופט אַרויס פאַרדראָס באַ מיר
יענער מענטש, וואָס האָט אין שנײ, אין ווײכער
פאַר אַ צווייטן מענטש פאַרהאַקט די טיר
מיט קימאַט אַ הינטישער רעציכע.

1957

דו שטייסט מיטן קאָפּ אראָפּ?

כ'האָב אופגעהאַנגען בא דיר איבערן קאָפּ
מײַן מענטשיש געשריי,
הענגט עס און פאלט ניט אראָפּ,
דאָס קנײַלעכל ווינד־און־ווײ.

ווען דײַן לוסטיקײַט, דײַן פארגעס
ווי א קעצעלע קריכט ארויס,
מיטן לאפּקעלע זיך פארמעסט
און דאָס גרוילעכל טוט א שטויס, —

טראכט איך:
צי ס'קעצעלע האָט
דערלאנגט אזש העכער דײַן קאָפּ,
צי עפּשער גאָר — גאָט מײַן גאָט! —
דו שטייסט מיטן קאָפּ אראָפּ...

1966

א הונדערט־איין־יאָריקער
האָט געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד

אויב אָפּליינגן
אַף א באַזונדער שעלעכל
די הונדערטמיליקע,
די הונדערט קײַלעכיקע,
ביסטו ערשט איין יאָר אַלט,
קינד וואָס דו ביסט, —
וואָס זשע דאַרפסטו זיך נעמען דאָס לעבן?

און אויב צונויפּלייגן
דאָס יאָר מיט די הונדערט יאָר,
איז דער עלפטער צענדליק שמאָל
און ס׳איז צען מאָל צען דער אָל, —
וויאַזוי זשע וואַגסטו זיך נעמען דאָס לעבן?

1966

אויב ס'קומט דער טרויער, אויב ער קומט

סטארע זיך ניט זײַן אין טרויער שיין,
זאָל אליין דער טרויער רײַסן קריִע,
זאָל די הענט פארברעכן — ער אליין,
ער אליין זאָל כאלעשן און קניִען,
וויינען אף א קאָל צי כליפּען שטיל,
שרײַען אזש צו גאָט צי שעפּטשען אפן אויער.
זאָל ער טרויערן, דער טרויער, ווי ער וויל.
סטארע זיך ניט אויסזען שיין אין טרויער.
פּרוּוו ניט מאכן אים נאָך גרעסער, ווי ער איז,
טו אף אים ניט אָן קיין קרוין, קיין פּאנצער.
בעסער, ער זאָל זײַן ניט שיין, ניט מיִעס,
בעסער, אז ניט זײַן ער זאָל אינגאנצן.

1959

און דאָך, אָ גרויסער בארג

„ס'פאַרגייט אַף מיר די צײַט, די צײַט אַף מיר גייט אוף,
איך קריך פון זיך אַראָפּ, איך קריך אַף זיך אַרוף.
איך בין א בארג! איך וואַקס אַף העלפט פון זיך אַרויס,
מײַן צווייטע העלפט — זי ליגט באַם ערד־קײַלעך אין שויס.
דו מעגסט זיך זײַן א טאָל, דו מעגסט א פעלדז זיך זײַן —
פון מיר דו וועסט אַרויס, אין מיר דו וועסט אַרײַן".

„און דאָך, אָ גרויסער בארג... זײַ מויכל פאַר די רייד:
אַליין דו גייסט אַרײַן אין אונדזער באַרגן־קייט"...

1962

ניטאָ קיין נאַכט

איך ווייס ניט, וואָס אַזוינס איז נאַכט:
ביז צוועלף עס דויערט מײַן פאַרנאַכט,
און שפּעטער שוין, נאָך צוועלף אַזייגער,
אַ נײַער טאָג קומט, ווי דער שטייגער.

1966

די צײַט לויפֿט

א מאָדנער האַרבסט געווען —
דער דעמב האָט אויסגעטאָן זיך פֿריִער נאָך פֿאַר דער בערעזע,
א כוצפּעדיקער ווינט
האָט פֿאַר דער צײַט אַרײַנגעבראַכט דעם וואַלד אין העזעק.

דער האַרבסט — א בלאָז געטאָן און ניט געוואָרן אומגעריכט:
דער בושל — ניט באַוויזן אָפּפֿליִען מיט זײַן געזינדל, קיין אײַנהאָרע,
און ביזן בויך אין שנײ
דער בער אַרײַן איז — ניט באַוויזן אויסבעטן די נאָרע.

אַך, אויב עס וועט זיך בײַטן אַזוי גיך דאָס יאָר —
איך קאָן נאָך שטאַרבן, איידער ס׳וועלן גראָוו ווערן די האָר...

1956

זאָל קומען דער ווינטער

די זון פאַרגייט אויף א שניי. באַנאַכט וועט ער אויספאַלן,
ליגן ביז אינדערפרי.
און אין מײַנע אויגן דער ווײ
וועט ביז דעם האַרצן דערגיין און עס אויסוויַיסן,
ניט לאָזן שלאָפן ביז אינדערפרי.

די ביימער הינטערן פענצטער — אין שפּעטסטן האַרבסט,
די קעלט קריכט זיי אונטער דער קאָרע.
דער האַרבסט וויל זיך איבערקלײַבן אין מײַן האַרץ,
בא מיר איז א דינע הויט —
ניט קיין קאָרע.

וועל איך בעסער גיין מיט דער זון, און אויבעט פאַרגיין אויף א שניי,
און דער ווײ מעג דאָס האַרץ מײַנס אויסוויַיסן,
און זאָל קומען דער ווינטער,
אויב ס'איז זײַן ריי, —
דער האַרבסט וועט זיך בלויז מיר אויסווײַזן...

1966

איך קוק צו דיר זיך צו

דו קוקסט זיך צו צום הארבסט
אָט פרייִלעך, אָט פאַרומערט,
דו הערסט צו אים זיך צו א שאָ און נאָך א שאָ.
ס׳איז עפּעס אין דעם הארבסט פאַרבליבן פון דעם זומער,
און פון דעם ווינטער עפּעס איז אין אים שוין דאָ...

איך קוק זיך צו צו דיר,
פון דיר איך טראַכט אצינדער —
אָט זאָגסטו: „כ׳בין א גוואר״, אָט קלאָגסטו זיך: דו שטאַרבסט...
יאָ, עפּעס אין דעם הארבסט איז דאָ שוין פון דעם ווינטער.
פון זומער איז פאַרבליבן עפּעס אין דעם הארבסט?

1958

עלעגיע

איך האָב ראַכמאָנעס אַף דעם שליטן:
אין טיפן אָסיען־טאָג, אין פעלד,
צוויי סטערטעס היי, און ער — אינמיטן,
ווי ס׳וואָלט דער אָטעם אים פארפעלט.

און כאָטש עס איז ניט שולדיק קיינער,
נאָר זעען זעט ער אוים אצינד,
גלײַך בייזוויליק מ׳וואָלט זײַנע ביינער
ארויסגעוואָרפן פאר די הינט.

איך קום אים טרייסטן, קום אים זאָגן:
ס׳ועט זײַן א פראָסט... ס׳וועט זײַן א שניי...
נאָר פריִער דארף מען, ס׳זאָל א וואָגן
פון פעלד ארויספירן דאָס היי...

1959

Alibi

כ׳בין ניט געווען דערבײַ, איך האָב עס ניט געטאָן!
איך שווער אײַך, אַז קאַיאָר, ווען גאָרניט הייבט זיך נאָך ניט אָן, —
איך בין געשלאָפן נאָך,
איך האָב אַפילו ניט געטראַכט דערפון, —
האָט עמעצער צעשמעלצט דעם שניי,
מע זאָגט — די זון...

1965

מעסט ניט מיט איין מאָס

וועז אפֿן אופֿגעשוימטן יאַם,
פֿונקט ווי אַף אויסגעשפּילטן ווײַן א פּעסל,
ציילט דער פֿרילינג
כוואליעס שוימיקע,
ווי הונדערטערס,
גענית און פֿלינק, —
דאַן אַף צעקנייטשטער דלאָניע פֿון א בלאָטיק געסל
מיט קלײנגעלט פֿון די קאַליוזשעס ער קלינגט.
ס'טרעפֿט, ערגעץ־ווו
די טראָפּנס ציט ער קוים ארויס פֿון דריבנעם רעגן,
און בישכיינעס
טרינקט ער, טרינקט
פֿון גוסרעגן
מיט פֿולער קוואָרט.
ס'האָט דער פֿרילינג שטאַרקע ווינטן אַף צו אָנבלאָזן מיט זיי א זעגל,
נאָר עס טרעפֿט, אַז אויך א שטרוי ער קאָן ניט אופֿהייבן פֿון אָרט.

זאָלסטו זײַנע קויכעס, זאָלסטו זײַנע ווינטן מיט איין מאָס ניט מעסטן,
זאָלסטו פֿאַר זײַן יונגקייט, זאָלסטו פֿאַר זײַן שוואַכקייט האָבן אויך א מעסטל...

1959

ווי פאלט דעם פויגל אײַן

אין גוסרעגן — ווי פאלט דעם פויגל אײַן
א טרוקענער ארויס פון אונטער הימלס זיפּן!
ערשט פון דעם רוים, און אין מײַן שטוב ארײַן, —
דעם הימלס מילך נאָך ניט פארקילט אף זײַנע ליפּן.

אײַ פייגעלע, אײַ צוויטשערל, טיו־אי...
כ׳גיס אָן דעם זינגער שטוב־וואסער א ביסל,
און צו דעם טרונק ער טוט זיך גלײַך א צי,
און טאנצט ארײַן מיטביידע פיס אין שיסל.

ער טרינקט און כאפּט... אין דרויסן גיסט — א גאָס...
די שיסל הוידעט זיך, א כליופּ פארגיסט די ברעגן.
דאָס צוויטשערל פּיטש־נאס מײַן שטוב פארלאָזט
און פליט אוועק זיך טריקענען אונטער דעם רעגן.

1949

3

ווידער בא די קוואלן

איך — דער אזיאַט

ס׳געפעלט מיר, פריינט מיינע, וואָס פון געבוירן אָן איך בין אַן אזיאַט,
וואָס אַף סיבירער ברייט־און־לענג כ׳האָב אָפּגעפרישט מיט קאלטן
ווינט מיין אָטעם.
און מאָלט אייך אויס, אז כ׳וואָלט מיין גוטן גוירל עפשער ניט געהאַט,
ווען אַף די שטעגעלעך פון אזיע מיין פוס וואָלט ניט געטראָטן.

איך זאָג אייך, פריינט מיינע: ווען פון געבוירן איך בין ניט קיין אזיאַט,
ווען אַף סיבירער ברייט־און־לענג איך וואָלט זיך ניט געבאָוועט,
איז מאָלט אייך אויס, אז ניט געווען איך וואָלט אויך קינדווייז אזא
יאַט,
וואָס אין געשלעג מ׳האָט אים גערופן אזיאַט מיט קאָוועד.
פון מיר מיט גוואלדן „אזיאַט!“ צעלויפן זיך ביז היינט נאָך
ברוינע טשאַטעס...
איך בין אַן אזיאַט. איך רעד אין טייגע מיט די ווערקעס אַף
אזיאַטיש.

1959

מע שיקט ארויס אים פון סיביר

אין סיביר דארף מען גיין לויטן
אייגענעם ווילן.
מ. גאָרקי. „אפן דעק".

ער האָט כאטאָים אָן א שיר:
ער איז א גאנעוו און א שיקער,
מע שיקט ארויס אים פון סיביר,
ווּהין מע פלעגט אמאָל פארשיקן.

צעוויינט ער האָט זיך, ווי פון שלאָף,
סיביר איז ליב אים פון געבורט אָן,
דעם קאָפּ פארבויגן פאר דער שטראָף,
ווי פאר דעם סאמע שווערסטן אורטייל.

און איך — געפרייט זיך אָן א שיר,
כ'האָב אזש א קוש געטאָן דעם שיקער:
מע שיקט ארויס אים פון סיביר,
ווּהין מע פלעגט אמאָל פארשיקן!

1959

עקזאָטישע טײַגע

נעמט און פֿאַרפֿירט מיך מיט טײַווע, מיט טײַנעג,
פֿאַרבאָרגענע וועלדער — עקזאָטישע טײַגע.
נו, יאָ, כ'בין אוואדע דער יונג דער פֿאַרשײַטער,
וואָס אָפּגעלעבט האָב איך אַ לעבן באַם שײַטער,
באַם שײַטער געגעסן, אין טײַגע געזעסן,
אין וואַלדברוך געקראָכן — די פֿיס ניט פֿאַרשטאָכן,
געשפּײַזט זיך מיט פֿייגל — אָט ערשט פֿון דער שורע,
געבלאָזט, ווי אַף מילך, אַף די כײַישע שפּורן,
געגאַנגען אַף מעסערס: דער טיגער — אַ וויכער,
און איך גיי אַף זיכער — מיט מאָלע־רעציכע,
מיט אַלטן פֿאַרשטאַנד און מיט כאָכמע מיט נײַער:
ניט זײַן באַ די כײַעס אַ צאַר־באַלעבײַיִם.
דער הונט — אָן אַ קייט, און דאָס פֿערד — אָן אַ זאָטל,
אַ גליק, וואָס די טײַגע איז ווילד און עקזאָטיש...

נאָר זעט, ס'איז געשען מיט דער טײַגע אַ קישעף:
געזוכט כ'האָב אַ זומפּ און געפֿונען אַ יִישעוו!
אָט דאָ אַף אַ טיגער אַמאָל כ'האָב געלאָקערט —
אַ קעצעלע הײַנט האָב איך איבערגעשראָקן.
אָט דאָרטן געפֿונען זשען־שען האָב איך דעמלט,
אַצינד איז דאָס אָרט מיט אַ גאָרטן באַרעמלט.
דעם אוראַלט מע האָט אין מוזייען פֿאַרטריבן,
פֿאַר אַלעמען אָפּן פֿון עלעף ביז זיבן...

און שטעט און זאוואָדן, און שטעט און זאוואָדן,
און האקן די טײַגע לעם שטאָט איז פארבאָטן,
א נאכלע פאר סויבלען אינמיטן דער טײַגע —
מע טאָר גאָר קיין סויבל ניט נעמען פון שטײַגל!..
דער הונט — אַף א קייט, און דאָס פערד — מיט א זאָטל:
איז, הייסט עס, די טײַגע שוין מער ניט עקזאָטיש?

עקזאָטישע ווילדקײַט, עקזאָטישער כוישעך,
עקזאָטיש איז אויכעט א גאנדז אין א קוישל,
עקזאָטיש זעט אויס אויך א בוים פונדערווײַטן,
געווען איז עקזאָטיש די הייל פון פארצײַטנס.
פון יענער עקזאָטיק ניטאָ שוין קיין סימען —
מיר לעבן שוין מער ניט אין אוילעם־האדימיען.
מיר לעבן אין לעבן. מיט פרייד און מיט דײַגעס.
מיר רייניקן אויס פון דעם לעבן די טײַגעס.
א ביסעלע ווײַטער פון אונדזערע היימען
זי ליגט נאָך, די אוראלטע וועלט די געהיימע,
זי איז נאָך עקזאָטיש.
און איך, דער פארשײַטער,
איך בין שוין אויך דאָרטן, איך זיץ בא א שײַטער,
איך שפּײַז זיך מיט פייגל — אָט ערשט פון דער שורע
און בלאָז, ווי אַף מילך, אַף די כײַישע שפּורן.
אָט גייט מען צונויף זיך: דער טיגער — א וויכער,
און איך גיי אַף זיכער — מיט מאָלע־רעציכע,
מיט אלטן פארשטאנד און מיט כאָכמע מיט נײַער:
ניט זײַן בא די כײַעס א צאר־באלעכײַים.
דער הונט — אָן א קייט, און דאָס פערד — אָן א זאָטל.
היי, טײַגעניו־טײַגע, ביסט מער ניט עקזאָטיש...

1960

טײַגע און דזשונגליעס

זײ זײַנען בײדע — װאַלד,
זײ זײַנען בײדע מוירעדיק געדיכט און מוירעדיק פאַרטײַעט,
בא אײנעם איז די ערד אונטער די װאָרצלען נײַן כאַדאָשים קאַלט,
דעם צװײטנס ערד אַף אָפּגײן פון דער היץ בלויז אַ כאַדאָשים דרײַ
האָט.

בא דער סיבירער טײַגע פרעגן דזשונגליעס אױס דעם סאָד,
װי אָפּנעמען פאַר זיך אַזאַ מין זון, װאָס האָט
סײַ שליטע אַף דער קעלט, סײַ אַף די סאַרפּענדיקע היצן שליטע,
אַ זון אַזאַ, װאָס אונטער איר די אַלטע װעלט
זאָל כאַפּן אױך אַ ציטער.

1955

אין וואלד

דעם געדיכטן באַר איך גיי אַדורך אַף דורך און דורך,
ווי א כײַע גיי איך — אַף געררוך,
אָן א וועג און אָן א שטעג און אָן א שפּור,
די צעצווײַגטקײַט, דעם געבלעטער
כ׳בלעטער
מיט די הענט און מיט דער ברוסט:
אָט — א בוים, און אָט — א קרוין, און אָט — א קוסט...

ווי א פיש, וואָס אין דעם שטראָם מע האָט אַראָפּגעלאָזט אפסנײַ,
זשעדנע אָטעם איך און פיל זיך פראַנק־און־פרײַ.
צו די טשאַטעס, צו די סטײַעס אַף דעם וואלד־לאָשן איך שרײַ:
— היי, צעפליט זיך ניט, צעלויפט זיך ניט, ע־היי!
האָט ניט מוירע פאר מײַן טראָט, פאר מײַן געשריי,
צעפּאָלאָכעט זיך ניט, רעוועט ניט אַף מיר,
בא דעם וואלד בין איך דאָך פּונקט אזא ווי איר.
נאָר די קראַפט — בא אײַך געיאַרשנט — אין מײַן האַנט
איך באוואָרן מיט מײַן מענטשלעכן פארשטאַנד.
ווען איך אַרבעט — פּרוּוו מיר שטערן,
ווען איך גיי — פּרוּוו שטעל א צוים:
אָט — א קוסט, און אָט — א קרוין, און אָט — א בוים...

אין א צווייטן, אין א דריטן באַר איך גיי אַרײַן דערנאָך.
אָט דערפיל איך: אונטער מיר טוט קוים א שאָרך.
אָט דערהער איך: עפּעס טוט זיך אין דעם גראָז א וואָרף...

דאָס איז די נעשאָמע פון דער טײַגע, — וואָך,
אומרויִק און נײַגעריק, פּונקט ווי א סטרוזש באַנאַכט:
צי געקומען בין איך נעמען,
צי איך האָב עפּעס געבראַכט?

די צעצווײַגטקײַט, דעם געבלעטער
כ'בלעטער
מיט די הענט און מיט דער ברוסט:
אָט — א בוים, און אָט — א קרוין, און אָט — א קוסט...

1958

מעכילע באַ דעם פוקס

מע דערציילט, אז אין אפּרעל, מײַ, יוני, אין די
לעצטע פיר שאָ פון טאָג, יאווען זיך פוקסן אף
דעם רוף פון מענטשן.

כ׳בין שטיין געבליבן א מעהאלעך פאר דעם זון־פאַרגאַנג —
א שאָ פאר אים, און צוויי, און דרײַ, און פיר,
און האָב צו זיך אליין געטאָן א שמייכל:
ס׳איז נאָך א פראגע, צי דער פוקס האָט סייכל,
דער פוקס איז נארישער פון מיר...

און בין ארײַן צום פוקס אין זײַנע גיטער,
און זיך שא־שטיל פארטײַעט, פּונקט ווי א ניטגוטער.
דערנאָך א רוף געטאָן...

און ניט געווײַלט דער פוקס האָט זיך געיאוועט.

איך האָב געשעפּטשעט: — בראוואָ...
און —
אויסגעשאָסן!
און דער פוקס האָט ברייטהאַרציק באַנעצט מיט בלוט די גראָזן.

פארמאטערט פון אזא ניצאָכן,
האָב איך אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
און מיטאמאָל דערהערט אין גראָז א שאָרכן,
און בין ווי נאָכאמאָל טיף אין דעם וואלד ארײַן,

אין זײַן װעלט אַרײַן,
אין זײַן האַרץ אַרײַן —
מיט דער ערד דאָרט זײַן, מיט גאָטס באַשעפֿענישן דאָרט זײַן:
מיט די מורעשקעס,
מיט די פֿליגעלעך,
מיט די װערעמלעך,
און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך און זײ —
אַלציינע אין דער גרייס און אין דעם אויסזען
װערן מיר.
און זײ
פֿאַר מיר —
זײ שפּילן אויס די סצענע,
װי ברוט פֿאַרהייבט דאָס מעסער,
און —
„ברוט, אויך דו!" —
עס שרײַט אויס צעזאַר...

מעכילעדיק כ׳האָב צוגעפּויזעט צו דעם פּוקס, צו זײַן געלעגער,
און ס׳האָט דער טויטער פּוקס צו מיר גערעדט:
„אויך דו! אַבי איך האָב געמיינט, דו ביסט אַ יעגער..."

1967

באלאדע וועגן מעדוויעזשי באָר

ווען די מישפּאָכע איז געקומען אַף דעם ווילדן אָרט,
איז אַלעם ערשטן פון דער פור אַראָפּגעקראָכן דער מיזיניק
און אין דעם וואַלד, וואָס יעגער רופן אָן מעדוויעזשי באָר,
אַראָפּגעבראַכט א בער א פּליושענעם — פון מאַגאַזין ערשט.

די ווינטן אין דער טײַגע האָבן זיך פאַרכידעשטע צעשאַלט,
פון אומגעריכטקייט האָט די טײַגע זיך דערשראָקן,
עס האָט אין איר געטאָן א טיאָכקע דער בײַקאַל,
א צעדער האָט מעוווּלוול זיך צעשאָקלט.

געשען איז עס אין יענעם כוידעש, ווען סע שלאָפט דער בער,
און כאָטש מעדוויעזשי באָר געווען איז שטאַרק פאַרשלאָפן,
דאָך האָט די טײַגע אָנגעהויבן רופן: — בערן, היי! אהער!
און אַלע בערן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן.

מע האָט געקוקט, געשמעקט, געקראַצט מיט לאַפּעס זיך די פעל
און שטרענג געפּאַסקנט, אַז עס איז דער פּליושענער קיין בער ניט,
און אַז אין טײַגע איז געוואָרן קרום די וועלט,
און אַז ס'איז גלײַכער פון דעם באָר זיך אָפּטראָגן פּיפּטערנע.

פון דעמלט אָן איז אין מעדוויעזשי באָר דער בער דער איינציקער —
אָט דער,

וואָס בערן האָבן ניט דערקענט אין אים קיין בער...

1958

צוויי באַנען

צוויי רוישיקע באַנען אין וועג זיך באַגעגנט,
זיי שטייען דאָ ווײַט פון אַ מענטשנס געצעלט.
דאָס סאַמע פאַרוואָרפענע אָרט אין דער געגנט —
דאָס סאַמע באַפעלקערטע אָרט אין דער וועלט!

וואַגאָנען — צעפּראַלט און גרויסשטאָטיש באַלויכטן,
אין ענגשאַפט, אין בענקשאַפט מע שלאָפט און מע עסט.
אַרום די וואַגאָנען — קיין פענצטער, קיין רויכל,
קיין שפור פון קיין מענטשן, קיין מענטשישע נעסט.

לענגווײַס די וואַגאָנען,
ווי אין סעווילע,
אַ ענגע, אַ שמאָלע, אַ רוישיקע גאַס,
פאַרפולט מיט סאָלדאַטן, מיט מענטשן ציווילע,
מיט קלונג און געלעכטער, מיט שפּאַס און מיט קאַס.

נאָר אָט כאַפּן אויף זיך די דאַמף־ווערגעלעצן,
זיי שלעפּן די גאַס — דער אַהין, דער אַהער.
צוויי פײַערלעך ווינקען פון טאַמבורן לעצטע:
מיר וועלן זיך שוין ניט באַגעגענען מער...

און איך — ניט געהאט קיין פֿאַרדראָס און קיין טײַנע,
געקוקט אַף דעם ליכטיקן נעם און געקװעלט:
דאָס סאַמע פֿאַרװאָרפֿענע אָרט אין דער טײַגע
קאָן װערן ס׳באַפֿעלקערטסטע אָרט אין דער װעלט!

1959

פויגל־הייך

ניט קיין שטיינערנע — מיט וואלד באפעדערט ווייך
און צעשויבערט אף דעם העלן גראָז, —
שטייען סאָפּקעס אונטער פויגל־הייך,
פונקט ווי פייגעלעך אף א פּראָסט.

און אין שנירעלע, אין בלויען פּאסיקל,
וואָס מײַן מינדסטער פינגער דעקט עס צו —
אין דעם שנירעלע כ׳דערקען דעם האסטיקן,
דעם אומענדלעכן טײַך אמור!

הײַזלעך טוליען זיך איינס צום אנדערן,
יעדער הײַזל — ווי א נאָדל־שטאָך.
אך, ווי קליין דאָס דאָרף, וואָס איבערוואנדערער
האָבן אויסגעבויט פאר לאנגע יאָר!..

גרויס געזען די טײַגע האָב איך נעכטן נאָך,
אין איר מעכטיקײַט געזען איר כיין,
איצט פארשעם איך זיך פאר דער מעכטיקער,
וואָס דערזען איך האָב זי פּלוצעם קליין.

איך דערצייל עס דעם פּילאָט, און ער דערנעענטערט
קרײַז נאָך קרײַז די ערד צו מיר. באשײַנט

ליגט זי א פּאַרטײַעטע און א פֿאַרשטענדלעכע,
אויסגעקערעוועט צו מיר די שענסטע זײַט.

קוק איך ווידער אײַן זיך ציטעריק,
און א גאַנצע וועלט דערזע איך גלײַך,
ווי אַראָפּגעבויגן כ'וואָלט זיך נידעריק
פֿון א בריקל — צו דער טיף פֿון טײַך...

1958

כ׳האָב געהערט דעם גלוכאר

1

קער מיר אום צוריק מײַן פֿײַפֿל

פֿון אלעף ביז טאָף

פֿון אלעף ביז טאָף,
פֿון אָנהייב ביז סאָף,
פֿון זען דײַנע אויגן ביז זען זיי אין שלאָף —
א וועג אזא ווײַטער, א שווערער מעהאלעך:
דער סאָף ווערט אן אָנהייב, דער טאָף ווערט אן אלעף...
דו טראכסט דען פֿון קאָוועד, דו מאכסט דען א שעם זיך,
ווען גייסט אום צו כאָלעם, מײַן ליבע, מײַן מוזע!
דער סאָף איז קיין סאָף ניט. דער סאָף ווערט א העמשעך.
און קורץ דער מעהאלעך — פֿון וועלן ביז מוזן.
איז גיי צו די הערצער! איז קום אף די ליפּן!
איז גיי אום צו כאָלעם, מײַן מוזע, מײַן ליבע...
זאָלסט גאָרניט פֿארבײַגיין,
זאָלסט גאָרניט פֿארשווײַגן —
פֿון אָנהייב ביז סאָף,
פֿון אלעף ביז טאָף.

1953

קער מיר אום מייַן פייַפל

כ׳וועל דיר אָרוועס־געלט באַצאָלן — קער מיר אום צוריק מייַן פייַפל,
ליפּן האָב איך, לונגען פולע און א האַרץ מיט לידער רייַפע,
און דער הימל, פול מיט שטערן,
וויל מיך הערן, וויל מיך הערן.

ניט פאַרלאָרן כ׳האָב דייַן בראָכע, ניט צעטרענצלט, ניט פאַרשווענדעט,
אין דעם גאָרגל שטעקט דער ניגן, וואָס איך האָב אים ניט געענדיקט.
„אָדער זינגען, אָדער שטאַרבן! — שרייַט אַרויס פון מיר דער פויגל, —
טו א קוק : מייַן נעסט איז וואַרעם — איך בין ניט אָוועקגעפלויגן״.

ווילסט קיין אָרוועס־געלט ניט נעמען — נא מייַן האַרץ
מיט די געזאַנגען,
הייס מיר לעבן, הייס מיר פליִען, הייס מיר זינגען און זיך ראַנגלען.
ווייַל דער הימל, פול מיט שטערן,
וויל מיך הערן, וויל מיך הערן...

1956

נאָך א שטורעם

אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, ליגן ביימער פונקט ווי רעטעכער,
נאָר די קרוינען (זע, זיי לעבן!) מיט די בלעטער נעמען בלעטערן,
און עס הייבן אָן צו רוישן די פארקניפטע פולע צווײַגן:
— מירן שטײַגן... מירן שטײַגן...
פליִען אָן פון ערגעץ ראָבן, זעצן צו זיך לעם די סאָוועס:
— ניין, די שטאמען בא די סאָסנעס
וועלן אײַנגעשפארט ניט שטיין מער,
ווײַל די ביימער, די, וואָס ליגן,
זײַנען מער שוין ניט קיין ביימער... —
אָט אזוי די ראָבן קארקען, שיטן אש אף גרינע שעטעכן.
— ס'איז א סאָסנע דען? — ס'א צעדער?
— גייט שוין גייט! ס'איז פוילע רעטעכער!..
קום איך אָן, און שווײַג, און קוק נאָר, און איך שטיי, און שווײַג,
און טרויער:
ווײ איז מיר! דער בייזער שטורעם האָט א נאכט, ניט מער, געדויערט, —
קאָן ניט זײַן, עס קאָן ניט זײַן, און ניט איך גלייב און כ'וויל ניט הערן,
אז דער שטורעם זאָל דעם וואלד, ווי מיט א בעזעם, לײַכט פארקערן!
— נעמט זיך אָן מיט קויכעס, ביימער!
ס'איז דאָס גראָז אײַך ביז די אקסל,
נאָר ס'איז דאָ אף וואָרצלען ערד נאָך — וועט איר וואקסן, וועט
איר וואקסן!

1957

אפסנײַ

כ׳האָב אויך, ווי דו, מײַן אייוועלע,
געוואַרעמט פרעמדע אייוורימלעך...

פון פלאַם געוואָרן פּאָטער שוין?
פאַרשטעקט זיך מיט א פּאָקרישקע?

אָ, ניין! אין ברוסט שוין אָפּגעברענט,
פון מיר פאַרפלויגן — אָפּגעווענדט
אזויפיל פלאַמען — שוועלבעלעך,
אז ס׳איז גענוג א שוועבעלע,
א פונק צי גאָר א ציגל־קלאַפּ —
און ס׳ברענט! און ס׳טירל צוגעקלאַפּט!

אפסנײַ, ווי דו, מײַן אייוועלע,
איך וואַרעם פרעמדע אייוורימלעך.

1956

א דאנק

קום איך אין דעם וואלד מיט האק־און־פּאַק,
מיט א האק און מיט א רוקנזאק,
און דער וואלד איז אופגעברויזט, ער שוימט:
— פריִער זאָלסטו ליב האָבן דעם בוים,
און דערנאָך ערשט אופהייבן די האק...

טרעפט אמאָל — דאָס וואָרט איך שניץ און שמיד
און איך טו עס אומגערן א שניט,
ווערט די זעל בארויגעז און צעקאָכט:
— פריִער זאָלסטו ליב האָבן דאָס וואָרט,
און דערנאָך עס שנײַדן פאר דער ליד...

אלע מאָל איך טראכט מיר איין געדאנק:
פאר דעם מוסער, פאר דער וואָרעניש — א דאנק.

1956

טוט א נעם די פידעלעך

היי, ברידערלעך קלעזמאָרימלעך,
א רועך אין אײַערע ביינער! —
טוט נאָר א נעם די פידעלעך
אלע ווי איינער.

גענוג זיך געווארעמט בא פײַערטעפּ,
זעצט זיך אוים ארום שײַטערס,
צינדט אָן אין די אויגן פײַערלעך,
דאָס בלוט זאָל א יאָג טאָן פארשײַטער.

א ביסל, זעט אוים, זיך אויסגעבענקט,
די אויגן פארלאָפּן מיט טרערן.
ווער ס'איז געוואָרן אוים שפּילפויגל,
וועט שוין צוריק ניט ווערן...

גענוג שוין, גענוג געזעסן
קוד־קודאך אף נאסידעלעך,
קומט צו די מענטשן באווײַזן זיי,
וואָס סע שטעקט אינעם פידעלע!

פון אַלע עמעסן העכער,
טיפֿער פֿון טיפֿסטער כאָכמע —
דאָס ליד, וואָס איז ברויט פֿאַר עמעצן
און פֿאַר עמעצן — נאָך מער.

היי, ברידערלעך קלעזמאָרימלעך,
אַ רועך אין אײַערע ביינער! —
טוט נאָר אַ נעם די פֿידעלעך
אַלע ווי איינער.

1961

איך ווייס וווּהין צו גיין

מײַן האַרץ האָט שוין געקלאַפּט, ווען כ'בין נאָך ניט געבוירן,
ווען מיט דער מוטערס לײַב פאַרקניפּט איך בין געווען.
דאָס קלאַפּן פון מײַן האַרץ וועט נאָך מײַן טויט געדויערן —
איך ווייס עס אַף געוויס, כאָטש כ'האָב עס ניט געזען.

און כ'ווייס: עס וועט מײַן גײַסט אַריבער אין מײַן אופּטו.
און כ'ווייס, אַז ביזן סאָף אין הויכן וואַלד כ'וועל שטיין:
די וואָרצלען — אין דער ערד, די קרוינען — אינדערלופטן.
איך ווייס, פונוואַנען כ'קום,
און ווייס, וווּהין צו גיין.

1958

פארגעסט ניט

פארגעסט ניט, אז אין אײַער מענטשן־קייט
איז אויך א זינגער דאָ — פארגעסט ניט,
און אויב איר ווילט, האָט האנט פון מענטשלעכקײַט
אױף אים אוועקגעלייגט די לאסט די גרעסטע.

פארגעסט ניט, אז דעם זינגערס טאָעסן
אין דער נעשאָמע פונעם פאָלק זיך נעסטן,
און אויב דער זינגער וועט צוויי מאָל זיך טויע זײַן —
אים זאלבן מיט זײַן שטראָף פארגעסט ניט.

נאָר אויב דאָס הארבע וואָרט אױף עמעצן,
צי אױף א קלאל ער וועט פארמעסטן, —
זיך צוהערן צום זינגערס עמעסן,
אים אָפּגעבן גערעכט — פארגעסט ניט.

1957

איך גיב זיך א ניידער

איך רו ניט באַטאָג און איך רו ניט באַנאַכט,
די ליד איז מײַן לייטער — דעם הימל דערלאַנגען.
איך בין, מײַנע פרײַנט, ניט פאַר אײַך געדאַכט,
א פויגל — געשטראָפט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

איך האָב מיר מײַן אייגענע ערדישע נעסט,
און טיף איז דער וואַלד און די ליד איז דאָרט הילכיק,
און אָפט — מיט א שטרוי אין די נעגל פאַרפרעסט —
פלי איך אוועק אַזש אַהין, צו דעם מילכוועג...

ווען דאָרטן איך בין, ווען איך בין אין דעם רוים,
ציט מיך צוריק, און די ליד איז א לייטער.
איך גיב זיך א ניידער ניט וואַרפן דעם בוים,
ניט פליִען צום מילכוועג איך גיב זיך א ניידער.

נאָר ווידער איך רו ניט באַטאָג און באַנאַכט,
און נאָכאַמאָל וויל איך דעם הימל דערלאַנגען.
איך בין, מײַנע פרײַנט, ניט פאַר אײַך געדאַכט,
א פויגל — געשטראָפט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

1958

צום דיכטער

ווישׁ אויס די שויבן פון דײַן ליד,
אזויפיל אויגן — ווײ מיר, ווײ —
מיט נײַגער דורשטיקן צעגליט
וועלן אַרײַנקוקן אין זיי!

באַלויכט די ליד מיט פרייד און פּײַן, —
אַז די, וואָס באַ די שויבן שטייען,
זאָלן דערזען אין העלער שײַן
סײַ דיך, פּאָעט, סײַ זיך אַליין.

1956

א מאזל אזא

ס'איז פארהיט אין דער וועלט
די פארשווּמענע וועל,
און דער הילך פון דער האק,
און דעם האַלצהעקערס „האָ!..״

אין דער וועלט ניט פארהיט —
איז דער בליץ (ווײַל ניט הי,
ניט לעם דיר, ניט לעם מיר,
איז דער קוואַל פון זײַן מי),
ניט דעם פוילהעלצלס פונק
(ס'איז ניט ליכטיק דערפון).

און דעם דיכטערס געזאנג
האָט א מאזל אזא:
קעדיי רעגן די וועלט,
דארף ער זײַן ווי א וועל,
וואָס פארשווּמען — פארבלײַבט,
וואָס מע פילט מיטן לײַב...
דארף אויך קורץ זײַן און שטארק,
ווי דעם האַלצהעקערס „האָ!..״,
וואָס איז פלינק ווי א פונק
און איז הייס ווי די זון.

1956

אויב דו דאַרפסט מיך זוכן

אויב דו דאַרפסט מיך זוכן, ווילסט מיך אויסזוכן —
גיי אַהין, וווּ האָסט מיך קיינמאָל ניט געזען.
זאָג ניט צו קיין גליקן און קיין אויסזיכטן,
גיב מיר צו נאָר קויעך ווען־ניט־ווען.

אין דעם מאָרגנדיקן טאָג כ׳וויל טאָגן־נעכטיקן,
צו דעם מאָרגנדיקן טאָג דערגיין איך וויל.
זיך אַליין איך רוף אַרויס פון טאָג פון נעכטיקן,
זיך אַליין איך טראָג מיט גלויבן צו מײַן ציל.

פאַר די קומענדיקע אופגאַנגען געראָטענע
איז די גרעסטע לאַסט מיר אופהייבן ניט שווער,
כ׳גיב דיר אָפּ אַ גאַנצן הויף מיט ערד צעטראָטענער
פאַר אַ הויפן נאָך ניט אָפּגעזוכטער ערד.

1959

מײַן ליד

די ליד, וואָס אָט ערשט כ׳האָב פֿאַרענדיקט,
זי נעמט מיר מיט כוצפּע דערווידערן.
מײַן אייגענע ליד מיך פֿאַרבלענדעט,
די אייגענע ווערטער — דערשיטערן.

אַרויסגעלאָזט האָב איך דעם ניגון
אַזוי ווי דעם שפּאַרבער דעם האַרבסטן:
אַ שטילער אין האַרץ וואָלט ער ליגן,
אַרויס — און אַ פּיק מיר אין האַרצן.

נו, מיילע, פֿאַרפֿאַלן — ס׳איז שטענדיק
אין לעבן אונדז עפּעס דערווידער...
די ליד, וואָס איך האָב ערשט פֿאַרענדיקט,
אויף אַנדערע ליפּן שוין ציטערט!

1956

הארמאָניקעס

אף דער הארמאָניקע, וואָס רופט זיך „סאראטאָווער״,
קען מען שפּילן נאָר פריילעכע מאָטיוון.

ווען זײַן איך וואָלט אזא, ווי די סאראטאָווער הארמאָניקע:
ניט קענען זינגען אומעטיק, נאָר פריילעך און נאָר האָפּערדיק,
אין זיך אליין זײַן צוקערדיק, צו זיך אליין זײַן האָניקדיק,
עך, ווען איך וואָלט זײַן ווי די סאראטאָווער הארמאָניקע —

דאן וואָלט איך זיך צעצויגן אף דער ברוסט פון מײַן געזאנגען־וועלט,
צעצויגן און צעגאָסן זיך ווי פונעם שלאָף א לאנגע וועל,
געשאָטן כ׳וואָלט אָפּצאסנווײַז די קורצע, גיכע קלאנגעלעך,
די שטענדיקע די זוניקע,
די קיינמאָל ניט לעוואָניקע —
און זײַן וואָלט איך אזא, ווי די סאראטאָווער הארמאָניקע...

ניין, כ׳וויל ניט. ניין, איך וויל עס ניט.
ניין, כ׳דארף ניט. ניין, איך דארף עס ניט.
אויב שפּילן — איז סײַ פידלדיק, סײַ פּויקנדיק, סײַ הארפעדיק,
סײַ טרויעריק, סײַ יובלדיק, סײַ ביטער און סײַ האָניקדיק,
זיך בעטן און זיך אמפּערן, זיך אויסטײַנען און מאָנען אויך, —
און ניט נאָר טרי־ליא־ליא, ווי די סאראטאָווער הארמאָניקע.

הארמאָניקעס, הארמאָניקעס... כ׳האָב ליב אײַך היים און אָרנטלעך,
פארגעסט מיך ניט, אוי קומט צו מיר. ס׳איז אומעטיק, אוי ראטעוועט,
קומט בענקענדיקע, פרײלעכע, פארליבטע און באצאָרנטע,
נעמט מיט אויך יענע שטיפערקע,
אָט יענע — די סאראטאָווער...

1956

גלין־גלאָן

דער גרויסער גלאָק האָט ניט געקלונגען,
די קליינע גלעקעלעך — גלין־גלאָן! גלין־גלאָן! —
גערופן אומרויִק,
געוועקט, געמונטערט
דעם שווערן שוויַיגער: הייב שוין אָן!

דער גרויסער גלאָק האָט אַלץ געשוויגן,
גלײַך ניט געהערט, אַז אים מע רופט.
די גלעקלעך — מיד פון לאַנג זיך וויגן...

נאָר ס׳האָט זיך שוין צעוויגט די לופט:
דער גרויסער גלאָק האָט זיך צעקלונגען!

די קליינע גלעקעלעך — געוואָרן שטיל.
און נאָר געשעפּטשעט, אַז עס איז געלונגען,
אַז מ׳איז — גלין־גלאָן! גלין־גלאָן! — שוין בײַ דעם ציל...

1961

זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן

עסקימאָסן ריידן אָף 32 לעשווינעס

אין הארצן מײַנעם צינדט זיך אָן א קאס און אומגעהייער דער
פארדראָס איז,
ווען עמעץ זאָגט, אז ייִדיש־לאָשן קלינגט שוין עסקימאָסיש.
איך וויים ניט, וואָס מע מיינט מיט דעם:
צי מיינט מען, אז מײַן ייִדיש איז פארלאָשן,
צי אז עס איז דאָס לאָשן ס׳דרײַ־און־דרײַסיקסטע בא עסקימאָסן...
אך, לאָזט צורו זייביידן. לאָזט צורו זיי ביידן.
זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן.

1966

כאפּ ארויס דאָס פישל

צי ארויס די ווענטקע!
צי ארויס זי גיכער!
ניין, ס'איז ניט קיין ווירבל און ס'איז ניט קיין וויכער,
ס'האָט קיין שטראָם דעם פּאָדעם דאָרטן ניט פארזוויגן —
ארום האטשיק — ליסקעס און צוויי רויטע אויגן...
פון דעם גרויסן וואסער, גליטשיקן און פרישן,
צי ארויס די ווענטקע,
כאפּ ארויס דאָס פישל!

ביידע אין איין אָטעם האָט איר זיך באגעגנט:
דו — פארגאפט פון פישל,
ס'פישל טויב א רעגע.
דורשטיק איינס אין צווייטן האָבן זיך פארזוויגן —
דײַנע אויגן שווארצע און די רויטע אויגן.

צווישן ערד און הייכן,
צווישן הארץ און סייכל
איז ארויס א ניגן
אף פארשײַטע פליגל...

1959

גייט א מענטש אפן וועג

גייט א מענטש אפן וועג, גייט פארטראכט און פאוואָליע,
זוכט אַן אָרט, ווו קיין פוס האָט געטאָן נאָך קיין טראָט,
נאָר ער גייט מיטן וועג, נאָר ער גייט מיט דער קאָליע,
און ער קומט צו דער לאַנג שוין באטראָטענער שטאָט.

קערט ער נאָכאמאָל אום אף דעם וועג זיך באצאָרנט,
און ער קלאַפּט מיט די פיס, ווי מיט שווערן געוויכט:
— ווי פארדרייאָרן כ׳גיי, ווי פארצווייפּאראיאָרן,
נאָר די זעלביקע שטאָט זע איך ווידער פאר זיך...

ס׳וועט ניט העלפן דיר, מענטש, ניט דײַן מי, ניט דײַן קלאָלע,
האָסט געפּאטערט אומזיסט סײַ דעם קוי׳ך, סײַ די טעג.
גיי אראָפּ פונעם וועג, גיי אראָפּ פון דער קאָליע,
נעם אף רעכטס צי אף לינקס — קלאַפּ אליין דורך א וועג!

1957

די סאָווע

מיט די מיר־ניט־דיר־ניט־אויגן
קוקט אראָפּ פון דעמב די סאָווע,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן
סײַ איר שטעל און סײַ איר קאָוועד.
זיצט און שווײַגט לעפּישעוואַטע,
לאַנג זי איז מיר נימעס־מאָוועס.
נאָר מע שמועסט אין דער טשאַטע,
אַז אַ וואַלד דאַרף האָבן סאָוועס.
היי, אין אײַער טאַטנס טאַטן,
כאַפּט אײַך אויס דער מאַלכאַמאָוועס!
ס'וואָלט דען, ביימער, אײַך פאַרשאַטן,
ווען געצוויטשערט וואָלטן סאָוועס,
ווען געפינטלט מיט די אויגן,
ווען זיי וואָלטן הויך געפלויגן?
ענטפערט אָפּ דער דעמב בעקיצער,
טוט אַ פײַף מיט אַלע שנאָבלען:
ניין, מע דאַרף אַ סאָווע האָבן
פּונקט אַזאַ, ווי זי איז איצטער...
און ער שטייט, ווי אויסגעקאָוועט,
פאַר מײַן קאָם זיך ניט פאַרבויגן,
קוקט אַזוי ווי יענע סאָווע,
מיט די מיר־ניט־דיר־ניט־אויגן...

1958

גלוכאַר

כ'האָב געהערט דעם גלוכאַר
אין די טאָלן, אין וואַלד
שטשוקפאַקטויער.
איך געדענק נאָך ביז איצט,
ווי געקרעכצט האָט דאָס האַרץ
פון ניט־מענטשלעכער פרייד און ניט־מענטשלעכן טרויער.

אָ, באַהיט מיך, מײַן גאָט,
פון דעם קאַצן־געשריי
אויף א דאַך, בײַ א טויער,
פון דעם שטשערען פון וואָלף,
ווען מיט איינזאַמען ברום
צו א וואַרעמער וואָלענער סטאַדע ער לויערט.

אָ, באַשענק מיך, מײַן גאָט,
מיט דער ליד פון גלוכאַר
צווישן שטשוקפאַקטוי־בערג,
ווען פון גרויסן געפיל
און פון שווערן געזאַנג
איז דער זינגער — א טויבער...

1956

ס׳וועט אלצדינג זײַן

— האָן,
ווי‏ִאזוי פארשטייסטו צו קרייען אף טאָג?
פארוואָס קרייעסטו ניט אף א רעגן?
צי אף א גאסט?
צי אף פרייד, צי אף פּלאָג?

— מענטש,
דו זאָרג זיך ניט, וועסט האָבן פרייד
און פּײַן.
איך קרייע אף טאָג,
ווײַל אין אים וועט אלצדינג זײַן...

1966

שעפּע

שענק מיר קויעך, איך זאָל שטענדיק מײַנע אויצרעס בלויז צעגיבן.
כ׳וויל נאָר וויסן: מײַנע רינדער אין א וועלכער שטאַל פאַרטריבן?
צי זיי וועלן דאָרטן וואקסן? צי מע וועט זיי דאָרטן מעלקן?
צי באַצײַטנס וועט א פּאסטעך מיט א בײַטש צו זיי זיך מעלדן?
אױף זיי פּענטען, מײַנע רינדער, וויפל קוי׳ך וועט מען באדארפן?
און צי קענען זיי א קלאפּ טאָן מיט די הערנער מיט די שארפע?

אָפט איך שלאָף ניט און איך רו ניט ביז דעם מאָרגנליכט דעם טריבן,
און איך טראַכט, צי אַלע רינדער כ׳האָב אין גוטע הענט פאַרטריבן.

1958

א שײַלע

פאַרוואָס ניט ברענגען אויף דעם סאָלאָוויי צו קווורע?
פאַרוואָס ניט צודעקן מיט גרינגער ערד זײַן אויסגעשעפּטע גוווּרע?
פאַרוואָס ניט איבערלאָזן אויף נאָך אים א סימען פון זײַן ליד?

נו, ענטפערט מיר: עס קומט אים, אָדער ניט?

פאַר מיר, דעם וואַלד־מענטש, האָט ס'פּאַרטאָגיק ליד פון סאָלאָוויי
דעם זעלבן מיין, ווי פאַר דעם פייער האָט דער האָנענקריי.
פאַר מיר, דעם זינגער, האָט דעם סאָלאָווײס געזאַנג
די זעלבע ווערט, ווי פאַר דעם בלוט עס האָט א שטאַרק געטראַנק.
און אויב אַזוי, איז דאָך די שײַלע מײַנע פול מיט זינען:
פאַרוואָס נאָך אים ניט איבערלאָזן פון זײַן ליד קיין סימען?

1957

ווערטער

עס טרעפט אמאָל:
די ווערטער לויפן,
ווי הענער אף א זשמעניע פּראָסע,
ווערטער — גאלאגאנער, ניט קיין פּראָסטע...
זיי שווימען, ווי די קריִעם נאָכן ווינטער,
פון מויל —
אף דעם פּאפּיר
און דורך דעם טינטער.

פון אומגעריכטקייַט שפּרינג איך אוף פון אָרט,
און איך דערמאָן זיך: כ׳האָב געזוכט איין וואָרט! —
צעשרייַ איך זיך „אקיש" אף די, וואָס בא דער פּראָסע,
און טו א כאפּ
דאָס הונגעריקע,
ס׳פּראָסטע...

1958

דער פידלער הערט זיך צו צום גריל

דער פידל האָט אים אופגעהערט צו פאָלגן,
געוואָרן — האָליץ, געוואָרן קאַלט און שטיל,
פאַרצויגן אים דאָס פּאָנעם מיט א וואָלקן,
אכזאָריעסדיק געשעפּטשעט: „ש־שא, א גריל!..״

געשטאַנען איז דער פידלער ווי אָן לאָשן,
מיט ציטעריקע הענט באַטאַפּט דעם סמיק,
געהערט, ווי ס׳האָט אָן אופהער זיך געגאָסן
דעם שוואַכן גרילס נאַטירלעכע מוזיק.

כאָטש ס׳איז אָט די מוזיק געווען צעשאָטן
אין פידלערס שפּיל, אין קלאַסישן נאָקטורן,
האָט אים דערפרייט דעם גרילס מוזיק אָן נאָטן,
ווײַל ס׳האָט געשפּילט אליין זי, די נאַטור,

ווײַל ער, דער קישעפמאַכער, דער מאַעסטראָ,
דער מײַסטער פונעם קלאַנג און פון געפיל,
דער ערשטער פידל אין אָרקעסטער! —
ער איז דער צווייטער פידל בא דעם גריל...

1957

ווּ איז דער מענטש בא לעוויטאנעז

ווּ איז דער מענטש בא לעוויטאנען?

א גרויער וועג — מיט איינזאמקײַט געבענטשט...
באם ברעג פון טײַך בערעזעם טונקלע וויאנען...
א פערד, געשפּאנט אין שליטן — אָן א מענטש...

ניטאָ קיין מענטש בא לעוויטאנען.

איך גיי פארטראכט אין מאָלערס וועלט ארײַן,
און גלײַך דערפיל איך, אז די פרייד, די פּײַן,
וואָס אויסגעגאָסן ליגט דאָ אױף דעם ראַכוועס,
דער אומעט און דער גלויבן און דער טרוים —
זיי קומען פון דעם מענטש און פון זײַן טאַכלעס,
כאָטש זעען זע איך זיי צעגאָסן בלויז אין רוים...

1958

מארק שאגאל

ס'האָט מארק שאגאל ארומגעקרײַזט די װעלט,
פארקניפּט מיט פרעמדע שטעט עס איז זײַן גורל.
נאָר, פאָרנדיק פון היים צו היים, פארפעלט
ער האָט די שטאָט — די נעסט פון זײַן געבוירן.

און אין פאריזש ער הערט דער מאמעס קאָל,
געהיים אין הארץ אין אייגענעם ער היט עס:
אף יעדן נײַעם הימל, װאָס ער מאָלט,
דעם שטערן פּרוּװט ער אָנמאָלן פון װיטעבסק.

דער גאָטגעבענטשטער מאָלער מארק שאגאל
האָט צוגעװוינט זיך זײַן אין דר'היים פונװײַטן,
פארגעסן בלויז אָט יענעם פּראָסטן קלאל:
אפילע שטערן הימלשע זיך בײַטן...

1958

די טענצערן

זי איז קימאט שוין ניט קיין מענטש. קימאט א שוואלב.
די הענט — כאָטש לייג זיי איר צונויף, ווי אָפּגעשוואכטע פליגל.
ווער האָט פון מענטשן־לאנד צוריק אין פויגל־טשאטע זי פארטריבן?
פארוואָס אזוי באשטראָפט?
צי עפשער גאָר געזאלבט?

פון מײַן באצויבערטקײַט מיט פּאכעד מיט אומזיסטיקן אף איר איך קוק,
דערשפּירט מײַן סאָפּעק, הייבט זי אוף אף מיר די אויגן דאנקבאר,
און איך דערזע: ניט גרינג פון מענטשן ביז דער שוואלב צוריק דערלאנגען...
און ניט די טענצערן פאר מיר, נאָר איך פאר איר זיך בוק.

זי רעדט שוין ווידער מיט די הענט. זי לאָזט אראָפּ צו שוועסטער־שוועלבעלעך די אויגן,
און ס'דוכט, די הענט אירע מיט פעדערן באוואקסן שוין אף האלב.
זי איז קימאט שוין ניט קיין מענטש. קימאט א שוואלב.
קימאט שוין ניט קיין טענצערן. קימאט א פויגל.

1958

אפן טויט פון מוישע טייף

ווען מ׳האָט מיישקען פון שטוב ארויסגעטראָגן,
האָט בא אים געבעטן מעכילע די ארכיטעקטור:
די טיר איז שמאָל, און דער אָרן
האָט געלאָזט אפּן דיל א שפּור.

די פּאָעזיע
איבער פארשנייטן בעסוילעם
אף א שליטל געשלעפּט האָט אים אזש
און געשעפּטשעט: „זײַ מויכל, וואָס ניטאָ איז
א שענערער עקיפּאזש״...

ווען מ׳האָט מיישקען געבראכט צו קוורע,
האָט לייב פּולווער געקלאפּט זיך אלכעט,
וואָס קיין בעסערע ליד פון „איל מאָליי״
ער האָט ניט פארגרייט דעם פּאָעט.

1966

אויצער

אויצער, אויצער, דעק זיך אוף,
דעק זיך אוף און קום ארוף.
לאָז צו זיך דאָס אויג מײַנס צו,
וועסטו געבן מיר די רו.
לאָז זיך צורירן צו דיר,
כאָטש אָט דאָ, אפֿן פּאַפּיר,
כאָטש א זייכער לאָז, א סימען —
כאָטש אין הארצן, כאָטש אין דימיען.
אויצער, אויצער, דו ביסט גרויס,
אויב דו ליגסט בא מיר אין שויס.
ווען איך האַלט דיך אפֿן קארק,
ביסטו שטארק און איך בין שטארק;
און ווי איך אליין ביסט יונג,
ווען דו ליגסט מיר אפֿן צונג.
אויצער! וואָס איז דאָס — אן אויצער?
אָט געוועזן, און אָט שוין אוים ער...
אויצער, אויצער! קום און פֿאָלג!
כ'וועל דיך אָפּגעבן דעם פֿאָלק —
וועסטו זײַן דאָ, אויף דער ערד,
וועסטו האָבן רעכט און ווערט,
וועט דיך קיינער ניט פֿארגראָבן,
וועסטו אויך אן אויצער האָבן.
1967

די ליד פארפלייצט האָט אלע ברעגן

פון קינסטלעכן ספוטניק פון דער לעוואָנע האָט
געקלונגען דער „אינטערנאציאָנאל״.
(פון צײַטונגען)

אויב ס'איז געווען א מענטש אזא מין,
וואָס האָט די ליד נאָך ניט געהערט,
האָט ער געהערט זי איצט צוזאמען
מיט אלע מענטשן אױף דער ערד.

און אויב געווען א קוי'ך אזא מין,
וואָס האָט גענארט זיך, אז ער קאָן
דעם וועג פאר אָט דער ליד פארצאמען, —
איז ער ארוים אויך פונעם קאָן.

די ליד פארפלייצט האָט אלע ברעגן,
זי לאָזט זיך הערן איבעראל,
און ס'גייט די ערד
דער זון אנטקעגן
מיט דעם אינטערנאציאָנאל.

1966

א דאָר קומט, א דאָר גייט אוועק

כ׳וועל זאָגן אײַך אזוינס,
וואָס קיינער האָט ביז מיר נאָך ניט געזאָגט, —
שוין אויסגעשפּרייט האָט זיך לעם אײַער שוועל א נײַער טאָג!
קיין אלטע נײַס בא מײַנע פאָרגענגער איך וועל ניט לײַען,
ווײַל לעבעדיק דער דיכטער איז מיט נײַעם,
ווײַל צוויי מאָל געבן איינם דאָס זעלבע איז קיין כּבֿוד ניט,
מיט נײַעם
זיץ איך אויבנאָן, ווי אף א העסעבעט.

נאָר אָט — עס קומט אַן אנדערער אין אײַער שטוב און זאָגט,
אז לעם דער שוועל שוין שפּרייט זיך אוים א נ ײַ ע ר, נײַער טאָג, —
און מיך, דעם ערשט געזאלבטן,
ער בעט —
זיך ניט פארהאלטן.

1966

2

ליבע

איך ווייס אַף זיכער

איך האָב ניט מוירע פֿאַר דײַן שיינקײַט, כאָטש זי איז שטאַרק פֿאַר מיר געפֿערלעך.
איך ווייס אפּרי'ר, אַז זי וועט נעמען מײַן רו, מײַן גלײַכגילט אַף די הערנער.
זי איז אַ הייסע און אַ בלינדע, זי וואַרפֿט ניט אָפּ און קלײַבט ניט איבער.
ווען כ'נעם אַוועק פֿון איר די אויגן, איז פּונקט ווי כ'וואָלט אַ יאַם אַריבער.
איך האָב ניט מוירע פֿאַר דײַן גוטסקײַט, כאָטש כ'בין איר שטענדיק עפּעס שולדיק.
איך ווייס אפּרי'ר: מײַן האַרץ באַצווינגען זי וועט פּאַמעלעך און געדולדיק.
אַצינדער ווייס איך שוין אַף זיכער, ווער ס'וועט געווינען, ווער — פֿאַרשפּילן,
איך גיי אַוועק פֿון מײַן ניטגלויבן, איך גיי אַוועק מיט גוטן ווילן.

1958

ספירא

מע האָט אָפּגעגראָבן די אוראַלטע שטאָט ספּירא

ספּירא,
די גריכישע שטאָט,
איז פאַרשוווּנדן,
אַרויסגעפאַלן פון וועלטס זיקאָרן.
און איך האָב אַ ליימענעם קרוג דאָרט פאַרלאָרן
אין איינעם אַ ווײַטן, העט־ווײַטן יאָרהונדערט.

אַצינד, אַז מע ווייסט שוין, ווּ ספּירא געפינט זיך,
קער איך זיך אום אויף פאַרצײַטיקע ראָגן.
איך זוך אין פאַרשאָטענער שטאָט אין דער פינצטער —
דאָס מיידל איך זוך, וואָס דעם קרוג האָט געטראָגן.

איינגאַנצן ערשט צוויי מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט
די גריכיש־עטרוסקישע שטאָט איז פאַרשאָטן.
הערט מען נאָך אַלץ דאָרט אין אָוונט, אין דרויסן
דעם הימלעכן סקריפּ באַם פאַרמאַכן די לאָדן.

און זיכער איז נאָך ניט פאַרשטיינערט געוואָרן
מײַן שעפּטשען „געליבטע", דאָס נאָכגיין פוסטריט איר,

דער קלאַפּ פונעם קרוג, ווען דאָס מיידל, פאַרציטערט,
פון אַקסל פון רעכטן זי האָט אים פאַרלאָרן.

דערנאָכדעם מע האָט מיך אין ספּירא דערהאַרגעט,
געווען איז אַ שווערע מילכאָמע, אַ שכיטע,
און כ'האָב ניט באַוויזן די שערבלעך פאַרהיטן,
צעדרויבלט זיי ליגן פון צייַטן פון האַרבע.

איז זיי זשע מיר מויכל, מייַן מיידל פון ספּירא,
פאַר דעם, וואָס געלאָזט כ'האָב פון טויט זיך פאַרפירן.

1959

די פרוי

זי האָט געטרונקען פרייד, זי האָט געשלונגען טרערן.
ס׳באַגעגענען זיך אַף איר פּאָנעם גליק און גרויל:
צוויי ניטגעדיַיגעט־קנייטשעלעך אַרום איר מויל
און צוויי מאָל מערער צאָרעם־קנייטשן אַף איר שטערן.

מיט וואָס האָט דען דאָס לעבן זי פאַרטיילט? —
די אויגן פול מיט שיַין און פול מיט אָפּשיַין...
פאַרנאַכט, ווען אַלע קליינע דיַיגעס זיַינען אָפּ שוין,
בלויז איר, דער איינציקער, פון גרויסע דיַיגעס איך דערציילֿ,

און כ׳זע אַף איר געזיכט, ווי אין מינוטן שווערע
זי רופט צוהילף דאָס האַרץ, און בא דעם האַרץ זי פוילט:
די ניטגעדיַיגעט־קנייטשעלעך אַרום דעם מויל —
זיי ציִען אָפּ די צאָרעם־קנייטשן אַף דעם שטערן.

1958

ווינטער

די נאכט איז באַלויכטן מיט דעכער שניי.
ניטאָ קיין לעוואָנע. די שטערן — פאַרשאָטן.
און איך — באַם פאַרלאָשענעם פענצטער איך שטיי,
באַלויכטן מיט שניי, וואָס אַף איִם כ׳האָב געטראָטן.

ווען אָנצינדן וואָלסט אין דעם פענצטער די שײַן,
איז גיב נאָר א טראַכט — ס׳איז קעדײַ עס צו וויסן:
אַן ערדישע ליכט אין דער נאַכט וואָלסט צעגיסן,
און איך אין דײַן הימלישער ליכט וואָלט אַרײַן...

1959

פּאָעמע וועגן פּרויִשע הענט

כ׳וואָלט זיי ניט קאָנען אויסטראכטן,
כ׳וואָלט זיי ניט קאָנען אויסטאָקן,
ניט נאָכמאכן,
ניט אויסמאָלן —
אזעלכע שיינע הענט.

כ׳וואָלט זיי ניט קאָנען אויסקלעפּן
מיט אלע, אלע פּישטשעווקעס,
מיט כיינגריבלעך און כיינפּינטלעך,
מיט עלנבויגנס רונדיקע,
מיט אקסל ווייכע, זינדיקע —
די גוטע, גוטע הענט.

כ׳וואָלט זיי ניט קאָנען אָפּגיסן, —
ניט בראָנזענע, ניט גיפּסענע,
די הענט מיט פולע אָדערן,
מיט ווײַסע ווייכע הערעלעך,
מיט דויפעק, וואָס איז אומרויִק, —
די לעבעדיקע הענט.

איך קאָן זיי אויך ניט אויסמײַדן,
פון האַלדז מײַנעם ניט אָפּרײַסן —
און כ'מוז דערפאַר זיי אָפּהיטן,
זיי אָפּגילדן, זיי נאָכגעבן,
און, אויב מע דאַרף, זיי אָפּגעבן
דאָס האַרץ מײַנס אין די הענט.

1960

א שפּעטע ליבע

כאַס־ווּעכאָלילע! כאָלילע ווּעכאַס!
אויסשטעכן וועל איך דאָס אויג באַם כאַלאַס,
אָפּנעמען ס׳לאָשן באַם שעד, באַם פֿאַרפֿירער,
איידער א קוק טאָן — זיך אָפּקערן פֿריִער.

טאַקע דערפֿאַר, ווײַל זי איז מיר געפֿעלן,
ווײַל אירע אויגן איך קאָן ניט פֿאַרפֿעלן, —
כ׳וועל זיך באַשיצן מיט שפּאַס און מיט האַס,
כאַס־ווּעכאָלילע! כאָלילע ווּעכאַס!

אַלט בין איך פֿערציק, און זי איז ערשט אַכצן,
שטעל איך א שוימער אַוועק באַ מײַן האַרצן.
דאַכט זיך, אַראָפּ איז פֿון האַרצן די לאַסט —
כאַס־ווּעכאָלילע! כאָלילע ווּעכאַס!

1959

16*

דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאָק

שוין נאָענט בא דעם פּליאזש, לעם אספּאַלטירטן וועג,
ווו ס׳גייען מאנצבלען אָנגעטאָנענע ארום שפּאַצירן,
האָט זיך דאָס מיידל אָפּגעשטעלט אין הוילער שרעק:
„א זאָק... זיך אָפּגעשפּיליעט... כ׳וועל אים באלד פארלירן...״

און גלייך גענומען צושפּיליען דעם זאָק...
די כאוועררטע האָט זי פארשטעלט פון פרעמדע אויגן,
און זי — מיט צניעת, וואָס א מיידל נאָר פארמאָגט,
איבער דעם פוס דעם אייגענעם האָט זיך פארבויגן.

ווי זי וואָלט אָפּגעדעקט א הייליקייט, צי א געניווע גאָר,
האָט זי געהיים און שעמעוודיק דאָס קלייד עטוואָס פארהויבן
און זיך אליין פארדעקט די אויגן מיט די האָר,
ווי גלייך געשראָקן זיך דאָס אייגן לייב בארויבן.

„מע קוקט, דאכט זיך״... — געשעפּטשעט, און א רעגע בלויז
געפּאָרעט זיך באם זאָק סיי פלינק, סיי אויך באשיידן.
דערנאָך אראָפּ פון וועג און אף דעם פּליאזש ארויס
און גלייך גענומען זיך אראָפּציִען דאָס קליידל.

די זאָקן אויסגעטאָן און פון די אקסל שנעל
אראָפּגעלאָזט דאָס העמד — געבליבן הויל אינגאנצן.
א קוק געטאָן מיט אומשולד אף דער גרויסער וועלט,
אריין אין יאם — אנטלאָפן פון די מאנצבלען.

1957

נייטערנס און מאַנעקענשעס

ניטערנס זייַנען שענער פון מאַנעקענשעס.
באַ מאַנעקענשעס די טאַליע — ווי געמאַכט מיט אַ הובל.
פאַר זייער שיינקייַט זיי האָבן הונדערט רובל אין קעשענע,
און די נייטערנס פאַר זייער אַרבעט האָבן נאָר איין רובל.

און דאָך זייַנען נייטערנס שענער פון מאַנעקענשעס.
איך זע אין דער שויב, ווי זיי זיצן און אַרבעטן —
זיי זיצן פּרוויִש, זיי זיצן מענטשיש,
אין ווייַסע קאָפּטלעך מיט קורצע אַרבל.

די צעראַטענע מעטערס אָנגעטאָן ווי קרעלן,
די פינגערהוטן בלעכענע ווי גאָלדענע פינגערלעך.
מע זוכט ניט קיין קוינים, מע דאַרף ניט געפעלן —
און ס'קוקן אין שויב אַרייַן מאַנצבלען ווי יִינגעלעך.

עס צופּט באַ דעם האַרצן, עס ציט צו דער וואַרעמקייַט,
צו דער היימלעכקייַט, צו דער פּרוויִשקייַט, וואָס נאַרט ניט אָפּ קיינעם,
יעדער פאַרבייַגייער האָט שוין דאָרטן זייַן האַרנטע,
זייַן כיינעוודיקע נייטערן, זייַן טויב די שיינע.

די אַרבעט — פאַרענדיקט. מיט בענקשאַפט באַלאָדן,
מע קאָן שוין אַ רוף טאָן, באַגלייטן מע קאָן שוין,
נאָר מאַנצבלען פאַרקערעווען אין הויז פון די מאָדעס,
כאָטש זיי ווייסן, אַז נייטערנס זייַנען שענער פון מאַנעקענשעס...

1965

מיידל, איך האָב דיך ליב

הונדערט געפאָרן אַרײַן!
הונדערט געפאָרן אַרויס!
מורמלט אַ מאַלעך: זײַן!
וואָרנט דער טײַוול: אויס!

שרײַ איך אױף ביידן: שאַ!
און איך פאַרלאָז די מיט...
ווי פאַר אַ שפּרונג, דאָס געמיט
שעפּטשעט: „בילאַ — ניע בילאַ"...

שטיי איך און שטיי און שטיל אײַן
ס'נאַרישע בלוט, וואָס ברויזט.
הונדערט געפאָרן אַרײַן!
הונדערט געפאָרן אַרויס!

איצטער, פאַרביסן די ליפּ,
עפן איך אויף די טיר,
טו איך אַ שפּאַן צו דיר:
— מיידל, איך האָב דיך ליב!..

1957

צאַרטקייט

דער הימל דעקט זיך אָפּ און זעט איצט אויס אַזוי,
ווי ער — און גאָרנישט מער — געוועזן וואָלט יענע צאַרטקייט,
פון וועלכער ס׳איז געמאַכט דאָס לײַב בײַ אָט דער פרוי,
וואָס ליגט דאָ לעבן מיר און אָפּגעדעקטע. שטאַרקער
פון הימלס אַלטן וויַין איז נאָר דער וויַין, וואָס זי,
די גוטע, שיינע פרוי, גיסט אָן אין מײַנע גלידער.

דער הימל דעקט זיך אָפּ — דאָס קומט דער אינדערפרי,
אָ, קער מיר אום די נאַכט, אָ, קער מיר אום זי ווידער...

1957

וועגן „יאָ" און „ניין"

זאָגסט מיר „יאָ" און זאָגסט מיר „ניין", ווען כ׳קום זיך אָנפרעגן,
זיך אייצענען,
ביידע ווערטער זײַנען קלאָר מיר — „ניין" און „יאָ".
אין מײַן האַרץ זיי קלינגען הויך און שטרענג און רייצנדיק,
ווי עס קלינגען אַף אַ שליטוועגס „ניאָ" און „וויאָ".

„ניין!" — זיך אײַנהאַלטן, נאָר זיך ניט אָפּשטעלן,
ניט אַף דעם האַרץ שטעלן, נאָר אַף דעם קאָפּ שטעלן...
„יאָ!" — דאָס האַרץ איז בילעכער,
נאָר דער קאָפּ איז אויבעט ניט קיין שפּילעכל...

ווייס איך שוין פון „ניין" און „יאָ" דעם מיין,
ווייס איך ניט, צי מעג איך יאָ, צי כ׳טאָר ניט — ניין.
ווייס איך ניט, צי אײַנגעשטעלט עס האָט זיך שוין אַ שליטוועגס
פאַר דעם „יאָ",
ווייס איך נאָר, אַז אַלעמאָל דו טרײַבסט מיך אונטער „וויאָ!"

1958

די מאמע וויל ניט פאָרן אפֿן מארק

וואָס ענטפֿערן מײַן קינד,
ווען ס׳פֿרעגט זיך אָן, וויאַזוי מע „קויפֿט״ א קינד?
פֿארענטפֿערן זיך וויאַזוי פֿאר מײַנע אומשולדיקע און געהיימע זינד,
וואָס שווימען דאָך ארוף, ווי בוימל אפֿן וואסער?
ווען כ׳ווייס, אז ס׳איז שוין צײַט — כ׳וואָלט זיך אליין געמאסערט.

— מײַן קינד, דו ווילסט א ברודערל? איז טו א בעט די מאמע שטארק...
די מאמע לאכט.
די מאמע וויל ניט פֿאָרן אפֿן מארק...

1958

א שלעכטער געדאנק

הינטעלע, בייז הינטעלע,
בײַם מיר אָפֿ א שלעכטן געדאנק,
טו זיך א וואָרף אף מיר פון הינטן־ארום
און מיט די ציין דעם שיגאָען דערלאנג,
ווײַל א ווײַב איז זי שוין,
א מאמע מיט וווינדעלעך —
אף א פרעמדן פעלד א זאנג.
הינטעלע, בייז הינטעלע,
בײַם מיר אָפֿ דעם שלעכטן געדאנק.

1966

צעשיידונג

אומגעריכט, ווי א הירש אף א קריִע,
דייַן געשטאַלט איז דערשינען פֿאַר מיר.
כ'האָב דערזען
די קריִע פּריִער
און דערנאָך
דערזען דעם הירש...

שווים איך, שווים איך, שווים איך אָן אָטעם —
דיך אראָפּכאַפּן פֿונעם אײַז,
און ווען זײַן ווערסט אין שיפֿל אָט דעם,
וועל איך אָנזאָגן דיר די נײַעס:
אז מיר זײַנען געראַטעוועט ביידע,
ווײַל מיר קאָנען זיך שוין צעשיידן.

1960

צו א פרוי

דו דארפסט מיך עפּעס פרעגן?

אין יעדער פראגע דײַנער כ׳טו א פאל אראָפּ, ווי אין א טהאָם.
זיך אָנגעכאפּט אין עפּעס,
הענג איך,
וויים ניט וואָס צו טאָן
און פּרוּוו דיך אײַנריידן, אז ס׳איז מײַן פאלן גאָר פונדײַנעטוועגן, —
דו זאָלסט מיך מער ניט פרעגן...

דו דארפסט מיר עפּעס זאָגן?

אין דײַנע אויגן, ווי אין אומעט־ריטשקעלעך, איך קוק ארײַן,
בא זייער ברעג וועל איך שוין עפּשער קיינמאָל מער ניט זײַן,
און זיי אליין וועלן שוין מער אזא מין שטראָף אין זיך ניט טראָגן.
דו ווילסט מיר גאָרניט זאָגן.

1966

איך וואַרט אױף דיר

באַ אַלעמען עס ליגט שוין דער מאַצליִעך אױף דער צונג,
נאָר איך —
איך וואַרט אױף דיר, ווי אױף דעם דריטן קלונג...

דערנאָכדעם, אַז איך זיץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַרומגעלייגט מיט פּעק אין אויסגעבעטן וואָגן, —
דאַן וואַרף איך אױף דעם שׂליאַך דײַן פֿינגערל אַראָפּ,
זאָלסט האָבן וואָס צו אופֿהייבן, אויב גיין וועסט מיך דעריאָגן.

געקומען אױפֿן אָרט, געריכט זיך אױף אַ נעס.
נאָר ניט געווען דו ביסט אויך אין מײַן נײַער נעסט...

1960

אייפער

אך, ווי דער טיגער היט עס אָפּ זײַן וואלד! —
אפילע פּילעניצעס לאָזט ער דאָרט ניט קלײַבן.
פארקלאמערט אין דער טײַגע מיט געוואלד,
דעם מענטש ער פּרוווט צוריק פון דאָרט פארטרײַבן.
כאָטש איך אליין אים שיק א קויל אין קאָפּ,
דאָך נעם איך זיך א מאָס פֿון אים אראָפּ!
מיט פולן קוי'ך פון שפּרונג א פרעמדן איך באפאל,
און אָדער איך, אָדער דער פרעמדער וועלן טויט דאָ בלײַבן.
די ליבע מײַנע היט איך, ווי דער טיגער היט דעם וואלד, —
אין שאָטן זאָל א זײַטיקער קיין פּילעניצעס ניט קלײַבן...

1958

ווענערע

דער באָכער באם ראדאר, דער שעמעוודיקער יאט,
געשיקט האָט א סיגנאל פון דר'ערד — אזש צו ווענערע:
— אָ, רוף זיך דאָרטן אָפּ!.. אָ, ענטפער מיר!.. איך ווארט...
אוועק א טאָג, און צוויי,
און וואָכן גייען שווערע...

אהינצו קילאָמעטערס — פופציק מיליאָן.
לעם באָכער זיצט און שוויַיגט זיַין באוואָרטע, וואָס נעכטן
ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע,
און, פארטאָן,
זי ענטפערט ניט, זי קאָן ניט צוקליַיבן קיין ווערטער...
אוועק א טאָג, און צוויי,
און וואָכן גייען שווערע.
דאָס ערדיש מיידל שוויַיגט... ווענערע שוויַיגט אין רוים...
און פּלוצעם האָט פון דאָרט, פון הימל, פון ווענערען
אַן ענטפער צום ראדאר דערטראָגן זיך קוים־קוים.

דער באָכער האָט פארשטעלט דאָס פּאָנעם אזש פון פריידן,
אַן איבערמענטשלעך גליק — געמאכט קימאט אים ווילד:
„די געטלעכע... זי הערט... זי רופט זיך אָפּ... זי פילט..."
און שפּעטער דעם מעהאלעך צו זיַין ערדיש מיידל
א מעסט געטאָן —
און גליַיך דערפילט אין הארץ א קעלט:
ווי אוּמדערגרייכלעך וויַיט עס איז דעם מיידלס וועלט!

1961

מאָרגנשטערן

ווענערע האָט ניט קיין באַגלייטער —
א בסולע נאָך, צי אַן אַלמאָנע?
איז לאָמיר אופהייבן א לייטער
און אָפּטראָגן איר א לעוואָנע.

ווענערע איז פון אונדז באהאלטן,
מיט נעפּלען צוגעדעקט דאָס פּאָנעם,
זי איז נאָך יונג, צי שוין אַן אַלטע?
א בסולע נאָך, צי אַן אַלמאָנע?

איך גיי ארום אין איינע זאָרגן,
איך הער ניט אוף פון איר צו קלערן,
ווײַל זי איז שטארק פון מיר פארבאָרגן
און ווײַל מע רופט זי מאָרגנשטערן.

ווענערע דארף שוין א באַגלייטער,
אליין זי לאָזן — א סאקאָנע,
איז לאָמיר אופהייבן א לייטער
און איר דערלאנגען א לעוואָנע.

1966

3

לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים

באם אראָפּשטייַגן אין ניו־יאָרק

אין פינפטן אָקעאן דאָס אײַז זיך רירט.
דאָך שטעלט זיך אײַן דאָס שליטוועגס דאָס געהעריקע.
כאָטש ס'האָט קאָלומב געעפנט שוין אמעריקע,
איך עפן אוף זי נאָכאמאָל —
פאר זיך.

אין הימל — איבער הימלקראצערס — קרײַזט
מײַן שיף ארום דעם טראָן פון בוירע־אוילעם.
און אָט איז שוין די ערד.

עס וועט דאָס אײַז
זיך רירן אויך אף אונדזער ערד דער ווילער.

שטאָקהאָלם — ניו־יאָרק, 1963

מיט וואָס פאַרגלײַכן דעם בראָדוויי

ס'איז גאָרניט נייטיק דאַפּקע מישן שײַן מיט ליכט.
אָט איז, לעמאָשל, דער בראָדוויי מיט שײַן באַצירט.
די שײַן דאָ אָנעמען פאַר ליכט איז ניט קיין כּי'וו,
בראָדוויי איז דען אַ גאַס? בראָדוויי איז, אויב איר ווילט, אַ בריוו,
וואָס איז מיט בלענדיק־בלינדער שײַן
געשריבן
און געכאַסמעט
און געשטעמפּלט.

איך שטיי
אויף דעם בראָדוויי,
ווי אויף אַ הערעלע פון אַן עלעקטריש לעמפּל.
די שײַן
שלאָגט אין דער נאָז,
קלאַפּט אין די אויערן.
זי גיסט זיך אויס, ווי וואַסער פון אַ גלאָז,
זי רייכערט זיך אונטער די סטרעכעס פון די מויערן.
אָט איז זי געל,
אָט איז זי רויט,
אָט איז זי גרין...

אויב ס'איז ניו־יאָרק אַ טונקלע קווייט,
איז דער בראָדוויי אַ געלע בין,

אויב ס׳איז ניו־יאָרק א גרויע וואנט,
איז דער בראָדוויי אַף איר א גאָלדן העזל.

בראָדוויי דערמאָנט מיר אין א לעבעדיקן ווען
מיט נערוון
און מיט נעגל
און מיט ציין.
וואָס ליכטיקער זײַן וואָרט,
אלץ פינצטערער דער מיין.
וואָס פרייליכער דער טאנץ,
אלץ מידער איז דער טענצער.

זאָל אײַך נית קימערן בראָדוויי...
נית מער, פארהענגט אים, ווי א פענצטער.
די שײַן א ביסל דרייט ארײַן. און זעצט זיך צו. ס׳איז נאכט.
שוין צײַט צו רוען.
און האָט נית מוירע, אז ניו־יאָרק וועט אָן דעם צירונג פון בראָדוויי
פארבלײַבן קרוע־בלוע.

ניו־יאָרק, 1963

אין אַ העליקאָפּטער איבערן אינדזל עליס איילאַנד

דאָס טרערן־אינדזל עליס איילאַנד האָט באַגאָסן זיך מיט טרערן.
די פרײַהײַט־סטאַטוע האָט שיר איר פאַקל ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.
געקוקט אַף מיר און שטיל געשטאַמלט: „זע, כ׳מעג שווערן —
אַ ייִד פון רוסלאַנד... און מאַשמאָעס — ניט קיין עמיגראַנט...״

אַראָפּגעבויגן זיך פון העליקאָפּטער, כ׳האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין
אַקסל עליס איילאַנד,
געזוכט און ניט געפונען קעסלגאַרדן, דעם באַרימטן קאַראַנטין.
פונקט ווי אַ וואָלקן, הענגט נאָך איצט איבער אַמעריקע די
בענקשאַפט און דער עלנט
פון מײַנע זיידעס, וועלכע זײַנען פרום־פאַרגלייבט אַוועק אַהין.

דער העליקאָפּטער האָט געטאַפּט אַ דאַך אין עליס איילאַנד אַף
זיך צוזעצן אַ ווײַלע,
און איך בין גרייט געווען זיך מעלדן — שוין אַן אָוירעך אַף דער ערד,
נאָר דער פּילאָט האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין שפּעט, מע דאַרף
זיך אײַלן, —
ווײַזט אויס, אַז דורכגיין עליס איילאַנד איז מיר ניט געווען באַשערט...

ניו־יאָרק, 1963

מענטשן פון געטאָ

אף א גאס א ייִדישער —
ייִדן, ייִדן.
ייִדן בא דער זײַט, און ייִדן אינדערמיטן.
פרעג איך זיי: „עך בייט אך, זײַנט איר עם די מעכטיקע
נאָרד־אמעריקע?"
ענטפערן זיי: כאָלילע! מענטשן פון געטאָ...

זע איך אין א געסל נאָר דאָמיניקאנער,
פרעג איך זיי: „איר זײַנט עם די נאָרד־אמעריקאנער?"
ענטפערן זיי: כאָלילע! מענטשן פון געטאָ...

קום איך צו דעם נעגער, און איך טו פארלאנגען —
„סיי מײַ דיִאר, טעל מי:
אר יו מיסטער יאנקי?"[1]
זאָגט ער, אז א נעגער איז א מענטש פון געטאָ.

בלאָנדזשע איך און בלאָנדזשע אין די געטאָס אלע,
כ'ווער אין זיי פארלאָרן, ווער אין זיי פארפאלן.
דאָרטן איך געפין, ווען כ'זוך אמעריקאנער, —
געטאָ־איטאליענער, געטאָ־מעקסיקאנער.

---

[1] הער אויס, מײַן טײַערער, זאָג מיר: דאָס ביסטו דער פעטער סעם?
(ענגליש).

נעם איך בא זיי בעטן,
פּרוּוו איך בא זיי פּוי׳לן:
גייט אוועק פון גנעטאָ,
פון די גנעטאָ־גרוילן!

איך — לעם סלוטש דער שלוימע,
איך — לעם דניעפּ דער מוישע —
האָב צעבראָכן צוימען
פון דעם טכום־האמוישעוו.

אָט אזוי איך בלאָנדזשע אין די גנעטאָס אלע,
כ׳ווער אין זיי פארלאָרן, ווער אין זיי פארפאלן.
טרעפט אמאָל: א גנעטאָ מיט האמוינים פול ווערט,
און עס דוכט זיך אוים מיר, אז עס שמעקט מיט פולווער...

טשיקאגאָ, 1963

עמפּײַר סטעיט בילדינג

איך בייג זיך אראָפּ פון וואָלקנקראצער
איבער דער הויכער פּאָרענטש...

ניו־יאָרק, ביסט די פרוכט פון קאָאָפּעראציע
צווישן נאטור און מענטש.
קעדיי איך זאָל זען דײַנע אלע שויבן
און הערן דײַן גאנצן ראַש, —
דו האָסט מיך מיט גוורע אופגעהויבן
אף הונדערט צוויי עטאזש.

פאר דעם נאָר אליין, פאר אזא מין קויעך,
פאר אזא מין דראנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דײַן אויער
און זאָג א דאנק.

ניו־יאָרק, 1963

גאַנגסטערס

עס איז, כּלעבן, שטאַרק ציקאַווע,
וויאַזוי עס איז געשען:
אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטערס ניט געזען.

ווען צוריק איך בין געקומען
אין דעם האַמילטאָן־האָטעל
און דעם שליסל אָפּגענומען
פון מײַן „נומער" נומער צען,

און געוואָלט אַרײַן אין צימער,
דאָרט, ווו איך אַליין שטיי אײַן,
האָט מיך, ווייניקסטנס, געקימערט,
וואָס אין צימער ברענט די שײַן

און צוויי מאַנספּאַרשוינען פרעמדע
טרייסלען מײַנע זאַכן אויס —
ניט די הויזן, ניט די העמדלעך,
די פּאַפּירן מײַנע בלויז.

האָב איך ניט געפרעגט קיין פראַגן,
ווײַל ס'איז גאָרנישט ניט געשען:
אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטערס ניט געזען...

טשיקאַגאָ, 1963

ווילִיאמסבורג

אף יענער זײַט ברוקלינער בריק — א וווּנדער! —
הייבט אָן זיך דער אכצנטער יאָרהונדערט.

לעם בריק האָט מאנהעטען זיך אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי
אַן אווטאָמאָביל מיט באלויכטענע פארעס.
אף יענער זײַט בריק שטייען געסעלעך טונקלע
פון ווילִיאמסבורג — אין א געהייליקטער אכדעס.

אדויני מעלעך, סאטמארער רעבע,
דער נײַער וועלט זײַ מויכל, זײַ מויכל,
פארגיב איר די זינד און שענק איר דאָס לעבן,
און זאָל זי דאָרט שטיין,
מיט בליצן באלויכטן.

עס לויפן צונויף זיך די ווײַסע זאָקן,
עס קלײַבן זיך אוף די קאפּאָטעס אינײַנעם.
זיי קוקן זיך צו צו מײַן הוילעך דערשראָקן,
און איך אף זיי קוק מיט כידעש מיט ריינעם.

בא מיר אין דער היים וועט מען טײַנען: ס'א ליגן,
אזוינס קאָן מען זען אין מוזיי בלויז ליגן...

ניו־יאָרק, 1963

א דערמאָנונג

אוי, אייבי, א רועך אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן —
ווי קומט עס, דו זאָלסט פאַרגעסן, וויִאַזוי מע פלעגט מאַכן אין
בערשאַד ווײַן?

צוויי בערעקעס אין א סלוי און מעלעץ א האַלבע גלאָז,
און טרינק געזונטערהייט. פאַרגעס ניט פאַרקוועטשן די נאָז.

אוי, אייבי, פאַרשטאָפּטער מויעך, האַלטסט א פאַבריקע מיט א קאָנטאָר
און בראָקסט דערצו נאָך ענגליש, אַף מײַנע סאָנים אַזאַ יאָר —
איז ווי קומט עס, דו זאָלסט ניט קענען אויסברײַען, וויִאַזוי מע
פלעגט מאַכן אין בערשאַד כריין?

מיט טרערן פלעגט מען באַנעצן דעם אייגענעם קריץ פון די ציין
און אַרויסלאָזן פון דעם מויל אַזויפיל קלאָלעס מיט איין דעך,
אַז דעם נאָגיד מיטן אוריאַדניק איינעם איז פון דעם געוואָרן שלעכט.

אוי, אייבי, מײַן קאָרעוו, איך האָב פון דיר ווערעמס און קאַלטעס.
צי געדענקסטו, וויִאַזוי מע פלעגט עסן אין בערשאַד פּירעשקעס מיט
גענדזענער שמאַלץ?

אריַינגעשמעקט האָט מען, אָנשטאָט טאבעק, א פּושקעלע מעל א גאנצס,
און דערנאָכדעם, בימכילע, א פּאטש געטאָן אין הינטן א פעטער גאנדז.

פרעגסט, פארוואָס איך געדענק עס?
זאָג איך דיר קורץ־געפאסט:
איך טו זיך אין דעם דערמאָנען, זינט כ׳בין בא דיר צוגאסט.

קליוולענד, 1963

יונגע ווײַבלעך

אין ניו־יאָרק
קענען יונגע ווײַבלעך שיסן.
יונגע ווײַבלעך
האָבן וואָס צו שיצן.
נעכטן האָט מען אױף דער פינפטער אוועניו
די מיסים בעל
פארגוואלדיקט
(אזוינס האָט זי פאר אירע זעקס און אכציק יאָר
נאָך קיינמאָל ניט געהאט).
די געפאר איז אין ניו־יאָרק
פאר יונגע ווײַבלעך
גוואלדיק.
אָנטאָן צאָרעם קאָן א קלערק,
און א שאָפער,
און א סאָלדאט.
אין אמעריקע קענען יונגע ווײַבלעך שיסן.
יונגע ווײַבלעך
האָבן וואָס צו שיצן.

ניו־יאָרק, 1963

זאָג מיר א ביסעלע מוסער

זאָג מיר א ביסעלע מוסער.
שטעל מיר ארויס פאר א מוסטער
דײַנע ראבאָנים, דאיאָנים, דארשאָנים, כאזאָנים, באדכאָנים,
שאדכאָנים, דאלפאָנים, באטלאָנים...
לערן מיך שעצן די אָוועס,
זע, כ׳זאָל ניט לעבן אין טאָעס,
זע, כ׳זאָל א ייִד זײַן,
פּונקט ווי אין איסט־סײַד, פּונקט ווי אין איסט־סײַד:

מאָזעס איז שיין, און מוישע — אלטפרענקיש.
דראָשעס אין קלויז זאָגט איר אױף ענגליש.
דײַנע ראבאים מאכן ביזנעס,
דײַנע צאדיקים — אין פאלשקײַט פאריזנעט.

לערן מיך, לערן מיך סייכל.
פיר מיך ארײַן אין דײַן הייכל,
ווײַז מיר, ווי ניט אין א שפּאס
שפּילט אין דײַן טעמפּל דער דזשאז.

זאָג מיר א ביסעלע מוסער.
שטעל מיר ארויס פאר א מוסטער
דײַנע ראבאָנים, דאיאָנים, דארשאָנים, כאזאָנים, באדכאָנים,
שאדכאָנים, דאלפאָנים, באטלאָנים...

סאן־פראנציסקאָ, 1963

וועסט פארשטיין

די ליד איז אונטערגעהערט אין לאָס־אנדזשעלעסער פיש־פּאַרט,
פריַי איבערגעזעצט פון ענגליש

דער יאם איז גרויס, דאָס שיפל קליין.
איך בין אליין, איך בין אליין.
איך בין אליין, דער ברעג איז שיין.
די זון, זי האלט דאָרט באַם פארגיין.
איך ווייס ניט, מיט וואָסער מיין
געבראכט אין שיפל מ׳האָט א שטיין.

וואָס שטיין, ווער שטיין? צו וואָס א שטיין?
דו ווארט נאָר צו, וועסט אליץ פארשטיין.
די דעק פון יאם איז נאָ׳נט און ריין,
נאָר שווער עס איז צו איר דערגיין.

לאָס־אנדזשעלעס, 1963

אין א וועלדל לעם וואשינגטאָן

פון וואשינגטאָן — ארויס
אויסער דער שטאָט שוין,
אינמיטן פון אמעריקעם פּייזאזש,
געפין איך לעם א צעדערבוים א שאָטן
און שטעל מיר פאָר, אז כ'בין אין טײַגע אזש.

א זשוקל כ'טו א כאַפּ, אין האנט פארקלעם עס.
דאָס זשוקל — ווי אין רוסלאנד ערדיש־פּראָסט.
אמעריקע דערפילט כ'האָב אַף אַן עמעס,
ווען צוגעזועצט איך האָב זיך אַף איר גראָז.

וואשינגטאָן, 1963

צוגאַסט באַ שאָלעם־אַלייכעמען

פאַני שאָלעם־אַלייכעם, אַ ברייטן שאָלעם־אַלייכעם אײַך אין ניו־יאָרק
(אייגנטלעך, ניט אין ניו־יאָרק, נאָר הינטער ניו־יאָרק,
אפֿן בעסוילעם „קארמל").
איך וויל באַ אײַך בעטן, פאַני שאָלעם־אַלייכעם, אַף באָרג
אַ ביסל ביטאָכן —
אַמעריקאַניזירטן, קאַרגן.

דערום זײַנט איר דאָך באַ ייִדן אַ הומאָריסט,
אַז באָרגן אַ שמייכל מע זאָל באַ אײַך קענען
אַפֿילע אַף אַ בעסוילעם.
דאָס ביסל ביטאָכן צעגעבן איך וועל אומזיסט
דעם היגן אוילעם.

כ'וועל זאָגן:
אַמעריקע, מיט שאָלעם־אַלייכעמען ביסט שוין פֿון לאַנג פֿאַרקנאַסט,
איז נעם
נאָך זײַן טויט
דאָס דראַשעגעשאַנק — דעם ביטאָכן,
און האָדי!

פאַני שאָלעם־אַלייכעם, דאָס איז געווען אײַער מילדער שפּאַס —
קומען שטאַרבן אין קאַנטן אָט די.
איך ווייס, וויאַזוי ס'האָט פאַרטראָגן אײַך אַזש אַהער:

אין דעם אלטן פארשליימיקטן וואלד
מ'האָט געהאקט דאן דעם בוים,
און אויך איר אונטער האק —
ווי א שפּענדל.

איר ליגט אַף דעם „קארמל" —
פון אײַערע ייִדן וואָלינער ניט אָפּגעצוימט,
א סוואָרע, זײַן אייביקע רו
האָט אפילע געפונען דאָ
מענאכעם־מענדל...

די שיפסקארטע אײַערע,
זי איז געווען א מוידאָע, אז ס'דויערט דער בלוטיקער שפּאס.
אזוי צי אזוי, נאָר געווען איז זי אויך
אן ארײַנגאנגס־שײַן
סײַ אַף בראָנקס, סײַ אַף „קארמל", כ'מעג שווערן.
פּאני שאָלעם־אלייכעם, איר אליין האָט דאָס וואָרט דאָך פארפּאסט:
לאכן דורך טרערן.

געווען בין איך הײַנט אין „אײַערע" הײמען — אין בראָנקס, אַף קעלי־סטריט,
אין הארלעם, אַף לענאָקס[1] — אויך דאָרט כ'בין געווען א רעגע.
איבער בראָנקס האָט געפירט מיך אַף אײַערע טריט א ייִד,
איבער הארלעם — א נעגער.

פון דאָרט כ'בין געפאָרן קיין וויליאמסבורג, אזוי ווי איר — אַף א „פאָרד"־קאדילאק.
דאָס „פאָרדל" — ווי א פערדל, לעהאוודל...
(אויב ס'איז עמעס, וויליאמסבורג, אז דו ביסט די קאסרילעווקע באם פּאָטאָמאַק,

---

[1] שאָלעם־אלייכעם האָט אין ניו־יאָרק געוווינט צוערשט אַף 110 לענאָקס אווענױ, הארלעם, שפּעטער אַף 968 קעלי־סטריט, בראָנקס.

האָב איך דיך ליב — אײַ לאַוו יו...
נאָר זײַ זיך מאַטריַעך

אונ גיי שוין וואָס גיכער פאַרבײַ,

און ס'וועט אויך ניט שאַטן, אויב וועסט אונדז אַן אייגענעם
שאָלעם-אַליכעם געבן).

פאַני שאָלעם-אַליכעם, ווי מיינט איר — די טעמע קאַסרילעווקע,
זי איז נאָך נײַ?

פאַני שאָלעם-אַליכעם,
ניו-יאָרק דאַרף אַ שאָלעם-אַליכעם אַזוי ווי דאָס לעבן.

און איך —

מיטאַמאָל כ'האָב צעטרוימט זיך אויף דעם „קאַרמל"-
בעסוילעם, איינער:

צוריקוועגס אהיים וואָלט איך מיטגענומען
אויף דער שטילער פּאָלטאַווישטשינע
אײַערע ביינער.

און דאַן כ'וואָלט ניט מוזן
שפּאַלטן דעם יאַם,
קעדיי זען זיך מיט אײַך,
טאַטע,

און איר
וואָלט צוריק
געוואָרן די ערד,
וואָס געקומען פון דאָרט זײַנט איר טאַקע.

לאָס-אַנדזשעלעס, 1963

לאָז מיך צורו

מע טומלט אין ניו־יאָרק ארום יידן.
ווער טומלט עס? וואָס טומלט מען?
האַ? וואָס?
יידן זיינען ניט קיין מעציִע,
נאָר אויך ניט אבי־וואָס.
פארשידענע יידן
זיינען פארשידן.
פארשידן דאָס לעבן,
אפילע די נאָז.
ווער עס איז מיטן טומל צופרידן, —
בא מיר רופט דער טומל ארויס
פארדראָס.

איך זאָג א ווילד־פרעמדן:

יאָ, כ'בין א ייד. דו ווייסט דאָך גוט, אז אף שיקערע אָרגיעס האָבן שווארצמייעניקעס איבערגעקרימט מיינע רייד, אָבער דו ווייסט דאָך גוט, אז מיין יידישער אלעפביים איז געווען א שיפר בא אָליעג קאָשעוואָיען; יאָ, מע האָט מיך געוואָרפן אין שייטערס, אָבער דו ווייסט דאָך גוט, אז דאָוויד דראגונסקי

האָט געצונדן שײַטערס פֿון גודעריאַנס
טאַנקען.
איך בין אַ ייִד. לאָז מיך צורו.

איך זאָג אַ ווילד־איינגענעם, אַ קאַליע־מאַכער:

דו ביסט אַ ייִד? ניין, ביסט ניט קיין ייִד.
שעם זיך אין דײַן ווײַטן האַלדז. פּאַדעסט
אַרום מיר אַף פּאַראַדן מיט מענוירעס און
מיט פאַקעלן, מיט שויפער־בלאָזן און מיט
צאַנקענדיקע ליכט. איך בין אַ סאָוועטישער
ייִד. לאָז מיך צורו.

ניו־יאָרק, 1963

אפן וועג פון אמעריקע קיין אייראָפּע

דער אעראָפּלאַן אין הימלען גרויסע
טראָגט זיך פרײַ. קיין ראַכוועס אים ניט פעלט.
וווּ איז דאָ דער איבערגאַנג, ראַבויסיי,
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט?

אך, ווען אף דער ערד איך וואָלט עס וויסן, —
ווי ס'איז גרינג אין אַזאַ טרוים צו זײַן:
ערשט געווען נאָך אין קאַפּיטאַליזם,
איצטער שיר אין קרעמל ניט אַרײַן!

דאָ אָבער, אף אָט דער טעריטאָריע,
צווישן די צעשפּרייטע פליגל צוויי,
איך — אַ קאָמוניסט, און דו — אַ טאָרי,
ער — פון אַ קאַטוילישער פּאַרטיי.

מירן דרעמלען ביזן סאַמע לאָנדן,
אף אַ היפּשער הייך איבער דער ערד, —
פּראָלעטאַריער און פאַבריקאַנטן,
פּאַציפיסטן,
סאָכרים פון געווער.

צווישן אונדז אַן אַמפּערניש אַ הייסע
וועגן דער פּריזור בא יענער פרוי,

אונטער אונדז שווימט לאנגזאם דורך א קרייסער,
אָנגעשטעלט די רערן אַף כאנאָי.

איינער קוקט אהין און טוט א גענעץ,
און א צווייטן נעמט אזש דורך א קעלט...
אין עראָפּלאן גייט דורך א גרענעץ
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט.

לאָס־אנדזשעלעס — פּאריזש, 1963

דערוואָרעם אינעם שויס דײַנעם שפּינאָזען

אַמסטערדאַם, וווּהין האָסטו אַהינגעטאָן שפּינאָזען?
אַמסטערדאַם, איך קום אַרײַן אין דײַנע געסלעך בעכיפּאָזן,
איך טראָג אַהין דערמאָנונגען, ווי עמער וואַסער אין אַ שאָכנס שטוב,
ווי טאַטשקעס ערד, מיט וועלכער מע פאַרשיט אַ גרוב.
אַמסטערדאַם, וווּהין האָסטו אַהינגעטאָן שפּינאָזען?

איך זאָג דאָך ניט, אַז באָרעך האָט געמוזט ניט ערגעץ־ווּ, נאָר דאָ זײַן.
איך זאָג, אַז באָרעך איז געווען, און כ׳וויל אים דאָ נאָך טרעפן.
איך קלאַפּ אין דײַנע טירן: עפנט, עפנט...
און עמעץ טוט שוין בייז אַ זאָג דאָרט: „סאַרא האָזע”...
אַמסטערדאַם, וווּהין האָסטו אַהינגעטאָן שפּינאָזען?

אַמסטערדאַם, שפּינאָזען, זאָגסטו, האָסטו ניט פאַרלוירן?
פאַרליר זשע ניט זײַן מאַמען, כאַנע־דעווירען.
ס׳איז מוידערסטראַט נאָך נאַס פון אירע טרערן,
דעם כיירעם רײַסן אויף אירע פאַרדראָסן,
און צײַטן שרײַען, אַמסטערדאַם, זאָלסט הערן:
— אַמסטערדאַם, דערוואָרעם אינעם שויס דײַנעם שפּינאָזען!..

אַמסטערדאַם, 1965

האָלענדישער מאָטיוו

מע שטופּט אָפּ דעם יאַם א טראָט נאָך א טראָט,
זייַן טרוקענער דנאָ — סייַ בארגיק, סייַ טאָלנדיק.
די וועלט האָט באַשאַפן, פארשטייט זיך, גאָט,
נאָר האָלאַנד באַשאַפן עס האָבן די האָלענדער.

אין שטאָט לעליסטאַד איז געזאַלצן די ערד,
פארגליווערטע כוואַליעס אונדז קומען צו כאָלעם.
אין ווינטמיל מע פּאָמפּעט דעם יאַם אין די נעכט
(די ווינטמילן האָבן געראַטעוועט האָלאַנד...)

א ברעקעלע ערד איז אין האָלאַנד א יעש,
א שטויבעלע באָדן — א גרויסע מעציִע.
האָלענדערקעס טריקענען כוואַליעס, ווי וועש,
דעם דנאָ פון אַן אײַנגוס מיט גערטנער פארצירעווען.

ווי ווײַט איך בין איצט פון מײַן ראַכוועס, ווי ווײַט!
ווי ווײַט פון מײַן לאַנד, וואָס איז ברייט און פארשײַט.

לעליסטאַד, 1965

רעאַביליטאַציע

אין מאָנטעווידעאָ,
אין דער ווײַטער מעדינע,
ווײַט פֿון דער גרוב, וווּ מײַן מאמע ליגט,
האָט אַף א באַנק,
צווישן ייִנגלעך גרינע,
ברייט זיך צעלייגט
א פאַרברעכער פֿון קריג.

פֿרעגן די ייִנגלעך,
ענטפֿערט דער דײַטש
(כ'זיץ בא א זײַט, און פֿאַר זיך איך פֿאַרטײַטש...)

אין מאָנטעווידעאָ,
אין דאָרעם־אמעריקע,
רעדט ער פֿון הײַסין,
רעדט פֿון זשמערינקע,
רעדט פֿון ליובאַר,
רעדט פֿון די גריבער,
ווייסט ניט, אַז איך, וואָס דערוואָרגן האָב אים,
הער איצט זײַן שטים.

ס'פֿרעגן די ייִנגלעך,
ענטפֿערט דער דײַטש
(כ'זיץ בא א זײַט און פֿאַר זיך איך פֿאַרטײַטש...)

די יִינגלעך פרעגן:
וואָס טראַכט ער, דער נאַצי,
וועגן רעאַביליטאַציע.

און מיטאַמאָל —
דער נאַצי לאַכט.
— רעאַביליטאַציע... — זאָגט ער צאַרט.
— וואָס איז אַזוינס „רעאַביליטאַציע"? —
ער לאַכט אַזוי שטאַרק, אַז די אָדערן פּלאַצן:
— רעאַביליטאַציע...
— רעאַביליטאַציע...
— אָן רעאַביליטאַציע בין איך טרייף...
אַף רעאַביליטאַציע קוקט מען פאַרשידן...
אַמאָל כ'האָב געמאַכט פון יִידן זייף,
כ'זאָל מאַכן צוריק
פון זייף — יִידן?!

זע איך די יִינגלעך.
זע איך דעם דײַטש.
ס'פּײַפט פאַר די אויגן אַ בײַטש.

מאָנטעווידעאָ, 1965

ווי א היגער

זעט: אין דער פּאַמפּע[1] מיך פּאָלגן
אײַערע פערד די פּאַטלאַטע,
ווײַל כ׳האָב געבראַכט פון דער וואָלגע
טרײַשאַפט צו דער לאַ־פּלאַטע.

ניין, ניט דער טײַך איז דער איקער, —
אַלץ איז מיר ליב דאָ און טײַער,
פּונקט ווי געוועזן כ׳וואָלט א היגער,
פּאָשעט — אַן אורוגווײַער.

כ׳דריי זיך אַרום אין דער פּאַמפּע
מיט די פאַרברוינטע יונגאַטשן,
טו זיך מיט זיי אויך אַן אַמפּער
וועגן אַן אײַסעק פון גאַוטשן.

און אַפּדערנאַכט, שוין פאַרמאַטערט,
זעץ איך זיך צו אין די גראָזן,
טרינק א געוויינלעכע מאַטע,
רעד אָף א שפּאַניש א פּראָסטן.

---

1 פּ אַ מ פּ ע — דער סטעפּ אין לאַטײַן־אַמעריקע.

ניין, ניט דער טײַך איז דער איקער, —
אַלץ איז מיר ליב דאָ און טײַער,
פּונקט ווי געווען כ'וואָלט א היגער,
פּאָשעט — אַן אורוגווײַער.

מאָנטעווידעאָ — פּײַסאַנדו, 1965

בא דער סען

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר באַם אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך הײַנט מיט אליץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

אויסגעוועזן שוין וויפל ערטער
אין אבסטראקטן ייִדיש־לאנד;
ווו גערטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט,
ניט דערפאָרן צו קיין ראנד.

ס'טראָגט דער וואָגן שנעל זיך טאקע
(אײַנגעשפאנט אין אים א הירש!) —
מיטן דישעל אין מאָנאקאָ,
מיט די רעדער אין פאריזש.

ערשט ארויס פון א נעסיִע,
בין איך ווידער נאוועגאד,
ווערסטן ציִען זיך און ציִען,
און דער וועג — ער איז ניט גלאט.

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר אין אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך הײַנט מיט אליץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

פאריזש, 1965

איך לעב אין דעם נעכטן

איך לעב אין דעם הײַנטיקן טאָג.
אויך נעכטן געלעבט כ'האָב אין נעכטיקן הײַנטיקן טאָג.
און דאָ, מיטאמאָל:
— הײַנט איך לעב אין דעם נעכטן!
אז דאָס איז א כאָלעם, עס איז בא מיר רעכט שווין...

פאריזש מיך באגעגנט מיט היימישן שניי,
נאָר כ'זע אף דעם היימישן שניי —
פּאָליציי!
(בא מיר אין דער היים איז א נעכטיקס דאָס וואָרט,
עס הייסט „פּאָליציִאנט" — ווער ס'איז וואָס־אין־דער־קאָרט).

א שטרײַק אין פאריזש. ס'איז די שטאָט אף א שלאָס.
א נעכטיקן מיין האָט דאָס וואָרט „באלעבאָס".
איך ווייז אין האָטעל דאָ, א טיר בא א טיר,
מיט עפּעס א לעפּישעוואטן באנקיר.
ער רעדט מיט מיר נעכטיקע רייד. איך פארשטיי,
אז ער איז נאָך דאָ אף דער וועלט. — טוט מיר וויי.

איך לעב, גאָט צו דאנקען, אין הײַנטיקן טאָג.
אויך נעכטן געלעבט כ'האָב אין נעכטיקן הײַנטיקן טאָג.
און דאָ, מיטאמאָל:
— הײַנט איך לעב אין דעם נעכטן!
אז דאָס איז א כאָלעם, עס איז בא מיר רעכט שווין...

פאריזש, 1965

דאָס אַלטע פּאַריז

פּלאַס דע מאַרע׳ — „די זומפּן־געגנט״,
אַלטע סטאַטועס ליגן שוין נאַזנדיק,
מע טײַט זיי פֿון ראַכמאָנעס וועגן:
עניטאַ נאַזיאַ...

אַמאָליקע פּאַלאַצן — פּאַרוקט אין די הויפֿן,
מיטן פּנים צו דער גאַס — הײַנטיקע מויערן.
פֿון נײַעם פּאַריז די צײַטן אַנטלויפֿן,
דאָס אַלטע פּאַריז וועט אייביק דויערן.

פּאַריז, 1968

די מאדאָנע אין צוג פּאריזש — מארסעל

דעם קינד —
דער גרעסטער צוטרוי.
אָ קינד,
ווי רײַך דו ביסט,
ווען ס'לאָזט דיך צו די מוטער
צו אירע שײנע בריסט.

די קאָקאָס־נים ניט וויאַנען,
די מילך אין זיי — געשמאק.
ס'פארנייגט זיך מאריאַנע
אריבער דיר, זשאן־זשאק.

און אלטע וויגליד זינגען
זי וועט מיט ליפּן־בעז.
עם קלאפּן אירע פינגער
אין טאקט פון מארסעליעז.

פּאריזש — מארסעל, 1968

איך מעלדע

ס׳וואַקסט מײַן וועלט אַרומגענומען
מיט די איבעריקע וועלטן.
איצט איך בין צו דיר געקומען
וועגן מײַנע וועלטן מעלדן.

בין איך שוין אַ שאָק מיט יאָרן
ניט געווען אין קלויז אַוואַדע,
און מיט דעם איך וועל אַצינדער
זיך פאַר דיר ניט זײַן מיסוואַדע.

האָב איך שוין די קינדער מײַנע
ניט געטויוולט, ניט געמאַלעט,
און אַ ייִד איך בין פאַרבליבן,
און אַ מענטש, באַגלײַך מיט אַלע.

האָב איך שוין אַזויפיל צײַטן
ניט געהאַנדלט, ניט געוואַנדלט.
וואָס זשע ווילסטו — איך זאָל ווידער
איבערלעבן אָט די שאַנדע?

איצט איך בין צו דיר געקומען
וועגן מײַנע וועלטן מעלדן:
ס׳וואַקסט מײַן וועלט אַרומגענומען
מיט די איבעריקע וועלטן.

ניצע, 1968

א דעסאַנט האָט זיך באַ איַיך אַרויסגעזעצט

א דעסאנט האָט זיך באַ אײַך אַרויסגעזעצט, א דעסאנט:
מיטאמאָל — א מענטש מיט עפּעס גאָר אַן אַנדער פֿאַרשטאַנד!
שטעלט זיך האַרטנעקיק אַוועק אַנטקעגן אים און שרײַט,
אַז ער איז געקומען עפּעס פֿון אַן אַנדער צײַט,
און ער לאָזט דאָ הערן ס׳קאָל פֿון עפּעס גאָר אַן אַנדער לאַנד, —
א דעסאנט האָט זיך באַ אײַך אַרויסגעזעצט, א דעסאנט!

היי, פֿאַרקלאַפּט,
פֿאַרקלאַפּט,
פֿאַרקלאַפּט
זײַנע פֿאַרפֿירערישע רייד,
א געדיכטע נעץ שפּרייט אויס וואָס גיכער,
ווען ער גייט.
דרייט זיך אָפּ פֿון אים, ווען ער שטעקט אויס די האַנט,
ווײַל וואָס ער זאָל ניט זאָגן — א דעסאנט בלײַבט א דעסאנט.

אַז קיינער זאָל ניט הערן אים,
ליגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, —
היי, פֿאַרקלאַפּט, פֿאַרקלאַפּט, פֿאַרקלאַפּט זײַנע פֿאַרפֿירערישע רייד!
האָט ניט מוירע, אַז די וועלט וועט ריידן וועגן אײַער שאַנד, —
א דעסאנט האָט זיך באַ אײַך אַרויסגעזעצט, א דעסאנט!

לאָנדאָן, 1966

אין זיקאָרן — מאָריס ווינטשעווסקיס א ליד

גענוג שוין, גענוג צו מעסטן
לאָנדאָן אהין און אהער.
...אין ענגלאנד איז דאָ א שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אזא סקווער...

פון יענער זײַט לאָנדאָנער געפּל
באווײַזן זיך אָוועס פּאַרטראַכט,
ווי גײַסטער פון גרויען ווײַטשעפּל,
וווּהין ס'האָט די נויט זיי געבראַכט.

איך פרעג אין טראָלייבוס א שאָכן,
„ווּ שווימען מיר?" — כ'פרעג אין א שפּאַס.
„מיר שווימען, — ער ענטפערט, — אין סאָהאָ[1],
דער זינדיקער לאָנדאָנער גאַס..."

כ'דערמאָן זיך די ליד פון דרײַ שוועסטער,
פון מאָרים ווינטשעווסקין איך קלער.
...אין ענגלאנד איז דאָ א שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אזא סקווער...

לאָנדאָן, 1966

---

[1] סאָהאָ — א ראיאָן אין לאָנדאָן, ווו עס זײַנען קאָנצענטרירט נאכט־לאָקאַלן, סטריפּטיז־הײַזער אדג.

די בענקשאפט אהיים לאָזט ניט שלאָפן

איעדן מעסלעס, ארום צוועלעף אזייגער באנאכט,
שטארב איך,
עס איז שוין אריַין אין דער טעווע,
אז צוועלעף אזייגער באנאכט נעמט מיך ציִען צום שטארבן.
איך לייג זיך אוועק אפן רוקן,
און טו פון זיך אָפּ די געדאנקען,
און בייג איַין די פיס אין די קני
(כ׳האָב ליב אָט אזוי צו שטארבן),
מיט כיישעק פארמאך איך די אויגן
און שטארב.

עס טרעפט, אז סע לאָזט מיך ניט שטארבן
א הינטל, וואָס בילט בא מיַין רו
(געהערט שוין? — א פּאָשעטער קעלעוו,
און אָפּשאפן קאָן ער מיַין צוועלעפטע שאָ...),
אמאָל אויך א צאָרע,
וואָס איז נאָך אין וועג,
לאָזט ניט שטארבן.
און אָפּטער פון אלץ — די בענקשאפט.

דעריקער איז טאקע אצינדער די בענקשאפט,
וואָס לאָזט מיך ניט שטארבן.
כ׳בין פינעף מעסלעס נאָכאנאנד
ניט בעקויעך געווען צו שטארבן אין לאָנדאָן,

און נאָך א מעסלעס — אין מאַנטשעסטער,
אין בירמינהעם — נאָך א מעסלעס,
און איצטער, אין עדינבורג, ווידער איך קאָן ניט שטאַרבן.
איך לייג זיך אוועק אפן רוקן,
און טו פון זיך אָפּ די געדאַנקען,
און בייג איַין די פיס אין די קני,
און מאַך צו די אויגן, —
און שטאַרב ניט.

די בענקשאַפט אהיים לאָזט ניט שלאָפן.

עדינבורג, 1966

א פּרעסע־קאָנפערענץ אַף דער „ייִדישער גאַס"

די „גאַס" איז צו מיר נײַגעריק,
מע שטייט קעפּ־אַף־קעפּ:
„זעט, ער האָט קיין דײַגעס ניט!"
„כײַ געלעבט"...
אָדער, פאַרקערט, ראַכמאָנעסלעך,
אײַנגעוויקלט אין א ייִדישער בלאַט,
טראָגט מען, ווי שאַלעכמאָנעסן,
פון „צאַד" צו „צאַד":
דער טויבן־צאַד צום שפּאַרבער־צאַד,
דער „לינקער" צאַד צום רעכטן צאַד,
דער גערעכטער צאַד צום שלעכטן צאַד —
פון „צאַד" צו „צאַד"!

אין אָנגעלאָף, אין ברומגעוואָרף
מע טוט א פרעג מיך:
—זאָג דײַן וואָרט.
וואָס מאַכסטו פאַר א לעבן דאָרט,
ווי לעבסטו דאָרטן, אַף אן אָרט?..

ענטפער איך:
—אויסגעטאָן זיך פון דעם גאָלעם

און אריַין אין לעבנס מיט,
טראָג איך ליכט אין מיַינע פּאָלעם
און געוויכטער אין די טריט.
פון די קאָסעם —
ביזן קאָסמאָס,
פון די פלוגן —
ביז די פלוגן,
אָט אזוי מיַין גאנצער דאָר,
וועגן דעם — צו איַיך מיַין וואָרט...

לויפן אָן „געוועזענע",
„ליַיטישע" און „מעסיקע",
זיי זיַינען צופיל שלאבעריק
צו ריידן מיט א געדאנק:
— איר לעבט דערוויַיל נאָך, כאוועדל?
— מע לעבט. און איר?
— א דאנק...

זאָג איך צו זיי:
— מיר זיַינען געזונט־מאָוועך,
מיר זיצן בא קילע ברעגן,
מיר קוקן אף איַיך, ווי אף אָוואר,
מיר האָבן איַיך וואָס צו פרעגן! —
אָט אזוי מיַין גאנצער דאָר,
וועגן דעם — צו איַיך מיַין וואָרט...

גיבן זיך א שאָט אריַין
די שאָדן־ליַיט, די שלעגער.
א מעהומע... וואָס וועט זיַין?
זידלעריַי, — צי ערגער?
זיי נעמען שטעלן קלאָצקאשעס,
און גיסן אוים פּאָמויניצעס,
און וואַרפן מיט די פויסטן אויך,
און שפּילן אָפּ קאדאָכעסן.

זאָג איך צו זיי:
— כ'האָב־פאַר־אײַך־קיין־מוירע־ניט!

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

עס האָט די גאַס זיך אײַנגערעדט,
אַז זי אַליין אין יווישער לעבט...
וואָס איז זי אַזוי נײַגעריק?
וואָס שטייט זי קעפּ־אַף־קעפּ?..

לאָנדאָן, 1966

מיט מארק שאגאלן אין שטעטל סען־פּאָל דע וואנס

1. באַם מיטללענדישן יאַם

א סוואָרע, דאָס אָרט איז מיר קענטלעך,
געקומען אהער כ'בין ניט סתּם.
אינמיטן א יאַם מיט לענדער
ליגט דער מיטללענדישער יאַם.

באַם ברעג פון אַן אנדער מעדינע
עס פאַלט אַרײַן אַזוי רײַך
אין יאַם האַטיכוין — די דווינע,
מארק שאגאַלס טײַך.

און פּונקט ווי דער ברעג וואָלט געהיט עפּעס
אַזוינס, וואָס פאַרטרויט אים מע האָט, —
באַהאַלט ער אין אַלפּן־בערג וויטעבסק,
מארק שאגאַלס שטאָט.

איך דאַרף זײַן שטאַרקער פון אײַזן
ניט אויסצונוצן דעם שאַנס —
אוועקטראָגן אַזש קיין רײַסן
דאָס שטעטל סען־פּאָל דע וואַנס;

אין פרעמדע בערג א פארוויקלטן,
ברענגען שטיל, ווי געהיים,
אזוי ווי א קינד צום וויגל,
מארק שאגאלן אהיים.

2. די בערעזע

אין סאָד בא מארק שאגאלן פעלט
א הורבע שניי,
א פראָסט,
א פרישע קעלט...

באם פלאנצןביימער אף דער הארטער רויערד
איז וויפל וועסנעס שוין אין סאָד פארטאָן
אליין די באלעבאָסטע וואלענטינע[1]
(סע שפאסט שאגאל: די פלאנצן פאָלגן דאָך א יעפּאם־טויער...),
און טאקע — אלע ביימער,
אויסער דער בערעזע,
צוויטען שוין און גרינען,
בלויז די בערעזע נעמט זיך דאָ ניט אָן,
מיט יעדער וועסנע פלאנצט מען זי באַנײַ א קאָן.

ס'האָט וואלענטינע שוין די ערד צעדרויבלט ארום ביימל
און אָנגעפּויעט עס, פארשטעלט פון ווינט,
געזאָגט: „ראסטי, ראָדנאיא" אזוי היימיש, —
קאָן דוכטן, אז ס'וועט זײַן שוין גוט אצינד:
דאָס באסיעכידקעלע אין סאָד בא וואלענטינען,
דאָס בלאָנדע ביימעלע אליאָנושקא — עס וועט
אימירצעשעם א מאָקעם דאָ געפינען,
און האָבן וועט עס זאפטן אויך צו זעט...
גייט דורך א וואָך, און די בערעזקע צאנקט.
איר קאָרע — געל,

[1] וואלענטינע — מארק שאגאלס פרוי.

דאָס שטענגל — קראַנק,
די צווײַגלעך טונקעלע, פאַרטריקנטע זיך ברעכן.
און ס'זאָגט שאַגאַל צו וואַלענטינען: „דו באַרעכן —
אונטער דער הויט עס האָבן אויך בערעזעס אַ פּיגמענט,
און ווו זיי זאָלן וואַקסן, איז געווענדט
אין זייער ביימערשן כאַראַקטער.
דער וואָרצל באַם בערעזקעלע —
ווײַזט אויס, פון דער פּאָגאָדע דאָ ער בראַקנעט.
און הערסטו, ס'איז די זאַך אין דעם,
וואָס אין דעם סאָד אין אונדזערן עס פעלט
אַ הורבע שניי,
אַ פראָסט,
אַ פרישע קעלט"...

3. אַ ראָמאַנטישע געשיכטע, דערציילט פון מאַרק שאַגאַלן

אין אכצנטן יאָר אין הארבן
עס האָט ניט געפעלט קיין סאַך,
כ'זאָל ווערן פון אַלע פאַרבן
אין רוסלאַנד דער קאָמיסאַר.

געהאַט אַ מאַנדאַט כ'האָב טאַקע
פון לונאַטשאַרסקין אַליין
(מײַן קראַנקער, אָרעמער טאַטע
פון פרייד צי פון שרעק האָט געוויינט...).

„אָף אָנפירן, — איז געמאָלדן אין יענעם מאַנדאַט, — מיט די וויטעבסקער פרײַע מאָלער באַשטימט מען דעם כאַווער שאַגאַל..."

אין אָנהייב אַ רוף אַ שאַרפן
געדרוקט אין דער שטאָטישער בלאַט:
„וויטעבסקער קינסטלער! מיר דאַרפן
האָבן אצינד דעם פּלאַקאַט!

וויטעבסקער קינסטלער! אָקטאָבער
ווערט אַלט שוין א קײַלעכיק יאָר,
ער דאַרף נִיט די פאַרב פון לאָרבער,
קיין שווארצע אויך ניט, און גאָר.
אָקטאָבער וויל פאַרבן בונטע —
די רויטע פריִער פאַר אַלץ,
די ברוינע פאַרב די געזונטע,
די פאַרב פון ברויט מיט זאַלץ.
לעמאַנעשעם אויך די בלויע:
אָן הימלען עס איז ניטאָ
ניט קיין פרייד, ניט קיין טרויער,
ניט קיין טויב, ניט קיין קראָ.
אין הימל, אַף די פּלאַקאַטן,
מאָלט דעם מענטשן, אַזוי ווי ער פליט.
איבער דעכער מײַן אָרעמען טאַטן
לאָזט אויך מאַכן א צוויי־דרײַ טריט.
אין זיבעטן טאָג פון נאָיאַבער מאָנאַט
מיר דאַרפן באַפּוצן דעם יאָמטעוו דאָ הי.
כ'האָב געהערט, אַז איר פרעגט זיך אָנעט:
ווער באַצאָלן וועט פאַר דער מי? —
די רעוואָליוציע וועט צאָלן.
בײַטן די פאַרב — אין דעם איז די קונץ.
זאָלן אַלע מאָלער מאָלן! —
מאַרק שאַגאַל. קאָמיסאַר פון קונסט".

האַקיצער, אַוועק איז אַן אַרבעט.
אין סטודיע בא אונדז האָט געדאַכט:
פון אונדזערע רויטע פאַרבן
וועט אָנצינדן זיך דער דאַך!
יאָ, ס'איז דער יאָמטעוו געווען שוין
באַפּוצט מיט פּלאַקאַטן ניט שלעכט:
פליִענדיקע מענטשן
אַף פליִענדיקע פערד!

איבער די קאָלאָנעס —
פֿליִענדיקע נעשאָמעס!
העכער
פֿון די דעכער
פֿליט אונדזער געלעכטער!
אונדזער פֿרייד —
פֿליִענדיקערהייט!
פֿערד — בודיאָנים,
דאָס לעבן — נײַ,
פֿליִען קאָן עס
פֿראַנק־און־פֿרײַ!

— — — — — — — —
— — — — — — — —

געווען בין איך יונג — א מעכײַע!
קיין שעם אױף דער וועלט ניט געהאַט.
געטרוימט: אין דעם רויטן כאָיִל
זײַן א רויטער סאָלדאַט.

נאָר וואָס זאָל איך לאַנג דאָ ברײַען? —
אין צײַטן ארום, אין פּאַריזש,
געוואָרן איך בין א מין דײַען
אין אַטעליע לאַ־ריש.
געפּאַסקנט סײַ קונסט, סײַ מידעס
אין אונדזער באָהעמישן קרײַז,
און טאָמיד געדענקט כ׳האָב וויטעבסק,
באַדויערט באַנײַס און באַנײַס,
וואָס דעמלט, אין יאָר אין הארבן,
עס האָט זיך מיר בלויז געדאַכט:
אָט ווער איך פֿון אַלע פֿאַרבן
אין רוסלאַנד דער קאָמיסאַר.

פראנצויזישע ריוויערע, 1968

גענזאַנגען



דאָס געזאַנג וועגן יויסעף בומאַגין

דער אַרבעטער פונעם ביראָבידזשאַנער וועגענער־זאַוואָד, לייטענאַנט יויסעף בומאַגין האָט באַם אײַננעמען די שטאָט ברעסלאַו איבערגעכאַזערט דעם אומשטערבלעכן העלדנ־טאַט פון אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון. בומאַגין האָט מיטן אייגענעם קערפּער צוגעדעקט די אַמבראַזור פון א דײַטשישן דאָט. נאָכן טויט איז ער באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

ערשטער טייל

1

געקומען איז דער פרילינג און פאַרנומען
דאָס שלאַכטפעלד, די פּאָזיציע, די טראַנשייען:
דער באַרג־אַרויף צום ברוסטווער — שוין אין בלומען,
דער באַרג־אַראָפּ פון ברוסטווער — נאָך אין שניי.
וווּהין איז, לייטענאַנט, דײַן טרוים פאַרפלויגן —
דו בענקסט נאָך זומער צי דערמאָנסט די פרעסט?
א שטרויעלע פאַרלירט לעם דיר דער פויגל,
וואָס פליט פאַרבײַ צו בויען זיך א נעסט.
צי ווײַל ער פליט און דו האָסט זיך פאַרגראָבן,
צי ווײַל דעם פויגלס מי איז אַזוי דרייסט —
עס גלוסט זיך דיר א גלעט טאָן אים דעם שנאָבל

און אָפּווישן פון פליגל אים דעם שווייס,
זיך אופהייבן, ארויסגיין פון דער גרוב,
און ווי א גוטן פרײַנט דעם פויגל זאָגן,
אז דו האָסט אויך אמאָל פון וואלד געטראָגן
א בערוועגע אף בויען זיך א שטוב.

2

דער פריילעכער, דער פויגלשער געוויטל
דעם לייטענאנט האָט אזש געטאָן א שטויס...
ניט שוין זשע האָט ער אויך געכאַפּט א דרימל?
א הייב געטאָן זיך... און דער כאָלעם — אויס.
ער האָט זיך אומגעקוקט. די זעלנער שלאָפן
ווי פאַסטעכער באַטאָג אונטער דער זון:
די הענט צעוואָרפן און די מײַלער אָפן,
דער אָטעם פון דער פולער ברוסט — געזונט.
א האַלבע שאָ וועט דויערן די רו נאָך,
א האַלבע שאָ וועט שלאָפן נאָך דאָס פעלד,
דערנאָך וועלן מיט אויסגעקנאַל פון דונער
הארמאַטן אָפּגעבן צום אָנגריף א באַפעל:
— עס וויל דער יוישער, און דאָס היימלאנד וויל,
דעם סוינעמס שטאָט ברעסלאו זאָל הײַנט פאלן!

ס'איז פרילינג, לייטענאנט. פארפולט מיט שטראַלן
דאָס מידע אויג. און אף דעם פעלד איז — שטיל...

3

ער האָט א גראָב־אײַזן בא א סאַפּיאָר גענומען,
א קוק געטאָן פארבענקט אף דער טראַנשיי:
דער בארג־ארויף צום ברוסטוועער — שוין אין בלומען,
דער בארג־אראָפּ פון ברוסטוועער — נאָך אין שניי.
דאָס הארץ האָט אים א צי געטאָן צו ארבעט,
צו האָרעוואַניע האָט א צי געטאָן די הענט.
יאָ, יאָ, די מי אין קריג — זי איז א הארבע,

נאָר פון דער מי ניט וואַקסן אוים קיין וועגט.
עס גייען פון דער מי ניט אויף קיין ברויטן,
אין הײַזער ווערט ניט ליכטיק פון דער מי,
דו פּויזעסט אוים די ערד דורך זיבן טויטן,
דורך שוויים און בלוט — צו יענעם אינדערפרי,
ווען ס'וועט דײַן שטרענגע, דײַן געדעכטע שווערד
פאַרדאַמען דעם פאַרדאַרבענעם פאַרדאַרבער,
און ווידער וועט באַשערט זײַן דיר דײַן אַרבעט,
און האָרעווען וועט דיר ניט זײַן פאַרווערט.

4

דאָס וואַסער הייבט זיך אויף און וויל פאַרפּלייצן
דעם זעלנערס נעסט באַם פײַערדיקן ראַנד.
ס'זאָל טרוקן זײַן די ערד אונטער די פּלייצעס
בײַ די, וואָס רוען, האָט דער לייטענאַנט
א ריטשקע אויסגעגראָבן און דאָס וואַסער
פון דער טראַנשיי אַראָפּגעלאָזט אין פעלד,
געאַרבעט, ביז אויף אים געוואָרן נאַס איז
דאָס העמד דאָס הייסע אונטער דער שינעל.
ער וואָלט פאַרקאַטשעט זיך אַצינד די אַרבל
אויף אויסקאָרטשען א וואַלד צו דעם פאַרזיי,
דאָרט, אין דער טײַגע, איז אַזויפיל אַרבעט
אין אָנהייב פרילינג, ווען ס'צעגייט דער שניי!
צוריק מיט צוועלעף פרילינגן אַוואַדע
איז ער געקומען אין דעם ווײַטן לאַנד
אויף אײַנעמען און צוימען די בירא דאָרט,
אויף אײַנעמען און צוימען דעם בידזשאַן.

5

דער אַלטער וואַלד, דאָס טײַגע־לאַנד דאָס גרויסע
אויף זײַן באַצווינגער האָט געקוקט געהיים.
א פויגל האָט געפרעגט: — וואָס בויסטו, יויסעף?

און יויסעף האָט געענטפערט: — כ'בוי א היים!
— ס'וועט זײַן א קריג, און דו אין קריג וועסט שטארבן...
נאָר רויִק איז געבליבן יויסעפס בליק:
— די היים כ'וועל אויסבויען אין שווערער ארבעט,
און בויען כ'וועל זי אויך אין שווערן קריג,
די שטוב, וואָס איך שטעל אויף איצט בא דער בירע,
וועט בײַשטיין אין מילכאָמע און אין צאר,
ווײַל איך, דער בויער און דער היטער אירער,
וועל היטן אירע טירן פון געפאר!

6

ווען ס'ציילט דער קריג שוין זײַנע לעצטע שאָען —
וואָס קלאפּט אזוי דאָס הארץ בא דעם סאָלדאט?
דײַן זיג — ער איז אזוי שוין נאָענט.
געפין אים אף דעם זייגערס ציפערבלאט.
אָט ביסטו צו דעם סוינעס שטאָט געקומען,
דײַן שטאָט איז איצט באוואָרנט שוין פון ווײ.
דער בארג־ארוף צום ברוסטוואר — שוין אין בלומען,
דער בארג־אראָפּ פון ברוסטוואר — נאָך אין שניי.
די שאָ פון רו איז דורך, און איצטער — וואגן
און דרייסט זײַן אין דער שלאכט איז דײַן געבאָט.
— וועקט אויף פון שלאָף דעם לייטענאנט בומאגין!
— דער לייטענאנט בומאגין איז באם דראָט!
— דו רוסט ניט, יאָסעף? — פרעגט אין טעלעפאָן
דער קאָמאנדיר, און יויסעפס שטים ווערט הארבער:
— מײַן וווואָד און איך — מיר בענקען שוין נאָך ארבעט!
— נאָך ארבעט בענקסטו? הייב דעם אָנגריף אָן!

7

די זעלנער כאפּן אויף זיך און באווײַזן
פאר צוויי מינוט שוין גרייט זײַן צו דער שלאכט,
און יויסעף הערט זיך אײַן אין קלונג פון אײַזן,

אין אָטעם פון די זעלנער — און ער טראכט:
„דאָס גאַנצע לאַנד און אויך מײַן ווײַטע געגנט
איז אַף דער פּאָדערליניע אין אָט דעם גאַנצפרי.
ס'וועט זײַן א צײַט — מע וועט דעם בויער וועקן
צו פּראָסטער האָרעוואַניע — צו מי...״
געראַם און שטיל און וואַרעם אין דער ברוסט ווערט,
און פול מיט שײַן דאָס האַרץ ווערט און דער בליק.
ער לייגט די הענט אַנידער אַף דעם ברוסטטוער
צום קוילנוואַרפער — און דערפילט דאָס גליק,
גלײַך ער וואָלט צוגעריירט צו ניט־דערבויטע ווענט,
צו פעלדער און צו לאָנקעס און צו פּאַסעקעס
די קנאָכיקע, די ביינערדיקע האָרעפּאַשניקעס,
די אָדערדיקע, די מאָזאָליעדיקע הענט.

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל

פון לאַנדס דערוואַכטער טיף, פון לאַנדס באַוואַכטע ראַנדן
עס זאַמלט זיך צונויף אינײַנעם דאָס געזינד
פון ווײַטע און פון נאָ'נטע געגנטן און קאַנטן —
א בליק טאָן צו דעם פראָנט, א מאָן טאָן באַ די זין,
זיי זאָלן גיכער מענאַצייעך זײַן דעם סוינע,
א הילך געבן אַף הונדערטער לעשוינעס:
— דו רויבער־פּלאַם, דו קוילער־שטאַם, פאַרשווינד!

דער רוסישער אוראַל, דאָס סטעפּישע קאַזאַך־לאַנד,
ווײַסרוסלאַנד, אוקראַינע און קובאַן,
קאַווקאַז, דאָס הויכע לאַנד, און דאָס ריאַזאַנער פלאַכלאַנד,
און גרוזיע, און אַזערבײַדזשאַן —
זיי קומען זיך צונויף. זיי האָבן זיך באַגעגנט.
און צווישן זיי איז אויך די סאַמע יינגסטע געגנט,
דער קאַנט באַ דעם אַמור, דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן.

די געגנט גייט צום פראָנט. סיביר שפּרייט אויס די וועגן,
אַף אקסל פון די בערג אוראל טראָגט זי אהין,
און ס׳כידעשט זיך די וועלט: זי איז נאָך יונג, די געגנט —
זי האָט שוין אין געפעכט געשיקט אויך אירע זין?
און ס׳ענטפערט אַף דאָס לאנד, אַן ענטפער גיט דער ראכוועס:
— די יונגפרוי האָט שוין זין! די יונגפרוי קלײַבט שוין נאכעס!
זי האָט פארדינט שוין רום אין אונדזער גרויס געזינד!

די געגנט קומט צום פראָנט. עס קלאַפּט אין בלוטן אירע
א צאָרנדיקער ווילן: אָפּצאָלן פאר אלץ,
פארקלאמערן די שטײַפע פינגער פון דער בירע
מיט קויעך און מיט האס אַף שפּרייעס טרייפן האלדז.
פאר דעם, וואָס זי האָט וועלטן אויסגעווייקט אין טרערן,
פאר ווילדן לוסט צו טויט, צו בלוט און צו צעשטערונג,
פאר אומגליק און פאר וויי — פאר אלץ, פאר אלץ! —
א סאָפּקע, ווי א שטיין, א וואָרף טאָן איר אין פּאָנעם!

עס רופט זיך אָן דער פראָנט: „ביראָבידזשאן, באַווײַז,
וואָס האָסטו הײַנט געבראכט די זעלנער, דײַנע באָנים?
פון טײַגע א באפעל? פון הינטערלאנד א נײַעס?”
„אָ, גרויסער פראָנט, — די געגנט ענטפערט ווילִיק, —
דו ווייסט, אז איך האָב זין אין לאנד, וווּ ס׳איז איצט פרילינג,
און זין האָב איך אויך דאָרט, וווּ ס׳איז אצינד נאָך אײַז,
נאָר דער, וואָס לעם ברעסלאו גייט איצט אין אטאקע,
ער איז בא מיר דער בכאָר. די ביקס איז אים פארטרויט.
איז פיר זשע מיך אהין, וווּ דאָס געפעכט איצט פלאקערט,
וווּ ס׳צינדט זיך אָן דאָס ליכט, וווּ ס׳לעשט זיך אויס דער טויט.
איך וויל דערמונטערן מײַן העלד און אים באדאנקען,
איך האָב געבראכט אים פון דער היימשטאָט א טאטשאנקע,
פון דעם זאוואָד, וואָס ער אליין האָט אים געבויט”.

און פונקט ווי אין טײַגא זי פלעגט באגלייטן טרײַ אים,
באגלייט זי אים אין שלאכט און גיט אים מיט אין וועג

א שאַרפשטיין פון כינגאַן — אַף שלייפן דעם קלייזיניען,
די כאַכמע פונעם וואַלד — די טוירע פון געיעג,
זי גיסט אים אָן אין פליאַגע היילוואַסער קולדורער,
די האַנט זי גורט אים אָן מיט גיבער־קראַפט אמורער:
— גיי, יויסעף, אין דיין לעצטן גרויזאַמען געשלעג!

דריטער טייל

די צוועלעף קוילנוואַרפערס פון בומאַגינס ווזוואָד —
זיי שטעפּן אוים א שטיקל פריַיע ערד — א טראָט
פאַר דער פעכאַטע אין די פאַרשטאָטישע ליקן.
די טאַנקען זיינען שוין אַריַין אין שטאָט,
אין פלאַם און רויך דעם סוינעם לייט זיך שטיקן.

עס נעמט די שלאַכט צעפירן זיך די הענט —
זי אייַלט, זי רוישט, זי וואַלגערט און פאַרברענט
און טריקנט אוים די ערשטע פרילינג־טויען.
די מענטשן האַרעווען אַרום פאַרקוילטע ווענט,
גלייך ווי די שטאָט אַפּסניי זיי וואָלטן בויען.

ארויף־אַראָפּ פון שטאָק צו שטאָק מע לויפט,
אַף דעכער שאַרט מען קופּעס שטיין צונויף —
אוועקלייגן אַף זיי די ביקסן־רערן,
און דעם, וועמען ס'געהער איצט נאָר איין הויף, —
די גאַנצע שטאָט וועט היינט צו אים געהערן.

בומאַגינס קוילנוואַרפער רייַסט זיך צו דעם קריג
מיט פייַקל־גלעקעלעך, וואָס ציטערן צעוויגט
אין קוילן־לענטעס, פולע מיט נעקאָמע,
צי עפּשער איז עס גאָר א גלאָק פון זיג,
וואָס זאָגט שוין אָן דעם סאָף פון דער מילכאָמע.

די פאָרשטאָט ברענט, ווי אויסגעטריקנט גראָז,
זי פּלאַצט און פאַלט און קרישלט זיך ווי גלאָז

אונטערן טראָט פון זיגער און באפרייער.
און יויסעף ליגט באם אָנגעגליטן שלאָס
און טוט א וויקל אָפּ דאָס שנירעלע פון פייער.

אזוי איז ער געשטיגן איבער ווענט:
דעם קוילנוואַרפער אופגעהויבן אף די הענט,
דאָס אייזן האָט אף דלאָניעס זיך צעקלונגען.
א טראָט. און ווידער ליגט ער צו דעם שלאָס געלענט —
און טוט א וויקל אָפּ דאָס שנירל שארפע פונקען.

בומאגין זעט: דער רויך איז שווארץ, ווי פעך,
דערמאָנט ער זיך א סרייפע אין זיין צעך.
אין וועגענער־זאַוואָד. דעם פלאַם געלאָשן
עס האָבן זיינע הענט, וואָס היינט מיט רעכט
א העלן פלאַם אין סוינעס שטאָט צעבלאָזן.

א הויף און נאָך א הויף. דער פיינט טרעט אָפּ אין שטאָט.
און פלוצעם זעט בומאגין: שטעכיק דראָט
אין פינעף רייען. ריוון. טיפע גריבער.
בא דעם אריינגאנג שטייט א פּוסטער דאָט —
א שוימער פונעם טויט־לאגער געבליבן.

בא גריבער ליגן די הארוגים ענג:
א זאָקן — איינגעקאָרטשעט, ווי פון א געדרענג,
א יונג — די הענט באם הארצן, ווי ער וואָלט געשווירן,
און צווישן זיי א פרוי — דאָס פּאָנעם שטרענג,
גלייך בא דער גרוב זי וואָלט דער וועלט א קינד געבוירן.

— אָ, דייטשלאנד, דייטשלאנד! — שרייט בומאגין אויס,
און אף ברעסלאו הייבט ער אוף א פויסט,
וואָס הארט איז ווי דאָס לעדער פון זיין ראנעץ.
און ער דערזעט: פון גרוב א מענטש וואקסט אויס.
ער שעפּטשעט שטיל: «Ти руський, чи германець?»

דער לעצטער מענטש. דער איינציקער. ער גייט.
איין אויג בא אים איז נאָך מיט שניי פאַרווייט,
אין צווייטן אויג א זון־שטראַל שוין פאַראַן איצט.
ער גלייבט נאָך ניט דער לויכטנדיקער פרייד,
ער פרעגט בא יויסעפן: «Ти руський, чи германец?»

— איך בין א רוסישער סאָלדאַט, א ייִד פון יענער זײַט סיביר! —
שרײַט יויסעף אויס, און דער אוקראַיִנער פירט
אים דורך די דראָט־פאַרצוימונגען אַריבער.
— געווען אויך ייִדן דאָ... ניט זוך זיי, זאָג איך דיר,
שטעל זיך א רעגע אָפּ נאָר בא די גריבער.

א בליק געטאָן האָט נאָר בומאַגינס ווזוואָד...
און פרישער צאָרן אופגערודערט האָט
די הערצער בא די זיגער און באַפרײַער.
ברעסלאַו ברענט! זי ברענט, די דײַטשע שטאָט!
דער סוינע לויפט! — דערלאַנג, דערלאַנג אים! פײַער!

— איך בין א רוסישער סאָלדאַט, א ייִד פון יענער זײַט סיביר,
עס האָבן די כינגאַנער בערג מיך אופגעהויבן איבער צײַטן האַרבע.
די סיביריאַקעס כידעשן זיך, קוקנדיק אף מיר,
ווי איך בין היימיש מיטן קריג און מיט דער אַרבעט.

מײַן דאָר איז אויסגעוואַקסן אף א רוסיש פעלד
מיט שטאַרקע אָדערן, מיט ברייטער ברוסט — אין מי דערוואָרבן,
און ווי א ברודער בין איך ענלעך אף מאַטראָסאָוון דעם העלד,
און ווי א זון בין איך געראָטן אין באַר־קאָכבען.

איך בין א רוסישער סאָלדאַט. אף פלעצער פון איירָאָפּע כ׳קום
ווי א באַפרײַער, ווי א ייִד און ווי א ריכטער,
איך קום מיט די, וואָס היטן אָפּ די שײַן פון רוסלאַנדס זון
און דאָס סאָוועטיש גליק זיי לאָזן ניט פאַרניכטן.

דער פײַנט האָט אויסראָטן געוואָלט מײַן שטאַם,
און איך לאָד אויס אף אים מײַן האַרץ, ווי א גראַנאַטע,

איך בין א רוסישער סאָלדאַט. געשיקט האָט מיך ביראָבידזשאַן.
איך קום מיט די, וואָס גייען וועלטן ראַטעווען!

פערטער טייל

1

זע, געגנט ייִדישע, דײַן בכאָר איז שוין דערגאַנגען
צו פּלעצער פון ברעסלאַו. דאָ וועט ער
דאָס לעצטע מאָל אַרויסגיין אין געראַנגל
פאַר דעם, וואָס איז אים טײַער אויף דער ערד.
קוק, געגנט ייִדישע, און זײַ אַן איידעס,
ווי שיין עס איז אין דער מינוט דײַן בכאָר;
ניין, ניט פאַרפלעקט דעם רום פון זײַנע זיידעס
און אָפּגעהיט דעם קאָוועד פון זײַן דאָר.

2

ס'איז ענג און נאַס און שטויביק אין דעם קעלער,
ווו ס'כאַפּט דעם אָטעם איבער יויסעפּס ווזוואָד,
און באַלד וועלן די אויסגעווייקטע זעלנער
אַרויסגיין אויף צו שטורמעווען א דאַט.
זיי ווייסן נאָך ניט, ווער עס וועט דאָרט פאַלן,
זיי זיצן אין א קרײַז און ריידן שטיל.
סערזשאַנט גאַשווילי זאָגט: — איך בין א באַלן
נאָך לעבן אכציק יאָר.
— און איך, איך וויל, —
זאָגט דער פּאָלטאַווער פויער קאָלאָדי, —
דערלעבן ביזן זיג... און גלייבט, סאָלדאַטן,
אַז טרוימען איצט פון אכציק יאָר איז פרי,
מע דאַרף, דער זיג זאָל עס אפרי'ר באַשטאַטן...

3

מע גיסט די פּליאַגעס אָן, מע טרינקט „לעכאַים”.
בומאַגין צום ארויסגאַנג שטעלט א טראָט:
— סאָלדאַטעלעך, די סעכערעס צעקייַעט —
אַניט וועט איר ניט איינבייַסן דעם דאָט...
אַזוי — מיט גרינגע הערצער, ווי אַף אַרבעט,
מע גייט אין פייַער רויִק און באַדאַכט.
אָ, ווער פון אייַך וועט יונגערהייט הייַנט שטאַרבן,
סאָלדאַטן, האָרעפּאַשניקעס פון שלאַכט?
אָ, ווער פון אייַך — געזונט און שטאַרק און שיין,
מיט ליכטנדיקע טרוימען און באַגערן
וועט אַפן ראַנד פון אונדזער זיג פאַרגיין,
ווי אַפן ראַנד פון טאָג ס'פאַרגייט א שטערן?..

4

ביראָבידזשאַן! פון ווייַטע שטשוקאַפּאַקטוי־בערג
צו גרוזיע דייַן ווייַ־געשריי שרייַ אויס:
דעם ערשטן האָט צעפּיקט דער דאָט דער רויבער
גאַשווילין, וועמענס לעבן ס'האָט געברויזט
ווי וויַין צעשוימטער אין אַן ענגן לאָגל.
בומאַגין האָט פאַרקריצט פון ווייַ די ציין:
א סאָפּקע וואָלט ער איצט אַהער דערטראָגן, —
אין סוינע זי א וואָרף טאָן ווי א שטיין!
צום דאָט עס פויזעט צו דער לייטענאַנט
און די גראַנאַטעס נעמט אַראָפּ פון גאַרטל,
און ביז ער וועט א רים געבן די האַנט,
וואָלט ער א ווייַלע ליגן נאָך און טראַכטן.

5

נאָר ס'שלאָגט די שאָ. קוק, ביראָבידזשאַן, מיט כידעש
און דעם געוואַגטן זון דייַנעם דערקען.

ווער האָט מיט קראפּט געבענטשט דאָס הארץ דאָס ייִדיש?
ווער האָט בא שימשענען אפּסניַי געשטארקט די הענט?
דער רוסישער אוראל, דאָס סטעפּישע קאזאך־לאנד,
וויַיסרוסלאנד, אוקראַינע און קובאן,
קאווקאז, דאָס הויכע לאנד, און דאָס ריאזאנער פלאכלאנד,
און גרוזיע, און אזערביַידזשאן,
דו, ייִדישער, באזונטער, שיינער קאנט —
באוואָרנט אים, געבענטשט אים און געכאָוועט,
אז מיט דעם יונגן וואָרט „בירָאבידזשאן"
זאָל ער אין שלאכט איצט הייליקן דיַין קאָוועד.

6

ער האָט מיט צוויי גראנאטעס אופּגעריסן
איין קוילנווארפער אינעם דיַיטשן דאָט,
נאָר ס'האָט א צווייטער באלד גענומען שיסן,
א צווייטער, וואָס ביז איצט געשוויגן האָט.
און יויסעף האָט ניט קיין גראנאטעס שוין באם גארטל,
איז וואָס זשע בליַיבט דיר טאָן איצט, לייטענאנט?
— איך האָב א ברוסט א ברייטע און א הארטע,
און אויך א הארץ א יונגס בא מיר פאראן...

7

און אין דער לופט שוועבט דורך א רוסיש פּאָנעם,
א שלאכטמאן אין א פּעלץ, פּארשנייט, פּארוויט —
בומאגין, דוכט זיך, בא דער האנט נעמט אָן אים:
— מאטראָסאָוו! — האָט בומאגין זיך דערפרייט. —
דעם וועג, וואָס דו האָסט איינמאָל שוין באטראָטן,
ער שטייט מיר פאָר איצט, אָט דער וועג פון מוט.
כ'בין רוסלאנדס א סאָלדאט, אין דיר געראָטן,
ס'פאלט אף איין וואָגשאָל אונדזער ביידנס בלוט...
מאטראָסאָוו גייט. זיַין לויכטנדיקער שפּור
פירט יויסעפן ארויס צום דאָט צום שווארצן,

און יויסעף וואַרפט זיך אַף דער אמבראַזור
און דעקט זי צו מיט צאַפּל פון זײַן האַרצן.

8

געקומען איז דער פרילינג און פאַרנומען
ברעסלאַו, דײַטשלאַנדס אײַזערנע טראַנשיי.
דער באַרג־אַרוף באַם אָדער — שוין אין בלומען,
דער באַרג־אַראָפּ צום ריין איז נאָך אין שניי.
די רויבער־נעסט — צעקרישלט און צעבראָכן,
און ווי אַ יעגער נאָך אַ שווער געיעג,
בומאַגין ליגט באַם טויער פון ניצאָכן,
די הענט אוועקגעלייגט אַף דעם באַפרײַטן וועג —
גלײַך ער וואָלט טראָגן צו די ניט־דערבויטע ווענט,
צו פעלדער און צו לאָנקעס און צו פּאַסעקעס
די אָדערדיקע, די מאָזאָליעדיקע הענט —
די קנאָכיקע, די ביינערדיקע האָרעפּאַשניקעס.

9

— נעם, געגנט ייִדישע, בומאַגינס רום און פיר אים
אַרײַן מיט קאָוועד אין לעגענדעס פון דײַן שטאַם,
ס'זאָל יויסעף זײַן דער יונגער שיר־השירים
פון אַלטן פאָלק זײַנעם אין לאַנד ביראָבידזשאַן.
קער אום זיך צום אַמור. סיביר שפּרייט אויס די וועגן,
אַף אַקסל פון די בערג אוראַל דיך טראָגט אַהין,
און ס'כידעשט זיך די וועלט: זי איז נאָך יונג, די געגנט,
נאָר זי האָט שוין געבראַכט דעם לאַנד גיבוירים זין.
די יונגפרוי האָט פאַרדינט שוין רום אין גרויסן קריג,
די יונגפרוי האָט גענומען פאַר איר פאָלק נעקאָמע.
אַף ראַכוועסן פון לאַנד עס קלינגט דער גלאָק פון זיג
און זאָגט שוין אָן דעם סאָף פון דער מילכאָמע.

1948

דאָס געזאַנג וועגן קאַלמענס הענט

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

1

ווען קאַלמען איז אַרײַן אין הויכן קאָרן,
האָט ער דערהערט בא סקירדעס א געזאַנג:
„אַראָפּלאָזן די האַנט וועסט אַף א דאָרן,
און אופהייבן די האַנט וועסט מיט א זאַנג"... —
איז ער געבליבן שטיין אין פעלד דערשיטערט,
דערפילט אין אַרבל פון דעם כאַקי־העמד
א ווייטעק אין די אָפּגעהאַקטע גלידער,
א פּוסטקײַט דאָרט, וווּ ס'דאַרפן זײַן די הענט.

ניט זינג, ניט זינג, פאַרהאָרעוועטער זינגער,
ניט זוך קיין ענטפער — צי גערעכט, צי ניט גערעכט,
ס'האָט קאַלמען איצט אפילע ניט קיין פינגער
אַף אָפּרײַסן א בלימל פון דער ערד.
פון זינט ער האָט אין קריג די הענט פאַרלאָרן,
האָט אים געפּלאָגט איין־איינציקער געדאַנק:
די האַנט, וואָס האָט געקאָרטשעוועט א דאָרן,
וועט קיינמאָל שוין ניט אופהייבן קיין זאַנג.

2

ס'איז ברייט דאָס פעלד און פול מיט אלע כיינען,
מיט פרוכט, מיט שפיל, מיט זומער־לעב און פארב,
און קאלמעגעץ עס וויל פון זיך אנטוויינען,
כאָטש לייג אוועק זיך אף דער ערד און שטארב.
וואָס דארף א צײַטיק פעלד צוויי פוסטע ארבל?
וואָס דארף עס אָט דעם וויטעק אָן א מאָס?
דאָס פעלד דארף הענט, וואָס קאָנען טאָן אן ארבעט,
וואָס קאָנען זאנגען שנײַדן, קאָסיען גראָז.

און קאלמען שטייט, ווי אפן פראָסט, און ציטערט,
נאָך הייסן קריג — דאָס ערשטע מאָל אין פעלד.
אָ זינגער, זינגער! זינג אים ניט די לידער,
פון וועלכע שווער דער אָטעם אים פארפעלט.

3

דאָס פעלד פארלויפט דעם וועג אים. זאנגען רוישן.
ער ווענדט זיי אָפּ, די זאנגען, מיט די קני,
פארהייבנדיק די פיס, ווי אין א כוישעך,
כאָטש ליכטיק איז אין פעלד דער אינדערפרי.

באקאנט דאָס אָרט איז: די באזונטע ריאָלקע,
דער פליין — א ברייטער ראכוועס פאר דעם בליק,
און ס'דאכט זיך אים: אפילע אָט דער וואָלקן —
דער זעלבער, וואָס מיט פינעף יאָר צוריק.

צי וויסן זיי, די זאנגעלעך די שטאָלצע,
די פלאקסענע פארברוינטע קאָרן־קעפּ:
ווען קאלמענס הענט מ'זאָל ברענגען פון שפיטאָל איצט,
זיי וואָלטן אָן דעם גוף דאָ אופגעלעבט...

4

אינמיטן פעלד דערזעט ער שטיין א צעדער,
צעוואקסן אין דער ברייט און אין דער לענג.
עס טוט דער בוים א טרייסל מיט די בלעטער:
„גוטמאָרגן, דאָברי מאזל. דו גערענקסט?..״
און קאלמענען דערמאָנט זיך א באגינען,
מע האָט געענדיקט קאָרטשעווען דאָס פעלד.
איין צעדער נאָר, א שלאנקן און א גרינעם,
האָט קאלמענס שארפע האק מיט גנאָד פארפעלט.
ער האָט געוואָלט, דער בוים זאָל אים דערמאנען,
פארבלייבנדיק דאָ שטיין — זאָל זיין מיט גוואלד, —
אז אָט דאָס ברייטע פעלד ביראָבידזשאנער
געווען אמאָל איז א געדיכטער וואלד.

און נאָך קומט אפן זינען יענע רעגע,
ווען ס'לעצטע מאָל געשטאנען דאָ ער איז,
מיט יעדער צווייג פון צעדער זיך געזעגנט,
אליין ווי אָט דער צעדערבוים — א ריז.
א שפאס געטאָן האָט קאלמען: „דאָברי מאזל!
דו קוקסט אזוי, גלייך וואָלסט מיך ניט דערקענט.
אוי, נאָכן קריג כ'וועל שינדן פון דיר פאסן,
אן איידעם האָסטו — מיינע שטארקע הענט״...

דער זעלבער בוים... ווי שלאנק און הויך געשטיגן,
פארוואָרצלט זיך נאָך שטייפער קעגן ווינט.
אף גרינער צווייג עס הוידעט זיך א וויגל —
געלאָזט האָט דאָ א פויערטע איר קינד.
און קאלמענען צו זיך ער רופט, א סוואָרע:
„ביסט, דאָברי מאזל, כ'זע, פון צאָרעם מיד.
מיט וואָס וועסטו מיר שינדן איצט די קאָרע?
איך בין א גוואר, און דו — אן אינוואליד!״

5

ווען קאַלמען מײַדט דעם צעדער אויס מיט ווירדע,
א ווײַטער קלאַנג דערטראָגט זיך צו אים קוים —
צי ס'רופט דאָס קינד זײַן מאַמע פֿון דער סקירדע,
צי קאַלמענס יונגנט רײַסט זיך פֿונעם בוים...
ניין, ניט דאָס קינד,
ס'פֿאַרגאַנגען לעבן אויך ניט,
דאָס האָט א ווינט א שפּיל געטאָן פֿאַרשײַט,
פֿאַרשטויבטע זאַנגען האָבן זיך צערויכערט,
ווי ס'וואָלט דער פֿאַל געטליִעט דאָ ניט ווײַט.
מיט אומרו קוקן אין דער הייך די שניטער,
פֿון גראָזוע כמאַרעס ווייסן זיי דעם מיין.
א מיידל שרײַט: „ס'רוקט אָן זיך א געוויטער!" —
און אפֿן ווינט זי בלײַבט פֿאַרציטערט שטיין.
צעשויבערט, בלייך זי שטייט אנטקעגן אַלעמען,
א רעגע קוקט זי זיך נאָך אײַן מיט ווײ
און טוט פֿון אָרט א ריס זיך:
„קאַלמען! קאַלמען!"
און ס'בלײַבט אין האַלדז איר שטעקן דאָס געשריי.

אָט איז ער, איר געליבטער, בא די גאַרבן.
זיך אומגעקערט. צי ס'האָט זיך אויסגעדאַכט?
ער טוט א טרייסל מיט צוויי פּוסטע אַרבל,
ווי גלײַך דעם ווינט ער וואָלט אין זיי געבראַכט.
ער שטייט. ער רירט פֿון אָרט זיך ניט. עס יאָמערט
דער שנײַדנדיקער ווינט, וואָס האָט אהער
געבראַכט פֿון דער פֿאַרענדיקטער מילכאָמע
א וואָלקן, ווי אַן אויסגעהיטע טרער.

„אוי, קאַלמען, קאַלמען! דאָס בין איך דאָך, בראָכע"...
יאָ, קאַלמען זעט: אנטקעגן ווינט זי שטייט,
די ווײַסע הענט — פֿון גרויס דערשרעק פֿאַרבראָכן,
אין אויגן — פֿון באַגעגעניש די פֿרייד...

צווייטער טייל

1

א יונג — א ריז, א ריז אָן הענט,
צום הימל דאָס געזיכט פארריסן.
דער קוי'ך אין אויגן זײַנע בלענדט,
די קראפט ארײַן איז אין די פיס אים.
פון הארץ די פײַן — זי וועט פארגיין,
מ'האָט דען אזוי דעם יונג געכאָוועט,
אז זײַן ער זאָל, ווי פראָמעטיי,
צום גרויסן אומגליק צוגעקאָוועט?
אויב פײַער האָט ער יאָ געגארט,
אין שלאכט געטראָגן הייליק פײַער —
איז ער דאָך ווערט, ווי יענער גוואר,
פון וויי זיך גרויסמוטיק באפרײַען.

2

ס'איז דורכגעגאַן א שאָ, ניט מער,
די שאָ געבראכט האָט א געוויטער,
און קאלמען זיצט שוין אף דער ערד
מיט בראָכען און מיט אלע שניטער.
צי ס'טוט אים ווי נאָך? יאָ, געוויס —
מ'האָט אים די הענט ניט אָפּגעגעבן.
נאָר אליץ, וואָס נאָגט אים און פארדריסט,
האָט ער געדעקט מיט גלוסט צום לעבן.

עס טוט אים בראָכעס האנט א ברי,
מיט א געזונטן כיין פארגאפט אים —
אָן אָנגעגאָסענע מיט מי,
אָן אויסגעגאָסענע פון זאפטן.
די האנט איז אומרויִק. זי וויל
זיך אָנשפארן אף קאלמענס פלייצע.

דאָס פעלד מיט כמארעס איז פארהילט,
עס דראָ'ט דעם קאָרן א פארפלייצונג!
„וואָס טוט מען, קאלמען? דו ביסט דאָך
אזויפיל וואסערן אריבער,
פארנעם זשע איצט דעם עלטסטנס אָרט
און גיב דעם קוי'ך דיינעם אונדז איבער".
עס טוט זיך קאלמען ניט קיין ריר —
אזא געבאָט שוין בא סאָלדאטן:
ווער ס'קאָן ניט האלטן קיין גראנאטע,
דער קאָן ניט זײַן קיין קאָמאנדיר...

3

א דאָרפיש יינגל אפן שליאך —
נאָך ווייט פון סטויג, און עפעס שרייט שוין.
ער בײַסט אן עפל, שטיפט און לאכט,
און זיך אליין פאטשט מיט א בייטשל.
אין לענדן א געזונטע קראפט.
ער לויפט מיט א פארריסן קעפל,
זײַן מויל פארשניטן איז אין זאפט,
אף ציינער וועפט זיך אוים דער עפל.
די הויט פון פרוכט אף רויטער ליפ —
ווי אף א קאוון־שניט א גרעזל,
און, גלײַך ניט ער האָט ערשט געשטיפט,
געבליבן שטיין...
„איך האָב פארגעסן,
ווער ס'איז דער עלטסטער דאָ... נאָר שאט —
אליין צו טרעפן כ'בין א באלן..."
און ס'קוקט אף קאלמענען דער יאט,
אף זײַנע אָרדענס און מעדאלן.
די שניטערס קוקן. בראָכבע קוקט.
באם יינגעלע די אויגן גלאנצן:
„נו, האָדיע, קאָמאנדיר, גענוג —
א בריוו אײַך פון מעטעאָסטאנציע".

4

דער בריוו איז קורץ, דער בריוו איז שטרענג.
ער ברענגט קיין טרייסט און גיט קיין אייצעס.
א שווערע דײַגע בלויז ער ברענגט:
ס'הייבט מאָרגן אָן זיך די פארפלייצונג.
מע איז געבליבן זיצן שטיל.
מע האָט געקוקט אין הימל בלאסע,
ווײַל יעדער איינער האָט דערפילט:
דאָס ברויט שטייט ביזן האלדז אין וואסער.

5

ס'דערמאָנט זיך קאלמען... נאָכאמאָל
ער לעבט איצט איבער יענע ווייען...

דאָס איז געווען אונטער אָריאָל.
אף א פארסארפעט פעלד — טראנשייען.
באם הויכן ראנד דער סוינע ליגט,
און מיר — ווי אפן דנאָ פון פליאנגע.
און מאָרגן — אָדער אונדזער זיג,
אָדער א טויט אין דער אטאקע.

און פלוצעם ברענגט דער ועסטאָוואָי
די נײַעס, אז זײַן וועט א געוויסער.
פארפלייצונג איז פאר אונדז דער טויט.
דאָס וואסער וועט אונדז דאָ פארגיסן...

עס ווערן קאלמענס אויגן פײַכט,
ווי שווימען וואָלט דאָרט זײַן געוויסן:
„דעם אָנגריף אָנגעהויבן גלײַך!
דעם וועג פארלאָפן דעם געוויסער!"

דריטער טייל

1

ס׳האָט קאַלמען זיך געמאַכט אַן אָרט צווישן די שניטער
און, ווי ער וואָלט געווען אַ פּאַסטעך דאָ באַם שניט, —
די שעפּעלעך, די זאַנגען, גאַרבנוויַיז געפּיטערט,
דערנאָכדעם זיי אין סטויג פאַרטריבן און געהיט.

דאָס קאָרן האָט געקניט, צו וואָרצלען צוגעפאַלן,
גלײַך קאָרעטעס מיט וואַסער וואָלט עס דאָרט געזוכט,
נאָר קאָסעס זײַנען עס מיט קלינגערײַ באַפאַלן,
די ערשטע האָבן זיי דאָס קאָרנברויט פאַרזוכט.

דערנאָך געפּרוווט דאָס ברויט האָט קאַלמען. מיט די ציינער
די קערנדלעך צעמאָלט. געקײַט און זיך געקוויקט.
ער האָט געפילט, ווי דאָ, אױף אָט דעם פעלד דעם קליינעם,
דאָס האַרץ זײַנס טײַעט אָפּ פון אײמעדיקן קריג.

ער איז געווען מיט זאַכן פּאָשעטע פאַרנומען —
באַוואָרנט און באַשטאַט, אַז אין אַ ווײַטן סטאַן
צום טרינקען זאָל מען ברענגען וואַסער פונעם ברונעם,
צום עסן זאָל מען ברענגען קאַשע מיט פּאַזאַן.

דעם אָפּרו דאָ געהיט אַזוי ווי אױף מילכאָמע,
געוווּסט האָט דער סאָלדאַט די פּרײַז פון אַ פּריוואַל.
נאָך שווערער מי האָט מען אָטכײַעט די נעשאָמע
מיט אַ פאַרבענקטער ליד...

2

אין שכיינעסדיקן וואלד
בא האָלצהעקער געווען איז איצטער אויכעט שניט־ציַיט,
געוואַרט האָבן אַף סאָסנעס ניט דערבויטע ווענט.
און פּלוצעם איז געקומען קאַלמען א פאַרשוויצטער
און אויסגעשריגן: „הענט! דעם פעלד עס פעלן הענט!"
מע האָט דערזען: בא קאַלמענען זיַינען די אַרבל
פאַרשטעקט אונטער דעם רימען — הייסט עס, אַז דער מענטש
האָט שוין מיט זיַינע הענט געטאָן א שווערע אַרבעט,
און ווען ער רופט צו מי, איז ווי ער וואָלט געבענטשט.
דער וואַלד האָט זיך צערוישט: „דאָס ברויט איז איצטער
וויכטיקער!
גייט ראַטעווען דאָס פעלד! גייט, האָלצהעקער, אַהין!"
און ס׳האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין פעלד צו די קאָלווירטניקעס
די שניטער פונעם וואַלד, דער טיַיגעס שטאַרקע זין.

דאָס קאָרן האָט געקניט, צו וואָרצלען צוגעפאַלן,
גליַיך קאָרעטעס מיט וואַסער וואָלט עס דאָרט געזוכט,
און קאָסעס זיַינען עס מיט קלינגעריַי באַפאַלן, —
דאָס ניַיע ברויט מיט כיישעק האָבן זיי פאַרזוכט.

פערטער טייל

1

באַגינען. ס׳איז פאַרסקירדעוועט דאָס קאָרן.
אַרום די סטויגן טראָגט זיך א געזאַנג:
„אַראָפּלאָזן די האַנט ווּעסט מיט א דאָרן,
און אופהייבן די האַנט ווּעסט מיט א זאַנג!"

זיי גייען ביידע: קאַלמען גייט און בראָכע.
דאָס מיידל שטיפט. דאָס לעבן אין איר ברויזט.
דעם פּוס זיך מיט א שטעכלקע פאַרשטאָכן —

א ווּנק צו קאַלמענען: נו, שלעפּ אַרויס...
אינמיטן פעלד מע שטעלט זיך אָפּ באַם צעדער,
צום אַלטן שטאָם די פּלייצעס צוגעלענט.
און קאַלמען זעצט זיך צו. באַ בראָכען בעט ער:
„פאַרדריי מיר א ציגאַר... מיט דײַנע הענט".

2

דער בוים — דער זעלבער. שלאַנק און הויך געשטיגן,
פאַרוואָרצלט זיך נאָך שטײַפער קעגן ווינט.
אױף גרינער צווײַג ניטאָ איז שוין דאָס וויגל —
מ'האָט אָפּגעטראָגן צ'ריק אַהיים דאָס קינד.
פון גראָז די רייכעס שלעפערן און רייצן.
ס'דערגייט צו קאַלמענען א שטיל געוויין קוים־קוים —
צי ס'האָט דאָס פעלד דערפילט שוין די פאַרפלייצונג,
צי עפּעס מווירעדיקס דערפילט עס האָט דער בוים...

3

עס הייבט זיך אָן... עס הייבט זיך אָן!
א ציטער
נעמט דורך די סטווגן. ס'טוט א בלאָז מיט קעלט.
דאָס טראָגט זיך אױף דעם פעלד א נײַ געוויטער.
א ווירבל־ווינט, א שטויב־געדריי אין פעלד.
א ווײַסער בליץ האָט אַלעמען פאַרבלענדעט
און זיך מיט האסט פאַרשניטן אין דער ערד.
ווּ אָנגעהויבן זיך, און ווּ — געענדיקט?
ניטאָ קיין בליץ... דער צעדער, ווי א בער,
וואָס אינעם שלאָף א קויל האָט אים געטראָפן,
טוט צו דער הייך די וואָרצלען א פּאַרים,
און שווער, ווי יענער בער,
ווי ער — פאַרשלאָפן,
פאַלט ער אַוועק
דעם מענטשן צו די פיס.

4

און קאַלמען קוקט דעם אַלטן כּאָווער זײַנעם
אין קרוין, ווי אין אַ פּאָנעם, גלײַך אַרײַן,
און ס׳ערשטע מאָל אַ טרער אין אויג נעמט שײַנען
בײַ דעם סאָלדאַט.
און ס׳טוט אַ שפּאַר די פּײַן
נאָך שטאַרקער פֿון געוויטער.
און דער רעגן —
דער גוסרעגן אין פֿעלד ברעכט אויך שוין אויס,
און ס׳דוכט: אַרום די וועלט איז פֿון די ברעגן,
און זי וועט באַלד אַלץ אײַנשלינגען, און — אויס...

5

נאָר אין געקנאַל פֿון דונערן און בליצן
דערהערט זיך שטיל און היימיש בראָכעס קאָל:
„אַזוי געדיכט די קרוין איז, אַז באַשיצן
זי וועט פֿון רעגן אונדז"...
און קלאָר ווערט מיטאַמאָל,
אַז אויך באַשיצט פֿון רעגן איז דאָס קאָרן,
און אַז אַ טיפֿן זין האָט יענץ געזאַנג:
„אַראָפּלאָזן די האַנט וועסט אַף אַ דאָרן,
און אויפֿהייבן די האַנט וועסט מיט אַ זאַנג!"

1948

קאָסמישע פּאָעמע

ערשטע ליד. אין וועג

ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד...
(„אינטערנאציאָנאל")

אין הימל
אין ניט באטראָכטענעם,
ווײַטן,
אין געטלעכן הימל —
דער מענטש האָט געטראכט,
אז עפּשער גאָר איצטער
די טקופעס זיך בײַטן,
אזוי ווי עס בײַטן זיך
טאָג און נאכט.

די גיכקײַט, די ווײַטקײַט האָט אים ניט געכידעשט:
ווי מוישע־ראביינו, געוווּסט האָט ער פריִ'ר,
אז ס'וועט דער ריבוינעשעלוילעם גוטברידערש
אים אָפּטרעטן ניסים אצינד אָן א שיר.

ער האָט אפן זיבעטן הימל דערפילט זיך
אזוי ווי א טרוימער אין לאנד פון זײַן טרוים,

דערפילט זיך אױף „דו" מיט דער הײך,
און אפילע
א ביסעלע העכער פון הײך און פון רוים.

צי איז עס פון זעלטענעם גורל א סימען,
פון גורל אזא, וואָס בלויז אים איז פּארטרויט? —
געקומען א ליד איז אים אפן זינען:
Ни бог, ни царь и не герой.

מיט יאָרן צוריק האָבן טאטעס,
נאָך יונגע,
געטרײסלט די זײַלן, געקערט א וועלט —
אויף דעמלט זײ האָבן די ליד געזונגען:
...ניט גאָט אלײן
און ניט קײן העלד...

און כאָטש מ'האָט געשפּאנט
אונטער הײַנטיקע פענער, —
דעם מענטש מע האָט דעמלט אין רוים ניט געשיקט,
ווײַל ס'איז אָט דער אופּטו ניט מעגלעך געווען נאָך,
ביזוואנען עס האָט יענע ליד ניט געזיגט.

און איצט —
זיך דערזען אפן זיבעטן הימל,
דערזען זיך ער האָט — ווי ער שטײט און גײט:
אין הימלשן אָנטאָן,
אין ערדישן קלימאט,
אין ערדישן אויסזען
אױף הימלשער ברייט.

ער האָט זיך דערזען
און זיך גאָרניט פארכידעשט:
ווי מוישע־ראבײנו, געוווּסט האָט ער פרי'ר,
אז ס'וועט דער ריבוינעשעלוילעם גוטברידערש
אים אָפּטרעטן ניסים אצינד אָן א שיר...

צווייטע ליד. אף דער לעוואַנע

אין דעם איז די לעוואַנע שולדיק. מעגלעך,
זי איז צו נאָענט צוגעגאַנגען צו דער ערד
און אלעמען פון זינען פירט אַראָפּ.
(וו. שעקספיר. „אָטעלאָ“)

די לעוואָנע ניט געלאָזט האָט אונדז היינט שלאָפן:
די לעוואָנע ברייטהארציק איז אָפן!

און דער קאָסמאָנאווט איז יונג, ראָמאַנטיש —
פרי'ר געקוקט אף דער לעוואָנע אנדערש,
זי געזען אין אויסגעטרוימטע נעכט,
א פארצויגענע מיט סודעס, א באַטריבטע —
פאר פּאָעטן א געבענטשטע ערד
און א מאָקעם־מיקלעט פאר פארליבטע.

איצט האָט ער באטראָטן אירע שטיינער,
די נאָך ניט באטראָטענע פון קיינעם.
ער האָט אויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט
דאָרט, ווו שטילקייט איז מיליארדניאָריק —
ניט גערירט זי האָט זיך פונעם אָרט,
האָט ער זיך אף איר צעשריִען צאָרנדיק!
ס'האָט די שטילקייט אים געענטפערט טויב־פארדומפּן,
ווי דאָס טיפע טיאָכקען אין די זומפּן,
און כאָטש ניט געוועזן ס'איז קיין סאַקאָנע,
דאָך אן אייצע פרעגן איז אויך רעכט —

אויסגערופן האָט ער: „איך — לעוואָנע!"
און מ'האָט אים געענטפערט: „איך — די ערד!"

יאָ, געווען די ערד איז נאָענט טאקע...
ליבע, שיינע ערד אין זונען־פלאקער,
ווארעמע, פארקוטעטע אין גרינס,
היימישע און היימלעכע, געראמע,
זי — דעם מענטשנס הארנטע און דינסט,
זי — דעם מענטשנס שאפונג און זיין מאמע.

ווען אַף אלע שטערן וואָלט א היים זיין,
ווען אין ערגעץ וואָלט ניט זיין אונדז איינזאם —
דאָך די ערד וואָלט בלייבן אונדזער קאנט,
גאָרניט וואָלט פארבייטן זי ניט קענען,
ווייל אַף איר איז דאָ דאָס ראטנלאנד,
ווייל עס איז אַף איר געבוירן לענין.

— — — — — — — — — — — —

די לעוואָנע ניט געלאָזט האָט אונדז היינט שלאָפן:
די לעוואָנע ברייטהארציק איז אָפן!

דריטע ליד. ערדישע מאכשאָוועס

ערדישע וועגן..
(ש. האלקין)

ערגעץ באם „יאם פון קלאָרקייט",
צי בא א „יאם" א צווייטן —
(שטיינער און שטויב און כוישעך,
קיין וואסער ניטאָ און קיין לופט) —
דער קאָסמאָנאווט איז באצויבערט:
אן אופגאנג נעמט ברייט זיך שפרייטן,

אן ערד־אופגאנג אף דער לעוואָנע...
די ערד! די ערד גייט אוף!

דער מענטש פון יענער פּלאַנעטע,
דער ערד־מענטש
ווישט אוים די אויגן.
אפילע פונדאנען זעט ער,
ווי גרוים זי איז און ווי יונג;
די קנייטשן פון מאטעריקן
מיט בלוילעכן טרוים פארצויגן,
און נאָענט אזוי אירע טייַכן —
בייג אָן זיך און טו א טרונק.

פארהאָרעוועט, שטארק פארנומען,
אין גרויסע ריטמען פארקייטלט.
די רייכעם אף איר פארשיידן:
בלומען
און שוויים
און בלוט.
די זין אירע און די טעכטער —
זיי שעפּן אויך אָפּט פון גרייטן,
און זעלטן זיי פרעגן אָן זיך,
צי מיד זי איז,
צי זי רוט...

מע שטעלט איר אויך צו א כעזשבן,
ווי געווען זי וואָלט עפּעס שולדיק,
מע שטופּט זי אונטער,
מע טאָרקעט זי,
מע בעט בא איר און מע שרייַט,
און זי, די נאטור, וויל ניט איַילן —
עם ווארעמט די זון געדולדיק,

דאָס ברויט אין פעלד וואַקסט פּאַמעלעך,
עס טוט זיך ניט פאַר דער צײַט.

דעם קאָסמאָנאַווט איז נאָענט
דער אָטעם פון זײַן פּלאַנעטע.
דאָרט פּלײַען מיליאָסן פייגל,
דאָס גראָז הייבט זיך אויף און וועלקט,
די כײַעס אין וואַלד,
די מענטשן
טראָגן זיך, יאָגן זיך, עטעמען —
און דאָס איז דער גרויסער אָטעם
פון איר, פון דער ערדישער וועלט.
פאַראַן אין דעם אָטעם אירן
כוואַליעס, וואָס ברייט און פּלוצעם
שפּרייטן זיך אויס אויף לענדער,
שפּרייטן זיך אויס צעהעלט —
דאָס איז דער גאַנג פון פעלקער,
ס'פײַער פון רעוואָליוציעס,
דאָס איז דער גרויסער אָטעם
פון איר, פון דער ערדישער וועלט.

ערגעץ באַם „יאַם פון קלאָרקײַט",
צי בא א „יאַם" א צווייטן —
(שטיינער און שטויב און כוישעך,
קיין וואַסער ניטאָ און קיין לופט) —
דער קאָסמאָנאַווט איז באַצויבערט:
אַן אופגאַנג נעמט ברייט זיך שפּרייטן,
אַן ערד־אופגאַנג אויף דער לעוואָנע...
— די ערד! די ערד גייט אויף!

פערטע ליד. ניטאָ קיין גאָט

פאַרשטייט זיך, אַז מע דאַרף מיט אָפּשײַ באַציִען
זיך צו די געטער, נאָר בעסער פון אַלץ איז **ניט**
אַרײַנטרעטן מיט זיי אין קיין ענגע צווישנבאַ־
ציִונגען...

(קאָנפוצי)

ס'קוקט די ערד אין דעם הימל
א שטאָלצע, א פאַרגאַפּטע.
אַף דער ערד איז יאָמטעוו —
רום די קאָסמאָנאַווטן!
גוט איז אַפן האַרצן,
סטײַעט שפּאַס פאַר יעדערן:
— אוי, זיי זײַנען דאָרטן וואָגלאָז, ווי די פעדערן...

נאָר דאָס לעבן וואָג האָט,
און מע נעמט פאַרפלאַנצן עס.
אין דעם קאָסמאָס אַרבעטן אַלע ראַדיִאָסטאַנציעס...
מע דערציילט, אַז דאָרטן,
בא דעם „יאַם פון קלאָרקײַט",
האָט דער מענטש אין זײַנע
קעשענעס געפּאָרעט זיך
און אַרויסגעטרייסלט...
יאָ, עס איז א סוואָרע,
אַז ער האָט א זשמעניע קערנער דאָרט פאַרלאָרן...
אָט די קערנער זײַנען פון ריאַזאַן אַוואַדע,
צי פון אוקראַיִנע, צי צעלינאָגראַדער...
וואָס געשען איז ווײַטער,
וואָס וועט שפּעטער ווערן —
פרעגט בא דער לעוואָנע, בא די ווײַטע שטערן...

יאָ, דאָס לעבן וואָג האָט.
וויפל קויכעס קאָסט עס?..
ווידער פליִען מענטשן — ווידער אין דעם קאָסמאָס.
קומט צו לויפן אײַליק אין זײַן שווארצער ריאַסע —
ווייסט איר ווער?
א גאַלעך!
און ער איז אין קאַעס:
— באָזשע אופּאַסי!.. די אַנטיכריסטן לאָזט ניט!..
לעבן דארף מען הי!..
און ס'איז ניטאָ קיין קאָסמאָס!..
גאָט — ער איז פון אויבן,
מיר — זײַנען פון אונטן.
וווּהין וועט דער אַלמעכטיקער
אין קאָסמאָס זיך אַהינטאָן?
וואָס וועט זײַן, אויב מענטשן, לעבעדיקע פליִער,
וועלן אין גאַניידן מיטאַמאָל פארפליִען?
ספּוטניקעס — אום יאָמטעוו,
ראַקעטעס — אינדערוואָכן,
איבערפאָרן וועלן זיי אין הימל די מאַלאָכים...
באָזשע אופּאַסי!.. די אַנטיכריסטן לאָזט ניט!..
בלײַבן דארף מען הי!..
און ס'איז ניטאָ קיין קאָסמאָס!.. —

נאָר דאָס לעבן לאַכט:
אין קאָסמאָס מע פארפלאַנצט עס...
אין דעם הימל ארבעטן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס.
זיי, די קאָסמאָנאַווטן, ראַפּאָרטירן זיכער:
— ס'איז ניטאָ אין הימל פון קיין גאָט קיין זייכער!

קומט צו לויפן אײַליק, קומט אין זײַן קאַפּאָטע —
ווייסט איר ווער?
א ראָוו גאָר! —
ווי א שווארצער שאָטן:

— האלט נאָר אָפּ דאָס פּליִען!..
וואַרט נאָר צו אַ ווײַלע!..
פּאַסקענען איך וויל
דעם קאָסמאָנאַווט אַ שײַלע.
אָט, לעמאָשל, פּרעגט זיך, צי מע וועט דאָרט קאָנען
אָפּהיטן דאָס יִידישקייט — דאָרט אױף דער לעוואָנע?
גרויס איז דער לעוואָנעס טאָג, מיט האַקל־פּאַקל —
ערדישע צוויי וואָכן, פֿערצן טעג סאַכאַקל.
איז אים אונדזער טאָג קיין פּאָר
און אויך קיין מאָס אים —
יעדן טאָג מ׳דאַרף דאָרטן פּראַווען צוויי שאַבאָסים!

איצטער נאָך אַ שײַלע,
אויך אַ וואַזשנער אייסעק —
צי עס טויג דער בלויער קאַנט אױף די טאַלייסים.
בלוי בא אונדז דער הימל — קלאָר איז יעדן, דאַכט זיך,
אָבער דאָרט דער הימל איז ווי פּעך אַ שוואַרצער...
דאַרף מען אויך די ברעגעס אױף דעם טאַלעס בײַטן,
און ניטאָ וואָס כקירען
און ניטאָ וואָס שטרײַטן!

און די שווערסטע שײַלע —
ענטפערט אױף נעמאָנעס:
ווי‌אַזוי מעכאַדעש זײַן זי, די לעוואָנע,
ווען אַליין ביסט דאָרטן,
דאָרט, אױף דער לעוואָנע? —
און דאָס לעבן לאַכט:
אין הימל מע פּאַרפּלאַנצט עס...
אין דעם קאָסמאָס אַרבעטן אַלע ראַדיִאָסטאַנציעס:
— גאָט און די מאַלאָכים,
שאַבעס און טאַלייסים —

פינצטערע כאַלוימעס.
טפו!
און אייסעך־ווייסעך...

ס'קוקט די ערד אין הימל
א שטאָלצע, א פארגאפטע.
אף דער ערד איז יאָמטעוו —
רום די קאָסמאָנאווטן!

פינפטע ליד. אייגנס

...שלעפעניש, ארומוואָגלעניש און קאפּצאָניש...
(מענדעלע מוכר־ספרים)

א קליינטשינקער, א גרייזער —
מיין זיידע יוינע־ליבער
געמאכט האָט זיינע רייזעס
קיין וויניצע פון ליובאר.

געשלעפּט האָט זיך פאוואָליע
קיין טשודנאָוו און קיין קריטשעוו —
פון שטעטל אָסטראָפּאָליע
און ביז צום קראך בערדיטשעוו.

אמאָל א ביסל נעענטער,
אמאָל א ביסל ווייטער —
נאטירלעך, ס'האָט געווענדט זיך
אין קוי'ך
און אין דעם בייטל.

וואָס דאַרף אַ ייִד גאָר פאָרן?
וואָס דאַרף אַ ייִד גאָר האַוועַן?
ער לעבט זיך אויס די יאָרן
באַם בענטשן און באַם דאַוונען.

פאַרענטפערט ער זיך גערן:
אַ קאַשע אַף אַ מײַסע...
מע שפּאַנט איבער גובערניעס? —
מע גייט איבער די הײַזער!

איך טראַכט וועגן מײַן זיידן,
און וועגן טאַטן קלער איך —
עס וואָלט זיי איצטערביידן
געווען אַ ביסל שווערלעך.
געוווינט צו יענע מאָסן,
געוווינט די טריט צו שפּאָרן,
און איצטער
אין דעם קאָסמאָס
מע וועט מיט מאַזל פאָרן.

מײַן טעכטערל —
אין דרימל
אַ כאָלעם זעט לעסאַטע:
דאָס טעלערל פון הימל
וועט ברענגען איר דער טאַטע.

ס׳געפעלט מיר די קאַוואָנע,
דער טרוים אַף שטאַרקע פליגל.
אָט ברענג איך די לעוואָנע
מײַן טעכטערל אין וויגל...

כ׳וואָלט אָפּגעלייגט אַף שפּעטער,
די שאָ איך וואָלט פאַרביטן, —
נאָר ס׳זײַנען די סאָוועטן
אַרויס אַף דער אָרביטע!

אף אָט דעם וועג דעםברייטן
איך זע אויך זיי מיט כידעש:
מײַן טאַטן און מײַן זיידן —
איך זע דאָס פאָלק דאָס ייִדישס.

זעקסטע ליד. עס זינגען קאָסמאָנאַווטן

די ערד מיר האָבן אָפּגעבונדן פון די קייטן,
א שטויס געטאָן זי צו די הימלען שטראָם־ארוף,
מיר זײַנען ניט געגאַנגען זי באַגלייטן —
אליין מיט בײדע פיס אַף איר ארוף.

דערווײַל איז אונדזער וועג — ביז דער לעוואָנע,
נאָר אויב דער מענטש גייט אין דעם רוים אוועק,
וועט ער דער מאַמע־ערד, ווי א מאַטאָנע,
א טשאַטע שטערן צוטרײַבן צום ברעג.

ווער זײַנען מיר?
— מיר זײַנען זין פון מאָסקווע.
וואָס טוען מיר?
— מיר האָבן פעסט און צאַרט
די האַנט אוועקגעלייגט אַף אַקסל פונעם קאָסמאָס,
צו וועלטן אַנדערע די רויטע פאָן געבראַכט.

1961

אינהאלט

וואָרצלען

1. צווישן בירע און בידזשאַן

זײַט

אונדזער געבאַט 5
פרילינג אין מײַן קאַנט 6
איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען? 8
באַם קוואַל
א. „ווען עס פאַלט א טראָפּן אף א שטויבל...‟ 10
ב. „כ׳בין צום קוואַל געקומען...‟ 11
ג. „ס׳האָט ערשט ארויסגעשלאָגן ס׳פרישע קוואַלעכל...‟ 12

2. היים

א. „ווען כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד...‟ 13
ב. „א וווּנדערלעכע נאכט, מײַן טײַערע...‟ 14
ג. „מירן שפּעטער די כאַסענע פּראַווען...‟ 15
ד. „נו, טײַ א קענדעלע!..‟ 16
ה. „כ׳האָב זיך פארבענקט...‟ 17
ו. „שטילקײַט און שווײַגן...‟ 18
ז. „האָבן וואַסערן אין שטילקײַט זיך פארוויגט...‟ 19
ח. „דער קלאָרער שניי, ווען ער איז ווײַס ווי שוים...‟ 20
ט. „איך פיל ניט, ווי איך וואַקס...‟ 21
י. „אין א וויגע, אין א ווילדער נאכט...‟ 22

3. העכער פון א דעמב און שטארקער פון א טרייפע

צווישן צוויי סטיכיעס 23
איך וויל איצטער יאָגן 26
א טרער, מײַן פרײַנט, טוט קיינמאָל מיר ניט באנק 28
דאָרשט 29
דער מילכוועג 30
געלויבט זאָל זײַן 32
Sta, viator! 34

אומקער צום לעבן

1. מילכאָמע

די מורעשקע נאָך האָרעוועט 37
רוף צונויף מיט געזאַנג די סטאדע 39
דער פאָנטאָן 40
נאטיורמאָרט 41
דאָס רוסישע פעלד 42
יווישער 43
א סודע באם שײַטער 44
באם קוואל פון דער קינדהײַט 47
ווען ס'הילכט אָפּ דאָס געשלעג 48
דעם זעלנערס מוטער 49

2. לידער אין מײַן פעלד־ביכל

דער דיכטער אפן פראָנט 50
שורעס, אָנגעשריבענע דעם 22 יון 1941 יאָר 51
די פליג 52
געמיטלעכער שטייגער 53
גאָלדענער אָסיען 54
דער ביקס פארטרוי איך 55
ווי צעלייגט מען א פײַער? 56
פארוואָס דעם זעלנער זײַן מעקאַנע 57

פאַרגעפיל פון אָנגריף 58
א טרוים 59
ווינטערדיקער פּייזאזש 60
זומערדיקער פּייזאזש 61
סאָלדאטישער הארבסט 62
די וועטשערע 63
גיט מיר אָפּ דאָס אויסגעבענקטע פעלד 64
„אַנזאָטלען" א וועג 65
די לעצטע קויל 66
אין א נײַער דירע 67
אין דאָרף וואגײַקא 68
אף א זאמדיק אָרט 69
פראָסט 71
א מאטאָנע 72
די נאכט־אטאקע 73
א שאָס 74
דער סאָף פון שלאכט 75
ארופגעטראָטן אף דעם סוינעס ערד 76
פּאָנטאָנען 77
אין וואלד אף אָפּרו 78
אזוי ווי די דעמבן אין שטורעם 79
מײַן געמיט 80

3. ליבע אין טראנשיי

א. „שוין לאנג זיך צעשיידט..." 82
ב. „בלוט וויל פרייד פון ניצאָכן פארומערן..." 83
ג. „א קינד בין איך געווען..." 84
ד. „צי ווייניק כ'וויל..." 85
ה. „א געוויינלעכער מילכאָמע־טאָג..." 86
ו. „שוין דעם צווייטן מעסלעס..." 87
ז. „אינעם שאָטן פון די ווײַנגערטנער..." 88
ח. „כאוויירים מײַנע..." 89

4. עס לעבט דער באַטאַליאָן

דער זיקאָרן 90
א שמועס מיטן טויט בא די דראָט־פאַרצוימונגען 91
Moritur 92
אין פעלד־שפּיטאָל 93
אליין אנטקעגן טאַנק 94
אומקער צום לעבן 95
טרויער 97
וואלד 98
דאָס לעצטע וואָרט פון א רײַטער 99
עס לעבט דער באַטאַליאָן 100
דער אומבאוווסטער זעלנער 102
דער דענקמאָל 103
פעטערהאָף 104
קייווער־אָוועס 105
איצטער זײַנען מיר מילדער 107
דער גורל 108

5. דער וועג צום זיג

שניט־צײַט 1941 109
באנאכט 111
אין סוינעס הינטערלאַנד 112
די וועווערקע 113
בענקשאפט נאָך ביראָבידזשאַן 115
א רעגן א גאָס 116
די לעצטע הונדערט מעטער 117
פרײַנטשאפט 118
צוויי דעמבן 119
זעלנער 120
געהאט האָב איך מוירע 122
שפּיל, באַיאַניסט 124
פאַרבונדן מיט דער ערד 125

אמאָל איז דאָ געווען די עקסטע גאס 126
אין דער היים 128
ביראָבידזשאנער דאָר 130

מײַן ערדישע נעסט

1. דאָס הארץ איז אָפן

פּאָעמע פון אלע פּאָעמעס 135
טרעבלינקער שטיינער 136
אף צ׳ריקוועגס פונעם טויט 139
מיר זאָל זײַן פאר דײַן קאָפּ 140
רעדע צו די פּאריזשער אײַנוווינער וועגן די פּאריזשער טויבן 141
א טאָג פון אָפענע הערצער 144
בענקשאפט 147
דער וועג פון ערגעץ אנדערש 148
ערעוו א פאָלקס־ציילונג 150
אין די שטערן כ׳דריי ארויס די ליכט 151
דאָס געזאנג וועגן קינדערשן געוויין 152
אן אָפּהילך אין די אויערן 154
קרוינען הערן 155
אָן א שטיין 156
יאם־לידער
א. „רו שוין אָפּ זיך, יאם...“ 158
ב. „דו זע נאָר, ווי עס קאָכט...“ 159
ג. „אויב ס׳איז באשערט צו פאלן...“ 160
ד. „דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם דריטן וואל...“ 161
דער הויכער בארג פון דעם הארצן 162

2. קום ארײַן אין מײַן וועלט

דער מענטש 163
די וועלט 167
א וואָרט צו ראסייא 169
אין אייגן פעלד 172

א פארגעסן וואָרט 174
אין וועג 175
קום אַרײַן אין מײַן וועלט 176
אפילע 177
וועט קומען דער טאָג 178
שפּיל, סאָלאָווייטשיקל 179
וויטשעגדא 181
א ווונטש 182
צוגאסט בא די גראָזן 183
הינטישע רעציכע 184
דו שטייסט מיטן קאָפּ אראָפּ? 185
א הונדערט־איין־יאָריקער האָט געפּרוווט באגיין זעלבסטמאָרד 186
אויב ס׳קומט דער טרויער, אויב ער קומט 187
און דאָך, אָ גרויסער בארג 188
ניטאָ קיין נאכט 189
די צײַט לויפט 190
זאָל קומען דער ווינטער 191
איך קוק צו דיר זיך צו 192
עלעגיע 193
Alibi 194
מעסט ניט מיט איין מאָס 195
ווי פאלט דעם פויגל אײַן 196

3. ווידער בא די קוואלן

איך — דער אזיאט 197
מע שיקט ארויס אים פון סיביר 198
עקזאָטישע טײַגע 199
טײַגע און דזשונגליעס 201
אין וואלד 202
מעכילע בא דעם פוקס 204
באלאדע וועגן מעדוויעזשי באָר 206
צוויי באנען 207
פויגל־הייך 209

כ׳האָב געהערט דעם גלוכאר

1. קער מיר אום צוריק מײַן פײַפל

פון אלעף ביז טאָף 213
קער מיר אום מײַן פײַפל 214
נאָך א שטורעם 215
אפסנײַ 216
א דאנק 217
טוט א נעם די פידעלעך 218
איך ווייס ווּהין צו גיין 220
פארגעסט ניט 221
איך גיב זיך א ניידער 222
צום דיכטער 223
א מאזל אזא 224
אויב דו דארפסט מיך זוכן 225
מײַן ליד 226
הארמאָניקעס 227
גלין־גלאָן 229
זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן 230
כאפּ ארויס דאָס פישל 231
גייט א מענטש אפן וועג 232
די סאָווע 233
גלוכאר 234
ס׳וועט אלצדינג זײַן 235
שעפע 236
א שײַלע 237
ווערטער 238
דער פידלער הערט זיך צו צום גריל 239
ווּ איז דער מענטש בא לעוויטאנען 240
מארק שאגאל 241
די טענצערן 242
אפן טויט פון מוישע טייף 243
אויצער 244

די ליד פארפלייצט האָט אַלע ברעגן 245
אַ דאָר קומט, אַ דאָר גייט אוועק 246

2. ליבע

איך ווייס אַף זיכער 247
ספירה 248
די פרוי 250
ווינטער 251
פּאָעמע וועגן פּרוייִשע הענט 252
אַ שפּעטע ליבע 254
דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאַק 255
נייטערנס און מאַנעקענשעס 256
מיידל, איך האָב דיך ליב 257
צאַרטקייט 258
וועגן „יאָ" און „ניין" 259
די מאַמע וויל ניט פאָרן אַפן מאַרק 260
אַ שלעכטער געדאַנק 261
צעשיידונג 262
צו אַ פרוי 263
איך וואַרט אַף דיר 264
אייפער 265
וועגערע 266
מאָרגנשטערן 267

3. לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים

באַם אַראָפּשטייַגן אין ניו־יאָרק 268
מיט וואָס פאַרגלייַכן דעם בראָדוויי 269
אין אַ העליקאָפּטער איבערן אינדזל עליס איילאַנד 271
מענטשן פון געטאָ 272
עמפּייַר סטעיט בילדינג 274
גאַנגסטערס 275
וויליאַמסבורג 276
אַ דערמאָנונג 277

23*

יונגע ווײַבלעך . . . 279
זאָג מיר א ביסעלע מוסער . . . 280
ווּעסט פּאַרשטײַן . . . 281
איך א וועלדל לעם וואשינגטאָן . . . 282
צוגאסט בא שאָלעם־אלײכעמען . . . 283
לאָז מיך צורו . . . 286
אפן וועג פון אמעריקע קײן אײראָפּע . . . 288
דערוואַרעם אינעם שוים דײַנעם שפּינאָזען . . . 290
האָלענדישער מאָטיוו . . . 291
רעאבּיליטאַציע . . . 292
ווי א היגער . . . 294
בא דער סען . . . 296
איך לעב אין דעם נעכטן . . . 297
דאָס אלטע פּאַריזש . . . 298
די מאדאָנע אין צוג פּאַריזש — מאַרסעל . . . 299
איך מעלדע . . . 300
א דעסאַנט האָט זיך בא אײַך ארויסגעזעצט . . . 301
אין זיקאָרן — מאָריס ווינטשעווסקיס א ליד . . . 302
די בענקשאַפט אהײם לאָזט ניט שלאָפן . . . 303
א פּרעסע־קאָנפערענץ אף דער „יידישער גאַס“ . . . 305
מיט מאַרק שאַגאַלן אין שטעטל סען־פּאָל דע וואַנס . . . 308

געזאַנגען

דאָס געזאַנג וועגן יויסעף בומאַגין . . . 315
דאָס געזאַנג וועגן קאַלמענס הענט . . . 328
קאָסמישע פּאָעמע . . . 339

Арон Алтерович Вергелис

ОТ «А» ДО «Я»

(на еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1970, 360 стр.
Редактор *М. М. Грубиан.* Художник *В. И. Левинсон.*
Художж. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор
И. Ф. Шустер. Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 24/VI 1969 г.
Подписано к печати 8/I-1970 г. Бумага $70 \times 108^1/_{32}$ № 1.
Печ. л. $11^1/_4$. (15,75). Уч.-изд. л. 9,14. Тираж 900 экз.
Заказ № 1469. Цена 1 р. 13 к.
Издательство «Советский писатель»,
Москва К-9, Б. Гнездниковский пер. 10
Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13.